STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07813

# A ZUN FUN FOLK

Maurice Thorez

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



COPYRIGHT BY
EDITIONS SOCIALES
PARIS - 1950

**EDITIONS SOCIALES**
**64, Boulevard Auguste-Blanqui - PARIS (13e)**

מאָרים טאָרעז
דעפוטאַט פון סען־דעפּאַרטעמענט
גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

# א זון פון פאָלק

דאַס גליק איז אַ נייע אידיי
אין אייראָפּע.
סען-זשיסט.

פאַרלאַג „עדיסיאָן סאָסיאַל״
פּאַריז 1950

קאפיטל 1.

# דערוואַכונג

**אַ קינדהייט אין די קוילנגרעבער־ישובים. — די קאַטאַ־סטראָפע אין קוריער. — ערשטע באַרירונג מיט דער ווירקלעכקייט. — דער זיידע. — דער פּראָלעטאַריאַט פון צפון־פראַנקרייך. — אַ קינד פון קוילנגרעבער פאַרדינט זיין שטיקל ברויט. — 1914: די מלחמה — צוויי נע־ונדניקעט אויפן פראָנט־געביט. — אין קרעז־דעפּאַרטעמענט. — אַ פּאַראָבעק. — מיינע אוניווערסיטעטן. — אַ שיפער אויף דער סאָם. — נייע בילדער פון דער אַרבעטער־נויט. — די רוסישע רעוואָלוציע. — איבער דער פּאַרוויסטער זאָנע. — אין דער משפחה. — דאָס לעבן הייבט זיך ווי־דער אָן. — די שטרייקן און דער רעוואָלוציאָנערער אויפ־ברויז אין 1919 און 1920. — די שלאַכטן פאַר אָנשליסן זיך אינעם 3־טן אינטערנאַציאָנאַל. — אין מיליטער. — דער קאָנגרעס פון טור (דעצעמבער 1920).**

אַ זון און אייניקל פון קוילנגרעבער, זע איך פאַר מיינע אויגן, אַזוי ווייט ווי מיין זכרון דערגייט, דאָס שווערע לעבן פונעם אַרבעט־מענטש: אסך ליידן און ווייניק פרייד. דער חושכדיקער קוילנגרעבער־ישוב, דער אַריינגאַנג אין דער שאַכטע, דער גאַנג פון די קוילנגרעבער, דערדריקטע דורך אַן אַנגעשטרענגטער אַרבעט עטלעכע הונדערט מעטער אונטער דער ערד; און טיילמאָל די האַנט־האַרמאָניקע, דאָס געיעג פון די טויבן־כאַפּער און די לידלעך פון דער „דיוקאַס" 1) — אויפן דאָזיקן מאָנאָטאָנעם און גרויען פאָן טיילט זיך אויס, שטאַרקער און פיינפולער, די שורה שוואַרצע אָדער גרינע דעקעס מיט טונקעלע פלעקן און דער לאַנגער צוג הייל־

1) אַ יום־טוב אין צפון־פראַנקרייך (באַמערקונג פון איבערזעצער).

צערנע טרומנעס, אויסגעשטעלטע איינע נאָך די אַנדערע אין די שאַפּעס. איך זע ווי מענער, פרויען, קינדער לויפן אין אַלע זייטן, שטויסן זיך אָן, שטופן זיך, קומען צוריק, דרייען זיך הין און צוריק אויפן אָרט. זשאַנדאַרמען היטן די טירן, קעגן וועלכע עס ברעכט זיך, ווי אַ כוואַליע, אַ יאָמערנדיקער המון... און דאַן נעמען זיך מיינע זכרונות צונויפקייטלען, ווערן פּינקטלעכער, קלאָרער. די בילדער און די קאָלירן ווערן שאַרפער, בולטער. איך וועל אינגיכן אַלט זיין זעקס יאָר: איך בין געבוירן געוואָרן כמעט מיטן יאָרהונדערט, דעם 28־טן אַפּריל 1900.

...אַ געוויסן, געוויינלעכן טאָג, שפּילנדיק זיך מיט די קינדער פונעם ישוב, איז אונדזער אויפמערקזאַמקייט געוואָרן צוגעצויגן דורך אַ טויבן גערויש, אַ ווייטן אָפּהילך פון טריט, אַ געקלאַפּעריי פון הילצערנע שיך אויפן ברוק. די מענטשן זיינען געלאָפן אין דער זעלבער ריכטונג: איך האָב געטאָן אַזוי ווי זיי. עס איז געווען פריילעך צו לויפן אין גאַלאָפּ, איבערצויאָגן די אַלטע, וואָס האָבן שווער געאָטעמט, די פרויען, וואָס האָבן געטראָגן עופּהלעך אויף די הענט. מען האָט געשריגן:

— דאָס איז אין קוריער! אין גרובן פון מעריקור! פאַראַן 1300 טויטע!

אַזוי בין איך דעם 10־טן מערץ 1906 געלאָפן אין דעם אייזיקן נעפּל און האָב אַדורכגעמאַכט, אַזוי שנעל ווי מיינע קליינע פיסלעך האָבן מיר עס דערלויבט, די זיבן קילאָמעטער, וואָס טיילן אָפּ נואַיעל־גאָדאָ פון דעם ישוב מעריקור, אויפן וועג קיין לאַנס. פון די אַרומיקע דערפער האָבן געשטראָמט קוילנגרעבער, וואָס האָבן פאַרלאָזט די אַרבעט, פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך געשטופּט און אַריבערגערופן איינע צו די אַנדערע; צונויפגעמישטע און צערודערטע האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ מין צוקלאַפּטע אַרמיי, איבער וועלכער עס שפּרייט זיך אויס דער שאָטן פון טויט.

אין מעריקור האָב איך פון אָנהייב גאָרנישט געזען. די מענטשן־כוואַליע האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ הויכן פּלויט פון אייזערנע שטאַכעטן, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין אַ לאַנגער וואַנט פון ציגל. הינטער דעם שטאַכעטן־פּלויט זיינען אַרומגעלאָפן מענטשן, שוואַרצע, פאַרפאָרעטע, מיט קאַפּושאָנען און מיט אויסטערלישע אַפּאַראַטן אויף די קעפּ. ווייט אינעם נעפּל האָט זיך געמערקט דער סילועט פון הילצערנעם געשטעל איבערן גרובן, מיט זיינע אומבאַוועגלעכע רעדער. איבער דער דאָזיקער אַבלדיקער לאַנדשאַפט האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פייכטער סאַזשע, פון אָפּגעברענטס, פון רויך. גלייך האָבן זיך אויפגעהויבן קלאָגערייען, קללות; פרויען מיט צעשויבערטע האָר האָבן געיאָמערט; דער המון האָט זיך

צעוויגט. מען האָט גערעדט וועגן איינברעכן דעם פּלויט. רייטער־זשאַנ־דאַרמען האָבן זיך באַוויזן ווי פון אונטער דער ערד און האָבן געשטויסן זייערע פערד קעגן דער מאַסע.

אָבער די מאַסע, וואָס איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, איז נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין איין שפּאַן. שאַרפע אויסגעשרייען זיינען געקומען פון אַלע זייטן :

— זאָגט אונדז דעם אמת!... זאָגט אונדז, וואָס איז געשען!... לאָזט אונדז זען!... לאָזט אונדז אַריינגיין!...

— מיין מאַן איז אונטן...

— מיינע קינדער זיינען אונטן...

— אַלע מיינע זיינען אונטן...

איך דערמאָן זיך, אַז דערנאָך בין איך, צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער, צוריקגעקומען אין דערפל. מיר זיינען געוועזן דערשלאָגן, טויט־מיד און זיינען געבליבן לאַנג אַזוי, נישט שפּילנדיק זיך און נישט קריגנדיק זיך...

אין די שפּעטערדיקע טעג בין איך צוריקגעקומען קיין מעריקור. עס זיינען דאָרט געווען פיל זשאַנדאַרמען. אַלץ איז געווען אַנגעטאָן אין שוואַרצן. אויף דער שוועל פון די הייזער, לענגאויס דעם ישוב, האָבן די מענטשן געוויינט; קינדער האָבן זיך געטוליעט צו זייערע מאַמעס. אין די שכנותדיקע דערפער, אין סאַלאַמין, אין בילי־מאָנטיני, איז געווען דאָס זעלבע בילד. אומעטום האָט מען די שאַפּעס פאַרוואַנדלט אין טויטן־הייזער. די מענטשן האָבן גערעדט מיט אַנערקענונג וועגן די רעטונג־גרופּעס, וואָס זיינען געקומען פון וועסטפאַליע.

דערנאָך האָבן, אונטערן פאַלנדיקן שניי, זיך אָנגעהויבן די טרויער־צוגן, די לוויות פון די אומגליקלעכע קרבנות.

די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע געגנט. שוין לאַנג ווי דאָס שוואַרצע פאַלק פון קוילנגרעבער האָט זיך געקלאָגט אויף די הונגער־לוינען, אויף דער צו־שווערער אַרבעט, אויף די נישט־גענוגנדיקע זיכערקייט־באַדינגונגען, דער צאָרן האָט געברויזט קעגן די קוילנגרובן־געזעלשאַפטן. כדי צו פאַרגרעסערן די דיווידענדן פון די מאַגנאַטן, זיינען 1.300 אַרבעטער געוואָרן פאַרמשפּט צו אַ שוידערלעכער גסיסה אין די טיפענישן פונעם גרובן. די ערד האָט זיי נאָך נישט צוגעדעקט, און שוין האָבן די גיריקע אונטערנעמער פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן פאַרביטן ווערן דורך אַנדערע. זיי האָבן געפאָדערט נייע קרבנות. די

פאַרצווייפלונג און דער רעוואָלט האָבן זיך פאַרשפּרייט פון ישוב צו ישוב, האָבן פאַראייניקט די לעבן־געבליבענע אין איין אָפּזאָג: דער שטרייק איז אויסגעבראָכן.

אַן אמתע אָקופּאַציע־אַרמיי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קוילן־באַסיין.

אין די דערפער, אין די הויפן האָבן זיך געשאַפן מענטשן־גרופּעס. לאַנגע צוגן האָבן געשטראָמט אויף די וועגן. דאָס איז מער נישט געווען דאָס ווילד־צעשראָקענע געלויף פון 10־טן מערץ; מענער מיט ערנסטע בליקן האָבן צאָרנדיק געשריגן; אַנדערע האָבן געריסן שטילערהייט וועגן די, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן בית עולם אין זייער אייביקער רו.

איינע פון די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס, מיט דער רויטער פאָן אין דער שפּיץ, האָט אויפן וועג פון העגען־ליעטאַר זיך אָנגעשטויסן אויף זשאַנדאַרמען. יענעם טאָג האָט מיין מוטער, גייענדיק אין שטאָט, מיך געהאַט מיטגענומען צוזאַמען מיט מיין שוועסטער און מיין ברודער. מיר זיינען געגאַנגען אין דעם צוג. מיטאַמאָל האָט דער שפּיץ פון צוג זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ; עס האָבן זיך דערהערט געשרייען, פייפעריין; די מאַסע האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעטרייסלט און פּלוצלונג — אַ ווילדער גאַלאָפּ. די זשאַנדאַרמען האָבן אָנגעגריפן. איך בין געוואָרן אָפּגעריסן פון מיין מוטער, פאַרשלעפּט, געטראָטן; איבער מיר זיינען אַדורך די ריזיקע שאָטנס פון די פערד.

איך האָב זיך אויפגעהויבן און בין צוגעלאָפן צו אַ ווינקל הינטער אַ טיר; אַ ריז מיט אַן אויפגעהויבענער שווערד אין דער האַנט האָט געוואָרפן זיין פערד קעגן אַ גרופּע מאַניפעסטאַנטן. אייניקע שטרייקנדיקע האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין די לייצעס פון די פערד; אַנדערע האָבן געזוכט אַ שוץ אין די הויפן — בעת אַביסל ווייטער האָבן די סאָלדאַטן, מיט אויסגעשטרעקטע באַגנעטן, זיך אויסגעטיילט אין אַ בלוי־רויטער שורה, ווי אויפן בילד, וואָס האָט זיך געפונען ביי מיין זיידן און וואָס האָט פאַרגעשטעלט די שחיטה פון פורמי 1).

אַ גאַנצן טאָג זיינען זשאַנדאַרמען־פּאַטרולן אַרומגעגאַנגען איבער אונדזער דאָרף, וואָרפנדיק חוצפּהדיקע בליקן אין די פענצטער. מיין מוטער האָט פאַרצויגן די פאָרהאַנגען. און מיר זיינען געבליבן אין דער

1) די שחיטה אויף אַ פרידלעכער אַרבעטער־מאַניפעסטאַציע דעם 1־טן מאַי 1891 אין פראַנצויזישן שטעטל פורמי, בעת וועלכער 8 אַרבעטער זיינען געוואָרן דערהרגעט און פיל פאַרוואונדעט (באַמ. פון איבערז.).

היים, אין דער פינצטער, זיך צוהערנדיק צום געקלימפּער פון די שווערדן.
אַ ריי מאַניפעסטאַנטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אַנדערע זיינען גע־וואָרן פאַרוואונדעט.

דער שטרייק האָט געדויערט קנאַפּע צוויי חדשים, גענוי 52 טעג. צוויי חדשים פון שרעקלעכער אַרעמקייט און נויט, צוויי חדשים פון ליידן און צאָרן. דער גאַנצער גורל פון די קוילנגרעבער האָט זיך דאָ אָפּגע־שפּיגלט: די שווערע האַרעוואַניע, די אַרבעט־פּאַרפאַלן, די פאַרשיטונ־גען, דער גרובן־גאַז. און ווען זיי האָבן אַרויסגעשריגן זייער ווייטיק, נישט קענענדיק מער אַריבערטראָגן די נויט, האָט זיך באַוויזן די באַ־וואָפנטע קראַפט, כדי זיי אַנצולערנען!

אין משך פונעם שטרייק האָט מיין זיידע קלעמאַן באַדרי אָוועקגע־לייגט אַ ים מיט כוחות. ער איז געווען אַן אַלטער אַרבעטער־טוער, און פון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער זיך אַנגעשלאָסן אין דעם סינדי־קאַט 1), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך באַלי. איך האָב ליב געהאַט אים צו הערן רעדן. ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן און פון זיינע קאַמפן. זיין לעבן! עס איז כמעט אינגאַנצן זיך פאַר־לאָפן אין דער פינצטערניש פון דער שאַכטע. עס איז אָבער געווען העלער, זוניקער פון אַסך לעבנס, פאַרבראַכטע ביי דער ליכט פון טאָג. עס איז געווען באַשטראַלט דורך זיין ליידנשאַפט פאַרן סינדיקאַט, פאַרן אַרבע־טער־קלאַס. געשיכטעס אַלץ נייע וועגן שטרייקן, וועגן שלאַכטן און אָנ־שטרענגונגען, וועגן דעם עקשנותדיקן ווידערשטאַנד קעגן די האַרן פון די קוילנגרובנס און פאַבריקן, קעגן די זשאַנדאַרמען און סאָלדאַטן; באַ־גייסטערנדיקע זכרונות, אין וועלכע עס האָבן געפלאַטערט ווי פאָנען די נעמען פון באַלי און זשיל געד, — שנעלער ווי די יאָרן האָט איר מיך רייף געמאַכט!

דער זיידע האָט זיך געקאַכט קעגן די „פאַלשע פריינט“, קעגן דעם „יונגן“ סינדיקאַט פון דער ס. זש. ט., וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם „אַלטן“ סינדיקאַט פון באַלי און לאַמאַנדען. ביידע סינדיקאַטן האָבן שאַרף באַקעמפט איינער דעם אַנדערן, און אין דער דאָזיקער געגנט פון צפון־פראַנקרייך, וווּ די טראַדיציעס פון די אַלטע צעכן און פון זייער ריוואַ־ליטעט זיינען נאָך געבליבן שטאַרק איינגעוואָרצלט, איז עס טיילמאָל דערגאַנגען צו קלעפּ. איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם תוך פון דער מח־

1) פּראָפעסיאָנעלער פאַריין (באַמ. פון איבערז.).

לוקת, וואס האט אזוי אויפגעשטעלט די קוילנגרעבער איינע קעגן די אנדערע. אבער איך בין געווען באצויבערט פון אט דעם ליידנשאפטלעכן און אזוי־שטארק אויסגעפילטן לעבן און פון אט דעם העראאיזם, וואס איז טאג־טעגלעך פארווענדעט געווארן לטובת דעם ארבעטער־אידעאל. דער זיידע און זיינע חברים זיינען אומדערמידלעך דורכגעלאפן די גרובנס און די ישובים און האבן רעקרוטירט אן אויפהער פארן סינדיקאט. זיי האבן געקעמפט פאר יעדן מענטשן. זיי האבן זיך באמיט, אפגעבנדיק זיך מיט יעדן באזונדער, צו געווינען פאר זייערע אידייען די קוילנגרעבער, וועמען זיי האבן געוואלט ארויסרייסן פון דער גלייכגילטיקייט, פון דער אונטערטעניקייט, פונעם אומוויסן. זיי האבן זיך אנגעשטויסן אויף אפאטיע ביי איינעם, אויף דער מורא ביי אן אנדערן, אויף דער שנאה און אויף די דראאונגען פון די פאטראנען 1), אויף דער צעשפליטערטקייט פון די ארבעטער, — דער איינפלוס פון די „ברוטשוטארן״ 2) איז געווען גרויס אין קוריער און אין לאנס. זיידע מיינער, קלעמאן באדרי! דו, וואס ביסט געשטארבן אויף דיין פאסטן אין 1931, אין עלטער פון 71 יאר, מיט דיין סינדיקאטן־קארטע — אפגעצאלט ביזן לעצטן טאג; דו, וואס האסט פארנומען אזא ארט אין מיין לעבן; דו, וואס האסט געפירט מיינע ערשטע טריט און מיך אויסגעלערנט צו קעמפן — איך באער דיך דא אלס פארקערפערונג פונעם באשיידענעם, מוטיקן, זויבערן און טרייען ארבעטער־טוער!

מיט זיין גאנצער ליידנשאפט, מיט א גליענדיקן גלויבן, מיט א גרעסערער איבערגעגעבנקייט, האט ער זיך אפגעגעבן דער באפרייאונג פונעם ארבעטער־קלאס. הגם ער האט געהאט 10 קינדער אויפצוהאדעווען, האט ער קיינמאל נישט פארפעלט אראפצונעמען פון זיין מאגערן לוין קודם כל דעם סינדיקאלן אפצאל, דערנאך — צוויי סו 3) א וואך פאר זיין צייטונג „לע רעוועי די נאר״. אין זיינע לעצטע יארן האט ער רעגולער געלייענט די קאמוניסטישע צייטונג „ל׳אנשענעי״.

---

1) פאטראן — ארבעט־געבער (באמ. פון איבערז.)

2) די מיטגלידער פון אלטן סינדיקאט האבן גערופן „ברוטשוטארן״ (ד. ה. אנהענגער פון ברוטשו) די מיטגלידער פונעם נייעם סינדיקאט, וואס איז געווען אנגעשלאסן אין דער ס. זש. ט.; וואס שייך די רעוואלוציאנערן האבן זיי גערעדט מיט פאראכטונג וועגן די „באליקאטן״ (פון נאמען באלי), די מיטגלידער פון אלטן סינדיקאט.

3) א סו — 5 סאנטים, ד״ה, א צוואנציקסטל פון א פראנק (באמ. פון איבערז.).

מיר האָבן געוווינט אין אַ הויז, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַלע הייזער אין דעם ישוב; זייער איינפאָרמיקייט און זייערע לאַנגע, גלייכע רייען האָבן נאָכמער אונטערגעשטראָכן די איינטאָניקייט און דעם אומעט פון אָט די צפון־פליינען, וועלכע זענען אַזוי אויס פאַרצווייפלט־טרויעריק מיט זייערע אונטערגעשפּאַרטע, האַלב־איינגעפאַלענע הייזער, מיט זייערע בערגלעך אַרום די גרובנס, מיט זייערע פאַבריק־קוימענס, וואָס שפייען מיט געלן און שוואַרצן רויך.

נוּאַיעל־גאָדאָ איז אין אָנהייב יאָרהונדערט געווען אַ דאָרף פון 3000 איינוווינער: קוילנגרעבער, גיסער און „צינז־צאַלער", ד"ה ערד־אַר־בעטער.

די שאַכטע נומער 4 פון דער געזעלשאַפט דורזש האָט פאַר דער מלחמה באַשעפטיקט אַ טויזנט אַרבעטער. די גיסעריי פון בליי און צינק, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ברעג פון קאַנאַל האָט־דעל, האָט געהערט צו די גרובנס פון מאַלפידאַנאַ און פענאַראַיאַ. לאַסט־שיפלעך האָבן איר צוגעפירט דעם אַרץ צום שמעלצן.

מיין זיידע האָט געאַרבעט אינעם גרובן און מיין פאָטער איז צו יענער צייט געווען באַשעפטיקט אין דער פאַבריק, ווו ער האָט באַקומען אַ בליי־פאַרגיפטונג. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פונעם גאַז פון קוילנגרובן, האָט אים געטראָפן די קראַנקייט.

צו פיר יאָר בין איך אַריין אין קינדער־גאָרטן. אַ יאָר שפּעטער איז אַ גרויס געשעעניש זיך פאַרלאָפן אין מיין לעבן: צום ערשטן מאָל האָב איך גענומען דאָס וואָרט פאַר אַ גרויסן עולם; מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז דאָס איז געווען אין אַ קליינער קינדער־שפיל, ביי דער געלעגנהייט פונעם שול־יום־טוב.

אין דער היים האָב איך געלעבט, ווי עס לעבן געוויינלעך די קינ־דער אין די אַרבעטער־פאַמיליעס. ווי נאָר מען איז דערגאַנגען צו די יאָרן פון פאַרשטאַנד, האָט מען געדאַרפט ווערן נוצלעך, און די יאָרן פון פאַר־שטאַנד קומען שנעל פאַר די קינדער פון פאָלק. מיטן פאָטערס לוין, מיט אַ גערטנדל און אַ צוואַנציק קראָליקעס האָט מיין מאַמע אויסגעהאַלטן דאָס גאַנצע הויזגעזינד. פאַר מיר האָט מען געלאָזט די לייכטע אַרבעטן: כ'פלעג לויפן איבער די פעלדער און צוריקקומען מיט גראָז פאַר די קראָ־ליקעס, מאַכן פאַרשידענע גענג, אויפקלויבן אויף די וועגן מיסט פאַרן גאָרטן און איך פלעג זיך דאַרפן אויך פאַרנעמען מיט מיינע יינגערע ברידערלעך.

אין אונדזער טאָג־טעגלעכער נויט זיינען געווען אויפבליצן פון פרייד: די טעג פון קערמעס, דער יום־טוב „דיוקאַס". אַך, דער דאַזיקער „דיור־קאַס"! מיר פלעגן לאַנג־לאַנג אויף אים וואַרטן, און ווי נאָר דער ער־שטער וואַנדער־וואָגן האָט זיך באַוויזן, האָבן מיר זיך מער קיין אָרט נישט געפונען. אַרויסגייענדיק פון דער שול, האָבן מיר גלייך העגדום־פענדום זיך אַ לאָז געטאָן, כדי צו זען ווי מען שטעלט אויף די קאַרו־זעלעס און באַראַקן. די דרייסטערע האָבן מיט די פינגער אָנגעטאַפּט ביי די נאָזלעכער די הילצערנע פערד און זיי געצויגן פאַרן עק; עקן פון אמתע פערדן־האָר! וואָס פאַר אַ גליק צו האָבן אַ סו, כדי אַ פּאָר צו טאָן אויף דער קאַרוזעלע! הײנט די מוזיק, דער אַפּהילך פון דער שיסעריי, דער געקלימפּער פון לאָטעריע־ראָד, די פריילעכע לידער פון די טריג־קער אין די שענקן, דער געפילדער פון די דאָרפס־כאַרן! מיר האָבן אַ טאָג אָדער צוויי געלעבט אין פולן פיבער. דערנאָך האָט זיך ווידער אָנ־געהויבן דאָס זעלבע גרויע, טאָג־טעגלעכע לעבן ווי פריער.

ביי מיינע עלטערן, ווי אין אַלע אַרבעטער־היימען, האָבן די שמועסן זיך שטענדיק געדרייט אַרום די שוועריקייטן פון דער הויז־ווירטשאַפט. די פרייזן זיינען געשטיגן אָן אויפהער. אין סעפּטעמבער 1910 איז אין קוילן־באַסיין אויסגעבראָכן אַ באַוועגונג קעגן דעם יקרות.

די באַלעבאָסטעס זיינען געלאָפן פון טיר צו טיר. זיי האָבן זיך גע־וואָלט אָרגאַניזירן, כדי עפּעס צו טאָן. מיין מוטער איז געווען איינע פון די אַקטיוויסטע: בעת אַ פאַרזאַמלונג איז זי אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דע־לעגאַטין פון די פרויען פון נואַיעל־גאָדאַ.

אַ מאַניפעסטאַציע איז דורכגעגאַנגען די גאַסן פון דאָרף מיט דער רויטער פאָן אין דער שפּיץ, אויסהאַמערנדיק הילכיק די לאָזונגען:

פּוטער צו 30 סו!
מילך צו 4 סו!
אייער צו 26 סו!

(די אייער פלעגן פאַרקויפט ווערן צו 13 שטיק).

מען איז געגאַנגען פון געוועלב צו געוועלב, פאַרלאַנגענדיק ביי די קרעמער, זיי זאָלן אָנווענדן די דאָזיקע טאַריפן.

אַ געוויסן טאָג האָבן די באַלעבאָסטעס פון די דערפער באַשלאָסן צו גיין אויפן מאַרק פון הענען־ליעטאַר. ווי נאָר זיי זיינען אָנגעקומען, זיינען אויסגעבראָכן קריגערייען צווישן די פאַרקויפער און די באַלע־

באַסטעס. אַ טישל מיט אויסגעשטעלטער סחורה איז אומגעוואָרפן גע־וואָרן. דאָס איז געווען דער סיגנאַל. פון אַלע זייטן זיינען געפלויגן אין דער לופטן מייערן, ריבן, קאַרטאָפל, פרוכטן. מיר, קינדער, זיינען גע־שפּרונגען מיט ביידע פיס אין די קאָשיקעס אייער. אין אונדזער פרייד־לעכן פאַרניכטן פון אָט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס זיינען געווען אויס־געשטעלט פאַר אונדזער הנאה וועגן, האָבן מיר באַנוצט אַלס באַלעמס אַלץ, וואָס איז אונדז נאָר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט.

מיר האָבן דאַן נישט געקענט פאַרשטיין, אַז די אמתע פאַראַנטוואָרט־לעכע פאַרן יקרות זיינען די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, די שפּעקולאַנטן, וועמען ס׳איז ווידעראַמאָל געלונגען אָפּצווענדן דעם צאָרן פון די געברויכער אויף די קליינהענדלער, קרעמער אָדער יאַרידניקעס.

בעת איינער פון די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס קעגן יקרות אין בילי־מאָנטיני, האָט די פּאָליציי אָנגעגריפן. אַן אַרבעטער, מיטן נאָמען דיע־דאָנע, איז דערהרגעט געוואָרן. אַלס צייכן פון טרויער און פון פּראָטעסט האָבן אַלע פרויען אָנגעטאָן רויטע און שוואַרצע לענטעס.

איך האָב דערגרייכט דעם עלטער, ווען אַן אַרבעטער־קינד הייבט אָן אַר־בעטן ביי אַנדערע, כדי אַריינצוברענגען אַ פּאָר סו אין שטוב.

די פויערן פון דאָרף האָבן באַשעפטיקט די קינדער ביים אַרויסרייסן דאָס ווילד־גראָז אין די פעלדער.

מיט מאַטיקעס אין די הענט פלעגן מיר זיך אָוועקלאָזן אין פעלד גרופּעסווייז, אָפּגערוקט צו צוויי מעטער איינע פון די אַנדערע, מיט די אויגן געווענדעט צום באָדן, כדי אַרויסצורייסן די שטעכיקע געוויקסן און דאָס ווילד־גראָז. אַ גאַנצן טאָג, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, זיי־נען מיר אַזוי אַרומגעגאַנגען, פאַרטאָן אין אונדזער אַרבעט, וועלכע איז דערנאָך קאָנטראָלירט געוואָרן דורכן פּויער. מען האָט אונדז געגעבן 14 ביז 15 סו פאַר אַ טאָג פון 12 שעה. דאַן האָב איך עס געהאַט מיין ערשטן קאָנפליקט מיט אַ פּאַטראָן.

— קליינער טאַרעז, ביסט קלענער פון די אַנדערע, קען איך דיר נישט צאָלן דעם זעלבן לוין. 10 סו וועסטו דאָך באַקומען...

צו די לימודים אין דער שול איז אַלס צוגאָב צוגעקומען דער קאַ־טעכיזם. מיינע עלטערן האָבן נישט צוגעגעבן קיין גרויסע באַדייטונג דער רעליגיע. אָבער עס איז געווען אַ געוווינהייט, אַז די קינדער זאָלן

ווערן געטויפט און אַז זיי זאָלן אַדורכגיין זייער ערשטע „קאָמוניאָן״. דער גלח האָט מיך אויסגעקליבן אַלס „כאָר־קינד״; דאָס פלעגט מיר אַריינברענגען עטלעכע סו.

יולי 1912 האָט געעפנט אַ נייעם פעריאָד אין מיין לעבן. מיין לערער, ה׳ אַווערלאַן, וועמען איך האָב פיל צו פאַרדאַנקען, האָט מיך צוגעגרייט צום שול־דיפלאָם און איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַלס ערשטער. איך האָב געקענט אַזוי אַרום אָנהייבן אַרבעטן אין קוילן־גרובן, נישט וואַרטנדיק, איך זאָל אַלט ווערן 13 יאָר. כ׳בין אָנגענומען געוואָרן אַלס שטיין־קלייבער אין דער שאַכטע נומער 4.

די אַרבעט איז נישט געווען קיין שטאַרק קאָמפּליצירטע. זי האָט אָבער פאַרלאַנגט פיל אויפמערקזאַמקייט. די געזיפּטע קוילן פלעגן אַנקומען אַנטקעגן אונדז אויף אַ גרויסער מעטאַלענער נעץ און ס׳איז נייטיק געווען שנעל אַרויסצונעמען די שטיינער. מען האָט אונדז געצאָלט פון שטיק. אַ גוטער קלייבער האָט געקענט דערגיין ביז אַ 25—30 סו אַ טאָג.

דעם 4־טן דעצעמבער האָבן די קוילנגרעבער געפייערט זייער טראַדיציאָנעלן יום־טוב, די „סענט־באַרב״. אין משך פון דער צווייטער העלפט נאָוועמבער האָבן זיי, כדי צו פאַרדינען מער, געמאַכט איבערשעהן, מיט אַ האַלב־נאָרמע מער אַ טאָג. אין משך פון אָט דעם האַלבן חודש פון „גאָטס שעהן״, איז זייער לוין אַריבער פון 90—100 פראַנק אויף 180—200 פר. איך האָב, נאַטירלעך, ווי אַלע געמאַכט איבערשעהן; מיין האַלב־חודש־לוין איז אַרויף פון 17 אויף 30 פראַנק פאַר 12 ביז 13 שעה אַרבעט אַ טאָג.

אין נאָוועמבער 1913, ווען ס׳איז ווידער געקומען דער האַלב־חודש פון „סענט־באַרב״, איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק. מען האָט אים אָנגערופן: דער שטרייק פון „גאָטס שעהן״. דער אַלטער סינדיקאַט פון באַלי האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט פאַראייניקט מיטן סינדיקאַט, וואָס איז געווען אַנגעשלאָסן אין דער ס.זש.ט. דער שטרייק, וואָס איז געפירט געוואָרן געמיינזאַם, האָט געדויערט בלויז עטלעכע טעג און דאָס געזעץ פון 8 שעה איז פון דאַן אָן אָפּגעהיט געוואָרן בנוגע די גרובן־אַרבעטער.

היות פאַרוויילונגען זיינען געווען אַ זעלטענע זאַך, זיינען פיל יוגנטלעכע אַריין אין מוניציפּאַלן אָרקעסטער. איך האָב זיך אויסגעלערנט שפּילן אויף אַ קאָרנעט. מיט שיינע היטלען אויף די קעפּ פלעגן מיר דעפילירן אין די גאַסןביים קלאַנג פון אונדזערע פריילעכע מאַרשן, אָדער אַוועקגיין אין איינער פון די אַרומיקע שטעט, כדי דאָרט צו געבן אונדזערע קאָנ־



פערטן. יעדעס יאָר פלעגן מיר באַגלייטן דעם לעגענדאַרן „גאַיאַן" 1) און זיין פאַמיליע אויפן שפּאַציר אין זייער שטאָט דוע. אַזוי אַרום איז דער מוניציפּאַלער אָרקעסטער געווען אַ גוטע געלעגנהייט פאַר פריי־לעכע שפּאַצירן, פאַר עקסקורסיעס אויפן ברעג ים; דאָס אַלץ בלויז פאַרן פרייז פון בייזיין די רעפּעטיציעס. נאָך אַזאַ רעפּעטיציע, אין איי־נעם פון די לעצטע אָוונטן פון יוני 1914, האָט דער קאַפּעלמייסטער אונדז איבערגעגעבן די ידיעה וועגן אַטענטאַט אין סאַראַיעוואָ.

אייניקע האָבן דערפילט די געפאַר פון קריג, דאָס רוב האָט אָבער נישט געוואָלט גלייבן אין דעם.

— אַ מלחמה! ווייס איך וואָס! אין הייַנטיקע צייטן איז עס אומ־מעגלעך. מיטן וואָפן, וואָס די אַרמייען פאַרמאָגן איצט, וואָלט זי נישט געדויערט אפילו קיין צוויי חדשים. אַלע וואָלטן געוואָרן אויסגעהרגעט...

שבת, דעם 1־טן אויגוסט, האָט דער וואַכמייסטער אָנגעזאָגט מיט זיין גלאָק די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. גרופּעס מענטשן האָבן זיך גע־שאָפן ביי די אויסגעקלעפּטע ווייסע פּלאַקאַטן.

דער פעטער לעאָן איז אַוועק דעם ערשטן טאָג. עס איז מיר נישט באַשערט געווען אים מער צו זען. די מיליטער־מאַכט האָט געמאָלדן, אַז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין 1915 אין באַסעזשור. מיין צווייטער פע־טער, עדמאָן, איז פאַרוווּנדעט געוואָרן די דריטע וואָך פון קריג אין דער שלאַכט ביי מאָרהאַנזש און איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. ער האָט געאַרבעט אין די אייזן־גרובנס אין שלעזיע און איז שפּעטער גע־שטאָרבן פון לונגען־טובערקולאָז, וואָס ער האָט באַקומען בעת זיין גע־פאַנגענשאַפט. שוין אין 1908 איז מיינער אַן אַנדערער פעטער, איינער פון די 10 קינדער פון מיין זיידן, געשטאָרבן אַלס סאָלדאַט אין וועגסען, נאָך אַ קורצער קראַנקייט.

נאָך דער מאָביליזאַציע האָט מען נאָך אייניקע טעג געאַרבעט אינעם גרובן. אָבער די צאָל קוילנגרעבער האָט זיך שנעל פאַרקלענערט. אינגיכן האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט. מען האָט פאַראָרדנט אַרויפצופירן די פערד.

אַן אַנגסט האָט אַרומגענומען דאָס דאָרף. עס זיינען אָנגעקומען שלעכטע נייעס. פון אָנהייב האָט מען געקלערט, אַז דער קריג וועט זיך אָפּשפּילן ווייט פון אונדז, הונדערטער קילאָמעטער צו מזרח, אין על־

1) „גאַיאַן" — אַ ריז, וואָס סימבאָליזירט אין דער פאָלקס־לעגענדע די אומ־אָפּהענגיקייט פון דער שטאָט (באַמ. פון איבערז.)

זאַס, אין לאַרען. די אינוואַזיע פון בעלגיע האָט איבעראַשט און אויפ־געצאָרנט. די פעסטונגען פון ליעזש און פון נאַמור, וואָס האָבן געהאַט אַ שם אַלס אומנעמבאַרע, זיינען איינגענומען געוואָרן דורך די דייטשן. אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען געהערט דאָס דונערן פון קאַנאָנען. אַ פּאַ־טרול פון אולאַנער איז באַמערקט געוואָרן אויפן וועג. דאָס איז געווען דעם 26־טן אויגוסט. עס האָט דאַן נישט עקזיסטירט קיין אומאונטער־בראָכענער פראָנט: די טעריטאָריאַלע אַרמיי פון דוע האָט פאַרטיי־דיקט דעם דאָזיקן אָפּשניט. צוויי טעג שפּעטער איז דאָס דייטשע מיליטער אַדורכגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון לאַנס.

דעם 30־טן סעפּטעמבער 1914, אין מאָמענט ווען ס'האָט זיך פאַר־ענדיקט „דאָס געלויף צום ים״, האָב איך פאַרלאָזט נואַיעל צוזאַמען מיט מיין זיידן. מען האָט עוואַקוּאירט אַלע מענער פון 18 ביז 48 יאָר און אַלע די, וואָס זיינען געווען דינסט־פעאיק. מיין פאָטער און מיין זיידע זיי־נען אַוועק; עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל מיט זיי מיטגיין. מיין מוטער האָט מיר געגעבן, אין אַ קליין טאָרבעלע, וואָס זי האָט מיר אויפגעהאַנגען אויפן האַלדז, 4 מטבעות צו 100 סו. זי איז געווען אי־בערגעצייגט, אַז זי וועט מיך אינגיכן ווידער זען. מיין פאָטער האָט, פאַרן פאַרלאָזן דאָס הויז, געוואָלט אַראָפּטראָגן אין קעלער די קאַרטאָפל פון אונדזער גאָרטן. ער האָט זיך געזאָלט טרעפן מיט אונדז אין פאָנט־אַ־וואַנדען, דער ערשטער פאַרויסגעזעענער עטאַפּ. דאָס איז אים אָבער שוין געווען אוממעגלעך; עטלעכע שעה נאָך אונדזער אָפּפאָר, האָבן די דייטשן פאַרנומען נואַיעל. איך האָב צוריקגעפונען מיינע עלטערן ערשט אין פיר יאָר אַרום.

אין משך פון דאָזיקן גאַנצן פעריאָד בין איך פאַרבליבן אָן ידיעות פון מיינע נאָענטע. אויך זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס מיט מיר איז גע־וואָרן. וואָס שייך אונדזער דאָרף, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ פון דער באַוווינטער זאָנע, האַרט הינטער דעם דייטשן פראָנט, איז עס צום סוף פון קריג כמעט אינגאַנצן געווען אין חורבות.

מיין זיידע און איך האָבן אַ גאַנצן חודש געבלאָנקעט איבער די וועגן, וואַרנדיק געשליידערט דורכן צופלוס און אָפּפלוס פון די אַרמייען. מיר זיינען דורכגעגאַנגען די דעפּאַרטעמענטן פּאַ־דע־קאַלע און נאָר, די שטעט אַרמאַנטיער, סען פּאָל, בעטין, וואַרנדיק אָן אויפהער צוריקגעפירט צו די ערטער, וועלכע מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן און פונוואַנען

דער קריג האָט אונדז כסדר פאַרטריבן פונדאַסניי. די זשאַנדאַרמען האָבן אונדז געיאָגט, אונדז צוריקגעשטויסן, פאַרמאַכנדיק פאַר אונדז די זאַנגע פון פראָנט, וואָס הגם אַ פאַרבלוטיקטע און אַ חרובע, איז זי דאָך און טראָץ אַלעם געווען אונדזער היים. די נעכט פלעגן מיר שלאָפן אין די שייערן. מיר האָבן זיך געשפייזט מיט קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן אַרויסגעריסן אין די פעלדער. ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, האָבן זיך געטיילט מיט אונדז מיט זייערע קאָנסערוון פון „קאָרנעד־ביף”. אַ קוילנ־גרעבער, אַ סאָציאַליסט, האָט אונדז מערערע טעג אויסגעהאַלטן ביי זיך אין אַשעל.

איך האָב זיך באַקענט מיט דער מלחמה — נישט מיט דער מלחמה פון די סקאַרבאָווע עפּינאַל־בילדער, פון די גוואַרדיע־סאָלדאַטן פון דער אימפּעריע, פון דער פּאַנצער־קאַוואַלעריע פון רייכסהאָפן, פונעם טריר־מייטערער פון דערולעד — נאָר מיט דער שוידערלעכער מלחמה, אָט מיט דער, וואָס פאַרצוקט די מענטשן און וואָס זייט פּחד און טויט!

די מלחמה, דאָס האָט באַדייט די פאַרלוירענע היים, דאָס בלאָנקענדיקע לעבן אויף די וועגן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן ברויט, אָן געלט, אָן אַר־בעט; דאָס האָט באַדייט דער פרייסישער קוילנוואַרפער און דער זשאַנ־דאַרם... די מלחמה, דאָס האָט באַדייט די אָרעמע דערהרגעטע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געלעגן אין די ראָוון לענגאויס די וועגן, די פּגרים פון די פערד, די אויף הפקר־איבערגעלאָזענע פעלדער, די פאַרלאָזטע דערפער, די אויפגעריסענע הייזער, די אַמבולאַנסן, אָנגעפילטע מיט פאַרוואונדעטע און גוססדיקע... די מלחמה — דאָס האָט באַדייט גאָר באַזונדערס אָט די אומאויסטערבראָכענע, אומענדלעכע מחנה, וואָס איז אויפגעקומען פון הינטערן האָריזאָנט, אַ רויטן פון שרפות; אָט דער מענטשן־טייך, וואָס האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך פרויען, קינדער, אַלטע לייט, מיט זייערע אומצאָליקע טאָרבעס, אָנגעשטאָפּטע מיט נעבעכדיקן אַלטוואַרג, אָדער מיט זייערע וועגעלעך, אָנגעלאָדענע אויף דער שנעל מיט אָרעמע בעַ־בעכעס, צווישן וועלכע צעטרייבערטע מאַטראַצן זיינען געלעגן בשכנות מיט שטייגן פון פייגעלעך. מאָגערע שקאַפעס האָבן געצויגן די היימישע לאַנגע וואָגנס אָן דישעלס, וועלכע זיינען געווען באַלאָדן מיט שאַפעס, טישן, געשיר. פרויען, מיט קינדער אָנגעהאנגענע ביי זייער קלייד, האָבן געוויינט; אַנדערע האָבן געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, תמיד די זעלבע; אַלטע לייט האָבן געגריזשעט, מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק, פאַר־

דאָרטע שטיקלעך ברויט... איך האָב זיך דאָן אָפּגעגעבן אַ שבועה צו קעמפן מיט אַלע מיינע כוחות קעגן דעם דאָזיקן שוידערלעכן אומגליק, דעם קריג; צו באַקעמפן די, וואָס גרייטן אים צו און וואָס לעבן פון אים; צו פאַר־טיידיקן דאָס פאָלק, וואָס איז דער שטענדיקער קרבן זייערער.

צווישן נע־לע־מין און ווערקען האָבן מיר פּלוצלונג אין דער נאַכט דערהערט אַ שיסעריי פון קוילנוואַרפער. מיר האָבן זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון דער שלאַכט. איך וועק אויף דעם זיידן, וואָס איז געשלאָפן אין אַ גרוב אויף אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. און אָט זיינען מיר ווידער אַרויס אין דער פינצטערניש, וואָס איז געווען דורכגעשטרייפט פון אָפטע בליצן.

פון די 4 מטבעות צו 100 סו, וואָס עס האָט מיר מיטגעגעבן מיין מו־טער, זיינען צוויי שוין געווען אויסגעגעבן. איך האָב געטראָגן די צוויי אַנדערע, איינגענייט אין מיין טאַרבעלע. אַ געוויסן טאָג האָב איך זיי מער נישט געפילט אויף זיך: דאָס טאַרבעלע האָט זיך צעריסן און איך האָב פאַרלוירן מיין גאַנץ פאַרמעגן.

צולעצט זיינען מיר פאַרהאַלטן געוואָרן דורך זשאַנדאַרמען. נישט רע־כענענדיק זיך בכלל מיט אונדזערע טענות, האָבן זיי אונדז צוערשט אַוועק־געפירט אין דער מוניציפּאַליטעט פון אַשעל, און דאָן, צוזאַמען מיט אַנ־דערע אומגליקלעכע, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויף די וועגן, אונדז אַרויפגעזעצט אויף לאַסט־אויטאָס, וועלכע האָבן אונדז אָפּגעפירט קיין סען־פּאָל. דאָרט האָט מען אונדז אַריינגעפּאַקט אין פראַכט־וואַגאָנען — „8 פערד, 40 מענטשן” — און דער צוג האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגע־לאָזט אין דער ריכטונג פון צענטראַל־פראַנקרייך. איך בין געבליבן צוזאַמען מיט מיין זיידן און זייט ביי זייט זיינען מיר אַוועק צום אומבאַקאַנטן מאָרגן. צוגן זיינען פאַרבייגעגאַנגען, אָנגעפילטע מיט סאָלדאַטן. אַפילו נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרלאָזט דעם פראָנט, איז די מלחמה געבליבן האַרט פאַר אונדזערע אויגן און האָט זיך אין אונדז געקלאַמערט.

* * *

נאָך אַן אומענדלעכער רייזע — פינף לאַנגע טעג — האָט אונדזער צוג זיך אָפּגעשטעלט אין גערע, אין קרעז־דעפּאַרטעמענט. דעם 2־טן נאָ־וועמבער, אין אָנדענק־טאָג נאָך די טויטע, האָט מען אים אַריבערגעפירט אויף אַ זייטיקער ליניע: ביי יעדער סטאַציע האָט ער איבערגעלאָזט אַ טייל פון זיין קאָנטינגענט „פּליטים”. איך, צוזאַמען מיט מיין זיידן, בין פאַר־בליבן אויפן וואָקזאַל פון זשענוויאַ. אינאיינעם מיט 70 אַנדערע עוואַקו־

אירטע האָט מען אונדז אַוועקגעשיקט אין דעם ישוב קליניאַ. אינעם דאָרף האָט מען אונדז איינגעאָרדנט ווי ס׳האָט זיך געלאָזט — פיר מאַן אין אַ צימער. די איינוווינער, וואָס זיינען געווען זייער סימפּאַטיש, האָבן גע־טאָן אַלץ, כדי צו פאַרלייכטערן אונדזער לעבן אויף דער פרעמד.

די געגנט איז געווען מאַלעריש, באַוואַלדיקט און פאַרשידנאַרטיק. אירע אַנגענעמע בערגלעך, וואָס זיינען פול געווען מיטן גערויש פון פייגעלעך און קוואַלן, האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו די מעלאַנכאָלישע און נעפּלדיקע פליינען פון צפון.

דער ווינטער איז אַנגעקומען, אַ רעגנדיקער און קאַלטער; ער האָט אָפּגענומען דעם חשק צו לאַנגע שפּאַצירן. איך בין אַוועק צום לערער פון קליניאַ און אים געבעטן מיך אַריינצונעמען אַלס שילער. איך בין שוין צוויי יאָר געווען אויסער דער שול. דער לערער, ה׳ סעלערע, איז מסכים געווען. איך האָב אַלזאָ ווידער אָנגעהויבן לערנען.

ה׳ סעלערע האָט זיך שטאַרק פאַרנומען מיט מיר און אין חודש מערץ 1915 האָט ער מיך צוגעשטעלט צום קאָנקורס, אויף וועלכן איך האָב באַקומען דעם ערשטן פּרייז פאַר אַ שול־אַרבעט פון פראַנצויזיש. מיר האָבן געהאַט אַלס טעמע: „וואָס האָט אויף אייך צומשטאַרקסטן גע־ווירקט פון דער מלחמה״. עס איז גענוג געווען כ׳זאָל דערציילן מיינע זכרונות.

שטאָלץ מיט מיין דערפאָלג, האָט סעלערע מיך געוואָלט שיקן קיין גערע פאַרצוזעצן דאָס לערנען. ער האָט אויסגעפונען, אַז איך האָב אַלע אייגנשאַפטן צו ווערן אַ לערער אין אַ פאַלקס־שול אָדער ליצײ. איך האָב אָפּגעזאָגט. זיכער איז מיר דאָס לערנען געווען צום האַרצן. די איבערצייגונג אָבער, אַז דער קריג וועט זיך אינגיכן ענדיקן און אַז איך וועל זיך קענען צוריקקערן קיין נואַיעל־גאַדאַ און צוריקגעפינען מיינע נאָענטע, האָט מיך געשטויסן צו אַרבעטן, כדי צו פאַר־דינען אַ פאַר סו.

דער זיידע איז געווען באַשעפטיקט אין אַ פערמע. אַ פויער פון דער אומגעגנט איז מסכים געווען מיך צו נעמען אַלס פאַראַבעק. איך האָב פאַרדינט 18 פראַנק אַ חודש זומער און 8 פראַנק ווינטער, אַחוצן עסן. אַזוי אַרום האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן לעבן פונעם פויער. איך האָב שוין געקענט דעם אַרבעטער, זיין אומגליקלעכן גורל, זיין מוט ביי דער אַרבעט, זיין ברייטהאַרציקייט און זיין מסירת נפש. איז דען מיין זיידע נישט געווען קיין שטענדיקער ביישפּיל פאַר מיינע

אויגן ! זעענדיק פון דער נאָענט דעם פראַנצויזישן פויער, האָב איך גע־נומען אָפּשאַצן זיינע קערנדיקע מעלות, זיין עקשנות, זיין ענערגיע, זיין איי־זערנעם שכל הישר. דער פויער איז דער ברודער פונעם אַרבעטער, אַ ברודער אַן אומגליקלעכער ווי ער, אַן עקספּלואַטירטער און אונטערדריק־טער ווי ער, און, פּונקט ווי ער, דער אויסגעוויילטער קרבן פאַר די גרויסע שחיטות פונעם קריג.

די מלחמה האָט דערלאַנגט אַ שווערן קלאַפּ דעם דאָרף קליניאַ : די באַפעלקערונג איז געפאַלן פון 2000 נפשות אין 1911 אויף 1300 אין 1921. די דינסט־פעאיקע מענער זיינען געווען אויפן פראַנט, און אין דאָרף זיינען פאַרבליבן בלויז די פרויען, דאָס יונגוואַרג און די אַלטע, אָבער אַלע האָבן געאַרבעט מיטן זעלבן גוטן ווילן, כדי אַרויסצובאַקומען די פּרוכט פון דער ערד.

אויף די פּיס פון סאַמע פרימאָרגן — האָב איך זיך פאַרנומען מיט די בהמות, גערייניקט די שטאַל, געפירט די קי אויף דער לאָנקע.

ווען עס איז אָנגעקומען דער היי־סעזאָן, האָב איך זיך אויסגעלערנט שניידן די היי און האַמערן דאָס קלינגל פון דער קאָסע. און אָט איז געקומען דער שניט. דער ווייץ און דער האָבער זיינען געוואָרן געשניטן מיט אַ קאָסע און צונויפגעזאַמלט מיט אַ סערפּ אין קליינע בינטלעך. דערנאָך האָט מען געדאַרפט אַרויסרייסן די קאַרטאָפל און בוראַקעס פון אַ באָדן, אַ דורכגעווייקטן פון די סוף־זומער־רעגנס; צוויילן די אַרבעטן . פון האַרבסט־סעזאָן, דאָס אַקערן, דעם פאַרזיי פון ווייץ און דאָס בראָנעווען די פעלדער. די צייט פון כלערליי אַרבעטן איז אָנגעקומען. מיט פינ־גער, פאַרשטייפטע פון די ערשטע קעלטן, איז מען געגאַנגען האַקן האָלץ אין די וועלדלעך, מאַכן בינטלעך פון די אָפּגעהאַקטע צווייגלעך, אַרויס־רייסן קוסטעס און, צום סוף ווינטער — אַרומשניידן די פלאַנצן־פּלויטן, אַראָפּהאַקן די צווייגן פון די דעמבעס, אויסקערן די בלעטער, אַרויסנעמען דאָס מיסט פון די גריבער. אין אַ שלעכט וועטער פלעגט מען בלייבן אין דער שאַפע, כדי צו פאַרריכטן די לאַנדווירטשאַפטלעכע מכ־שירים, טאַטשקעס, בראָנעס, גראַבליעס, ווידלעס א. אַ. וו. אין די אָוונטן האָט מען געשיילט קאַשטאַנעס, וואָס זיינען צוזאַמען מיט דער מילך, געווען אונדזער נאַכט־עסן.

איך האָב שוין געקענט אַלע מענטשן פון דאָרף און פון דער אומ־געגנט. אַ חוץ אייניקע רייכע פויערן, האָבן זיי געפירט אַ זייער אָרעם לעבן. מען האָט קיינמאָל נישט געגעסן קיין פלייש. די קליינעווירטשאַפט,

ווו איך האָב געאַרבעט, האָט זיך געפונען אין דאָרף פּאַרזש, אַנדערט־האַלבן קילאָמעטער פון קליניאַ. אין אָוונט פלעג איך צוריקקומען קיין קליניאַ צו מיין זיידן. שפּעטער פלעג איך שלאָפן אין פּאַרזש אין אַן ענגן קעלטער, ווו איך האָב אַריינגעשטעלט אַ בעטל.

אין משך פון די לאַנגע ווינטער־אָוונטן האָבן די דיסקוסיעס און דאָס לייענען געוועקט מיין נייגעריקייט און צוגעאײַלט מיין אַנטוויקלונג.

דער קרעז־דעפּאַרטעמענט איז שטענדיק געווען זייער פּאָרגעשריטן: אין 1914 האָט ער פּראָצענטמעסיק פאַרנומען דאָס 26־טע פּלאַץ, וואָס שייך דער צאָל סאָציאַליסטישע שטימען, בעת דער נאָר־דעפּאַרטעמענט האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. די סאָציאַליסטישע אידייען זיינען דאָרט גע־ווען שטאַרק פאַרשפּרייט, די טוער — שטענדיק קעמפעריש, שטענדיק אין אוואַנגאַרד פון דער באַוועגונג. די אָרעמסטע איינוווינער, די וואָס האָבן נישט געהאַט גענוג ערד אויף צו לעבן, פלעגן אָוועק קיין פּאַריז אַרבעטן אַ טייל פון יאָר אַלס מוליאַרעס. דערנאָך פלעגן זיי צוריקקומען באַ־אַרבעטן זייער שטיקל פעלד און וועבן אויף די האַנט־שטולן, איינגעאָרדנטע אין די שייערן. בעת זייער אויפהאַלט אין פּאַריז האָבן די דאָזיקע מו־ליאַרעס און ברוקירער זיך דערהויבן צום פּאָליטישן באַוואוסטזיין. זיי זיינען אַריין אין סינדיקאַט, געלייענט די אַרבעטער־פּרעסע, אָנטיילגענומען אין די פאַרזאַמלונגען, זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צו־ריקקומענדיק אין דאָרף, פלעגן די בוי־אַרבעטער ווייטער נאָכפאָלגן דאָס פּאָליטישע און סינדיקאַלע לעבן דורך די פּאַריזער צייטונגען, וואָס זיי פלעגן באַקומען גאַנץ רעגולער.

מיין פּאַטראָן, מענאַזשע, האָט געלייענט די „הימאַניטע”, ווע־מענס דירעקטאָר ס'איז דאַן געווען רענאָדעל. אַ מוליאַר זינט לאַנגע יאָרן, איז דער אַלטער מענאַזשע, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט 10 קינדער, געווען רעוואָלוציאָנער־געשטימט און האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער אַ סוף צו מאַכן צום קריג. עס האַנדלט זיך אַבסאָלוט נישט — פלעגט ער זאָגן — אין דער פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד, נאָר אין אַ קריגעריי צווישן קאַפּיטאַליסטישע רויבער, וואָס ווילן פאַרגרעסערן זייערע טעריטאָריעס, איינער אויפן חשבון פון אַנדערן, און וואָס אַמפּערן זיך וועגן דער פאַרטיילונג פון די קאָלאָ־ניעס. ער האָט דערמאָנט די נביאישע רעדעס פון זשאָרעסן קעגן דער מלחמה אין מאַראָקע. ער האָט ציטירט די ווערטער פון גרויסן טריבון: „דער קאַפּיטאַליזם טראָגט אין זיך דעם קריג, ווי די וואָלקנס טראָגן דאָס

געוויטער״. דער אַלטער מענאַזשע האָט פאַראורטיילט די לאָזונג פון „קריג ביזן סוף״. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די אימפּעריאַליסטישע קריג־צילן און פאַרלאַנגט צו שליסן אַ שנעלן שלום אָן אַנעקסיעס און אָן אַנטשעדיקונגען. ער האָט מיר דערציילט וועגן צימערוואַלד, וועגן קינטאַל, די קליינע פאַרוואָרפענע דערפלעך אין די שווייצאַרישע בערג, פון וואַנען עס האָבן צום ערשטן מאָל, אין 1915 און אין 1916, איבער דעם בייסיקן רויך פון די שלאַכט־פעלדער, זיך אויפגעהויבן די שטימען פון אַ קליינער מחנה סאָציאַליסטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען לענין און די באָלשעוויקעס, טרייע דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם און דער רעוואָלוציע.

אַזוי אַרום האָבן אונדזערע דיסקוסיעס, די אָפּקלאַנגען וועגן די ערשטע איבערגרופּירונג־באַמיאונגען פון די סאָציאַליסטן און מיין פּערזענלעך נאָכטראַכטן — מיך דערפירט דערצו, איך זאָל נעמען שטעלונג מיט אַלץ מער ענערגיע קעגן דעם קריג. איך פלעג רעגולער לייענען דעם „פּאָפּילער די סאַנטר״, ווו עס זיינען געקומען צום אויסדרוק די מינדערהייטלער.

מיר האָבן זיך געפונען הונדערטער קילאָמעטער פון פראַנט. אָבער דער קריג איז געווען האַרט לעבן אונדז. ער האָט געשפּרייט טרויער און ליידן איבערן לאַנד. ער האָט פאַרשניטן אונדזער יוגנט אין איר בליענדיקן עלטער. מיין זיידע, וואָס האָט פאַרלוירן צוויי זין, און וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלעם בייטיקן, כדי צו שיקן יעדן זונטיק אַ פּעקל שפּייז פאַר אַ דריטן זון, אַ קריגס־געפאַנגענעם, האָט דאָך געגלייבט אין דער נייטיקייט פון פאַרזעצן ביזן זיג. וואָס שייך מיר, בין איך געווען קעגן אַלץ, וואָס האָט פאַרלענגערט די שחיטה.

אין מיין דורשט נאָך וויסן, האָב איך געלייענט אָן שום אָרדענונג אַלץ, וואָס איז מיר געקומען אונטער דער האַנט.

— ווי נאָר ער דערזעט אַ שטיקל פּאַפּיר אויפן מיסט, וואַרפט ער זיך גלייך אויף דעם עס צו לייענען — פלעגט זאָגן מיין זיידע.

איך האָב ממש געשלונגען זשיל ווערן, דימאַ דעם פּאַטער, „די פּאַר־שטויסענע״ און „די ים־אַרבעטער״ פון וויקטאָר הוגאָ, „זשערמינאַל״, „די ערד״ און „געלט״ פון עמיל זאָלאַ, „זשאַקו דער פויער״ פון עיזשען לע רואַ״, „דער אויפשטענדלער״ פון זשיל וואַלעס. ה׳ סעלערע האָט מיר אויסגעבאָרגט אָט די אַלע ביכער.

„צוואַנציק טויזנט מייל אונטערן ים״ האָט צעפלאַמט מיין פאַנטאַזיע. עס איז מיר מער געווען צום האַרצן דער כאַראַקטער פון קאַפּיטאַן נעמאָ

ווי זיינע איבערלעבענישן. ער האָט פאַרקערפּערט אין מיינע אויגן דעם אויסערגעוויינלעכן זשעני פון דער פאַרשטויסענער וויסנשאַפט, וועלכע טריאומפירט איבער אַלץ; פון דער וויסנשאַפט, וועלכע וועט איבעראַנדערשן די וועלט און די מענטשן, ווען זי וועט באמת זיין אין דינסט פון פאָלק.

דערנאָך בין איך אַריבער צום „פירשט פון מאָנטע קריסטאָ". וואָס עס האָט מיך צומערסטן אינטערעסירט, איז געווען די ראָל פונעם געלט אין דער געזעלשאַפט. אַדאַנק דער אַנטדעקונג פונעם אוצר, איז דאַנטעס געוואָרן אַן אויבערמענטש, אַ ריטער פון גערעכטיקייט.

עס איז מיר אויך ליב געווען די גוטסקייט פון זשאַן וואַלזשאַן, דעם קרבן פון אַן אומברחמנותדיקן גורל. און באַזונדערס האָט מיר אין „די פאַרשטויסענע" אימפּאָנירט גאַווראָש, דער וווּנדערבאַרער גאַווראָש, וואָס פון דער באַריקאַדע אַריבער רייצט ער זיך מיטן מיליטער; גאַווראָש, וועמענס ליד האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער שיסעריי.

די שילדערונגען פון אַקעאַן און די קאַמפן פון זשיליאַט אין „די ים־אַרבעטער", האָבן מיך אַנגעפילט מיט ענטוזיאַזם. דורך די ווערטער פון הוגאָ איז דאָס ווילדע געברויש פון ים דערגאַנגען ביז צו מיר...

יאָרן זיינען אַדורך. דער זיידע האָט אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון דאָרף, ווייט פון זיין געבוירן־אָרט, געליטן פון איינזאַמקייט. אויב ער האָט באַגערט אַ הילכיקע און שרעקלעכע נקמה, די ענדגילטיקע מפּלה פון דייטשן אימפּעריאַליזם און די עקזעקוציע פון „ווילהעלם דעם צווייטן, דעם יונקער", האָט ער זיך אָבער געוווּנטשן עס זאָל שוין אַ סוף נעמען צו דער מלחמה, כדי צוריקצוגעפינען זיין היים און זיינע נאָענטע. נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם קרעז־דעפּאַרטעמענט, כדי זיך צו דערנענטערן צו צפון־פראַנקרייך. דעם 23־טן מערץ 1917 האָבן מיר אין בוסאַק געגומען דעם צוג קיין פאַריז.

איך האָב, אַלזאָ, געזען פאַריז צום ערשטן מאָל אין סאַמע קריג. די דייטשן זיינען אַלץ געווען 70 קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט. „טויבן" זיינען פון צייט צו צייט אַהערגעקומען וואָרפן זייערע באָמבעס. די אַט־מאָספער איז געווען אַן אומעטיקע, אַן אַנגעשטרענגטע. מיר זיינען אַוועק אין אויפנעם־צענטער פאַר די צפון־פּליטים, וואָס האָט זיך געפונען אין שמוציקע באַראַקן. דעמזעלבן אָוונט זיינען מיר אַרויסגעפאָרן קיין אַמיען. מיר האָבן באַקומען אַרבעט אין דרעי־לעז־אַמיען, ביי אַן אייגנטימער פון אַ טאַרטאַק, ביי וועמען עס האָט שוין געאַרבעט אַ ברודער פון מיין זיידן, אויך אַ פּליט פון נאָר־דעפּאַרטעמענט.

מיר זיינען אַריין אין דער באַן צוזאַמען מיט סאָלדאַטן אויף אורלויב, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אויפן פראָנט, און מיט וואַלד־אַרבעטער, וואָס זיינען געפאָרן אַרבעטן אין דערזעלבער געגנט ווי מיר. די רייזע איז געווען אַ טרויעריקע. די סאָלדאַטן איז שוין נמאס געווען דער קריג. די מערהייט פון זיי האָט געהאָפט אויף אַ „גוטער ווונד", וואָס זאָל זיי דער־מעגלעכן אַרויסצוגיין פון דאָזיקן גיהנום.

אין דרעי האָט ברינעל, דער באַלעבאָס, אונדז געהייסן פירן דאָס שיפל, וואָס האָט טראַנספּאָרטירט זיין האָלץ. אונדזער שיפל האָט גע־הייסן „לאַ פראַנס". פון קאָרבי ביז אַבוויל, לענגאויס דער סאָם, פלעגן מיר פאָרן צונויפנעמען אונדזער פראַכט.

מיר האָבן שנעל זיך אויסגעלערנט האַלטן דעם רודער, אַריבערוואַרפן דעם קאַבעל צום אַנטרייבער פון די פערד, וועלכע האָבן אונדז געשלעפּט; זיך באַדינען מיט די לאַנגע געקאַוועטע דרענגער, אַרומדרייען שנעל אַ שטאַלע־נעם קאַבעל אַרום די שיף־שפּוליעס. מיר פלעגן שלאָפן אין אַ גאָר קליינער קאַבינע און עסן אויפן דעק. אויב איך בין נישט געווען, נישט קאַפּיטאַן נעמאָ און נישט זשיליאַט, האָב איך לכל הפחות טיילווייז פאַרווירקלעכט דעם טרוים, וואָס איך האָב געהאַט, לייענענדיק „אַן אַ היים" פון העקטאָר מאַלאָ: אַדורכרייזן פראַנקרייך אין אַ שווימענדיק הויז און זיך באַקענען מיט זיינע פאַרשידנאַרטיקע געשטאַלטן.

וואָס פאַר אַן אונטערשיד צווישן אָט דער פרוכטבאַרער ערד פון פּי־קאַרדיע, וואָס די סאָם שניידט אַדורך, און די גראַניט־בערגלעך פון קרעז! אויף ביידע ברעגן טייך, באַזונדערס אין דער געגנט פון אַמיען, האָבן זיך אויסגעשפּרייט די איינדזעלעך, די „האָרטיאָנס" 1). די גערטנערס זיינען אַרומ־געפאָרן אין זייערע לאַנגע, פלאַכע שיפלעך, וואָס זיינען געווען הויך־באַלאָדן מיט כלערליי סאָרטן גרינס. די ערד איז געווען פעט און פרוכטבאַר. עס האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז די איינוווינער פון אַזאַ בליענדיקער געגנט דאַרפן אַלע זיין רייך. איך האָב שנעל דערזען מיין טעות: איך האָב דאָ געטראָפן די זעלבע אָרעמקייט ווי אַנדערשוו.

צוגלייך מיט די גרינס־ווירטשאַפטן, וואָס האָבן זיך אויס־געשפּרייט, מיט זייערע פילפאַרביקע פירעקן, לענגאויס דעם טייך — האָבן עקזיסטירט בליענדיקע אינדוסטריעס פון שטאָף, ביינוול, יוטע און

1) זומפּיקער באָדן, וואָס ווערט באַנוצט צו גרינוואַרג־פּראָדוקציע (באַמ. פון איבערז.).

סאַמעט. אָבער די שרייאיקע פאַרמעגנס פון די פּאַטראָנען זיינען געבויט אויף דער ערגסטער מענטשלעכער עקספּלואַטאַציע. די גאַנצע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פונעם טאָל פון דער סאָם (אַאי, פּיקיני, מולען בלע, לאַנפּרע, פּאָן רעמי, אַבוויל; און מער צו צפון — פליקסעקור, סענט־אואַן, באָוואַל) האָט אָוועקגעלייגט דאָס געזונט ביי אומדאַנקבאַרע און אומגעזונטע אַרבעטן, זייענדיק איינגעשלאָסן צווישן די ווענט פון שטיקנדיקע פאַבריקלעך. מען האָט נאָך געקענט געפינען אין דער פאַרשטאָט פון אַמיען פיל פרויען, וואָס האָבן „געשניטן” דעם סאַמעט ביי זיך אינדערהיים. דער לוין האָט נישט אַריבערגעשטיגן 40 ביז 50 סו אַ טאָג. אין פאַרגלייך מיט דער דאָזיקער אָרעמקייט האָט מיר אויסגעזען, אַז דאָס לעבן פון די קוילנגרעבער פון נאָר און פון די פּויערן פון קרעז, הגם אַזאַ שווערס, איז פשוט מקנא צו זיין.

דער פאָטער, די מוטער, די קינדער, ווי נאָר זיי האָבן דערגרייכט דעם עלטער צו אַרבעטן, פלעגן אַוועקגיין אין דער שפּולעריי אָדער וועבעריי. זונטיק פלעגט מען אָפּקאָכן אַ ריזיקן קעסל זופּ מיט חזיר־פּעטס אויף אַ גאַנצער וואָך, ווייל די פרוי, וועלכע איז געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן אין פאַבריק, האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט דער קיך. אין די געדיכט־באַוווינטע קוואַרטאַלן פון די שטעט און אין די דערפלעך, האָט געווימלט מיט אָן אַ שיעור שוואַכע, בלייכע און ראַכיטישע קינדער. די צאָל אומנאָרמאַלע קינדער איז געווען איבעראַשנד גרויס. נישט האָבנדיק דאָס סאַמע נייטיקסטע, האָט אַ טייל פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג געזוכט אינעם אַלקאָהאָל אַ מיטל צו פאַרגעסן און פאַרטרייבן די צרות.

ווען איך האָב אין אויגוסט 1918 זיך געשטעלט צום פּריזיוו, זיינען אויף פופצן רעקרוטן פונעם דערפל, דרייצן אָנערקענט געוואָרן אַלס דינסטפעאיקע. אָבער אויף די פינף־און־צוואַנציק רעקרוטן פון אַאי־סיר־סאָם, איינעם פון די פּונקטן פון דער שווערסטער אַרבעטער־עקספּלואַטאַציע, זיינען בלויז פינף אָנערקענט געוואָרן אַלס דינסט־פעאיקע, הגם די מיליטערישע דאָקטוירים זיינען נישט געווען צו־שטרענג.

אַלץ מער און מער האָט אין מיין געדאַנק דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם זיך פאַרבונדן מיטן פּראָבלעם פון קריג: די זעלבע קרבנות, די זעלבע סיבות.

און אָט איז אין מזרח אויפגעגאַנגען די זון פון דער רעוואָלוציע. אָנהייב מערץ 1917 האָבן די רוסישע אַרבעטער און פּויערן פאַרטריבן דעם צאַר. אָבער די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען, די מענשעוויקעס, וואָס זיינען

געקומען צו דער מאַכט אַדאַנק דער רעוואָלוציע, האָבן געוואָלט אויפהאַלטן רוסלאַנד ווייטער אין קריג און ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים. דורך 8 חדשים אינטענסיווע אַנשטרענגונגען האָבן לענין און די באָלשעוויקעס באַוויזן צו דעמאַסקירן אין די אויגן פון די מאַסן די פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס און פון די פּריידיקער פון „קריג־ביזן־סוף". און די סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעוואָרפן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און פון די גרויסע פּריצים. די אַרבעטער און פּויערן, אַנגעפירט דורך לענין און סטאַלין, האָבן אויפגעשטעלט זייער אייגענע מאַכט, די מאַכט פון סאָוויעטן. די גרויסע פאַבריקן, די גרובנס, די בענק, די אייזנבאַנען זיינען געוואָרן דאָס אייגנטום פון פאָלק, וואָס האָט זיך באַפרייט און האָט דערקלערט שלום דער וועלט.

מיין ענטוזיאַזם פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע האָט מיך געשטויסן צו קעמפערישער טעטיקייט. איך האָב ליידנשאַפטלעך געזוכט צו אינפאָרמירן זיך וועגן דעם, וואָס ס'געשעט דאָרט. איך האָב געשלונגען די צייטונגען, זשורנאַלן און בראָשורן, און ליידער נישט שטענדיק געפונען דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט: וואָרים די רעגירונג, די בורזשואַזיע, די „גרויסע פּרעסע" האָבן פאַרביסן געקעמפט, מיט דער הילף פון רכילות און ליגנט, קעגן דעם אויפגייענדיקן רעזשים.

די דאָזיקע קאַמפּאַניעס פון שקרים און רכילות האָבן נישט געהאַט אויף די אַרבעטער די ווירקונג, וואָס מען האָט אויסגערעכנט. אַפילו די צומערסטן אומבאַוווסטזיניקע אַרבעטער האָבן מטושטשדיק געפילט, אַז דאָס וואָס אַנטשטייט איצט אין רוסלאַנד, איז זייער רעפּובליק; אַז די זאַך, פאַר וועלכער עס קעמפן אַזוי פּרעכטיק און פאַלן די רוסישע אַרבעטער — דאָס איז זייער זאַך, די זאַך פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע לענדער. און איבער די פיינטלעכע טראַנשייען, איבער די אונטערגעצונדענע און חרובע שטעט, איבער די באָמבאַרדירטע און פאַרוויסטע געגנטן, ווו עס האָט אויף די מענטשן אומאויפהערלעך געלויערט דער טויט, איז אויפגעגאַנגען דער גרויסער רוף פון מאַרקסן, דער רוף, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט איבערגענומען: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!"

יעדעס מאָל, ווען איך האָב פאַרלאָזט דאָס שיפל, האָב איך געפּרוווט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די סאָציאַליסטישע טוער. אין אַמיען האָט עקזיסטירט אַ געגנוג־איינפלוסרייכע אַנאַרכיסטישע גרופּע, וועלכע האָט אָבער גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אויף אונדזער שיפל האָבן מיר — מיין זיידע און איך — נישט גע־האַט אויסצושטיין די באַליידיקונגען און די כסדרדיקע קאָנטראָל פון־נעם פּאַטראָן. מיר פלעגן אים בלויז זעלטן זען אויף אונדזער דעק. מיין זיידע, אַן אַלטער קוילנגרעבער, האָט געהאַט די מעלות פון פּראָבעצוויזישן אַרבעטער: ער איז געווען צוגעבונדן צום פאַך, געהאַט ליבע און שטאָלץ צו זיין אַרבעט. ער איז געווען ערלעך, אומבאַפלעקט און האַרב צו זיך אַליין און צו זיינע קינדער. אָבער ער פלעגט נישט פאַרטראָגן, מען זאָל צו אים האָבן טענות וועגן זיין אַרבעט, בפרט ווען ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט זי גוט געמאַכט. אַ פילבאַרער, אַן אייביק־רעוואָלטירטער קעגן דער אומגערעכטיקייט, אַ מענטש וואָס פלעגט אָפטמאָל אַריינ־פאַלן אין אַ פּלוצלונגדיקן כעס, פלעגט ער אָן דעם מינדסטן מורמל קענען פאַרטראָגן הונגער און פראָסט. איך האָב אָבער געזען ווי ער האָט גע־וויינט, באַגעגענענדיק אין גאַס אַ קינד, וואָס האָט געציטערט פון קעלט. זייענדיק אַליין אַ סינדיקאַלער טוער, האָט ער הייס גע־קעמפט פאַר זיינע פאָדערונגען מיטן פולן באַוווסטזיין פון זיינע פליכטן, מיטן באַרעכטיקטן שטאָלץ פונעם אַרבעטער, וואָס האָט גאָרנישט זיך פאַרצוּוואַרפן: „איך וויל האָבן דאָס רעכט צו זאָגן מיין פּאַטראָן דעם אמת אין פּנים אַריין" — פלעגט ער איבערחזרן.

אַ געוויסן טאָג, בעתן אויפלאָדן די סחורה, האָט דער פּאַטראָן נישט אויפגעהערט זיך צו טשעפּען צו די אַרבעטער; ער האָט זיך געדרייט אַרום מיין זיידן, וועלכער איז אין פּרינציפּ געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער אַרבעט אויפן שיפל. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט דער אַלטער זיך איינגעהאַלטן. זיינע לאַנגע וואָנצעס האָבן געציטערט פון כעס. צום סוף, נישט קענענדיק מער שוין אַריבערטראָגן, האָט ער געוואָלט אַריינוואַרפן דעם פּאַטראָן אין וואַסער אַריין. זינט דאַן האָט מען מער נישט געזען דעם פּאַטראָן אויפן שיפל.

אין מערץ 1918, אין מאָמענט פון דער גרויסער דייטשער אָפענסיווע אויף דער סאָם, האָט אַ באַפעל פון דער מיליטערישער מאַכט פאַראָרדנט אַלע יוגנטלעכע צו פאַרלאָזן די באַדראָטע זאָנע. דאָס איז געווען אַ שווע־רער קלאַפּ פאַר מיין זיידן. איך בין געווען זיין לעצטע און איינציקע האָפענונג, זיין טרייער באַגלייטער נאָך דעם. ווי דער שטורעם האָט אַוועק־געריסן אַלע זייניקע. זעענדיק ווי איך לאָז זיך אין וועג אַריין, האָט דער זיידע געוויינט.

איך בין אַוועק צופוס קיין גראַנווילע, אין אויף־דעפּאַרטעמענט, אַ

30 קילאָמעטער פון אַמיען. אין משך פון אַ חודש האָט מען אונדז גע־הייסן גראָבן טראַנשייען. ווען מען האָט אונדז מער נישט געדאַרפט, האָט מען אונדז צוריקגעשיקט.

די דייטשן האָבן זיך געפונען נאָענט פון אַמיען; די באָמבעס זיינען געפאַלן טאָג־טעגלעך אַרום דער קאַטעדראַלע, וועלכע איז געווען מער־ווייניקער באַשיצט דורך זעק ערד. איך דערמאָן זיך מיין אויפגעבראַכטקייט אין אַנבליק פון אַט דעם אַקט פון וואַנדאַליזם. נישט האָבנדיק קיין פע־טישיסטיש געפיל פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, האָב איך אָבער שטענדיק ליב געהאַט די דענקמעלער פון שטיין. איך האָב אַלעמאָל באַוווּנ־דערט די איידעלע שניצערייען פון דער גאָטישער קונסט, די וווּנדערבאַרע רעשטלעך פון פאַרגאַנגענע צייטן. איך בין שפּעטער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז בלויז אַ גרויסע עפּאָכע — די עפּאָכע פון סאָציאַליזם — וועט קענען שאַפן אַ גרויסע קולטור און דערמעגלעכן דאָס אויפקומען פון נייע שעדעווערן, וואָס וועלן זיך לאָזן פאַרגלייכן צו די קאַטעדראַלעס, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין מיטל־אַלטער דורכן רעליגיעזן גלויבן פון די בוי־מייסטער און סטאַטוע־סקולפּ־טאָרן.

איך בין ערשט אַלט געוואָרן אַכצן יאָר און איך האָב שוין באַוויזן צו אַרבעטן ביי דריי פאַכן: אַלס קוילנגרעבער, פאַראַבעק און שיפער. און איצט האָב איך נאָך געדאַרפט פאַרזעצן מיין לעבנס־דערפאַרונג, אַרבעטנ־דיק אַלס בעקער־געזעלן פון יוני ביז נאָוועמבער 1918. די אַרבעט־באַדינגונגען זיינען געווען קלאָגעדיקע; די בעקעריי — אַן ענגע און פול מיט טאַראַקאַנעס. איך האָב געדאַרפט שלעפּן די זעק מעל, העלפן די בעקער־אַרבעטער אַריבערפירן דאָס האָלץ און דאָס ברויט, זיך פאַרנעמען יעדן טאָג מיטן רייניקן.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער וואָפנשטילשטאַנד.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מיינע עלטערן, עוואַקואירטע בעת דעם דייטשן צוריקצוג, האָבן געוווינט אין לאַנקעסען, אין בעלגיע. איך בין אַוועקגעפאָרן צו זיי, פול מיט אומגעדולד זיך ווידער צו זען און צו פרייען מיט די, פון וועמען די מלחמה האָט מיך אַוועקגעריסן.

פון אַמיען ביז טורנע איז אַן ערך הונדערט צוואַנציק קילאָמעטער. צוזאַמען מיט יונגע חברים האָבן מיר זיי דורכגעמאַכט, אין גרעסטן טייל צופוס, איבער דער צעשטערטער זאָנע.

מיר זיינען אַדורך ערטער, וועמענס נעמען האָבן באַקומען דורך די קריגס־קאָמוניקאַטן אַ מין לעגענדאַרן אָרעאָל. דאָס זיינען געווען בלויז חורבות, תמיד ענלעכע איינע צו די אַנדערע: די פאַרשידנאַרטיקייט פון לעבן איז פאַרשוווּנדן אונטער דער איינפאָרמיקייט פון פאַרניכטונג און טויט. גרויסע טאַפּאָלן, אויסגעלייגטע לענגאויס די וועגן, צעאַקערטע בערגלעך, בלאָטיקע גריבער, שוואַרצע קאַלוזשעס, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט שטיקער אייזן, צעפּרעסענע פון זשאַווער; טיפע, קאַלכיקע לעכער, אויסגעהוילטע ראָוון; לאַבירינטן פון טראַנשייען, אומדורכגייבאַרע, געבערגלטע שטחים, איבערגעהאַקטע דורך אַ פלאַנטער פון אייזן, גריבער, קוסטעס, צונויפגעפלאָכטענע צווייגן... גרויל־וויזיעס! דאָרט, וווּ עס זיינען פריער געווען דערפער און פון וועלכע עס איז ווי אַ זכר בלויז פאַרבליבן דער רויטער שטויב פון די צעריבענע דאַכלקעס און ציגל, האָבן אייניקע ברוק־שטיינער, געשווינטע פון די באָמבעס, קוים אָנגעדייט אַ סימן פון אַ וועג. מיר געפינען גאָרנישט, וואָס זאָל אונדז קענען פירן, אַחוץ די פּאָר טאָוולען דאָ און דאָרט, אויף וועלכע עס איז אָנגעשריבן מיט אומגעשיקטע אותיות: בילי־גרענעי, ליעווען... יעדער הויפן ערד איז דורכגעווייקט פון בלוט און טרערן. מיר טרעטן אויף שטויב, וואָס איז פאַרבליבן פון גאַנצע אַרמייען. נעמען קומען אויף ווי געשפענסטער: נאָטר־דאַם דע לאָרעט, סושעז, ל'עפּעראָן דעז אַראַב... מיר קומען ענדלעך אָן קיין לאַנס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ שרעקלעכע אָנהויפונג פון איינגעבראָכענע און חרובֿע הייזער, וועמענס קעלערן, פול מיט וואַסער, שטייען אָפענע אונטערן פרייען הימל.

ענדלעך זיינען מיר אַ געוויסן אָוונט אָנגעקומען קיין נואַיעל־גאָדאָ. דאָס דאָרף, וווּ עס איז פאַרביי מיין קינדהייט, האָט שרעקלעך געליטן. אונדזער הויז איז געבליבן גאַנץ, אָבער דערנעבן איז דאָס הויז, וווּ עס האָט געוווינט איינער פון מיינע פעטערס, צעשמעטערט געוואָרן דורך אַ באָמבע... די שענק, די פאַבריק, זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. די שאַכטע נומער 4, וווּ איך האָב געאַרבעט, איז איצט געווען איין גרויסער מיש־מאַש פון ציגל, שטיינער, ריזיקע שטאָלענע זיילן, רעדער פון וואַגאָנען, שטריק, שטיקער צעבויגענע, פאַרמלאָזע אייזנס. פאַרן אָפּטרעטן האָבן די דייטשן אויפגעריסן מיט דינאַמיט די אינערלעכע איינריכטונגען און פאַרפלייצט דעם גרובן.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ באַראַק, וואָס האָט אונדז באַ־

שיצט פון ווינט און רעגן, און מיט אַ געדריקט האַרץ האָבן מיר זייער פרי זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין. חורבות, חורבות אָן אַ סוף... אָט איז אַרשי, דאַן בעלגיע, טורנע, אַט, און ענדלעך לאַנקעסען... איך האָב דאָ צוריקגעפונען מיינע עלטערן. איך האָב מער נישט געשפּירט די מיד־קייט פון לאַנג מאַרשירן איבער אַ געגנט אָן וועגן. די פרייד צוצודריקן צום האַרצן מיין מוטער און מיין פאָטער האָט מיך אָנגעפילט מיט נייע כוחות. די פיר יאָר צעשיידונג, די אָנגסטפולע אומרו־געפילן, אַלע צרות און אַלע געפאַרן זיינען מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן פון מיין זכרון. איך בין אַרויס פון אַ קאָשמאַר. דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פונדאַסניי.

דעם 3־טן יאַנואַר 1919 האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין נואַיעל. אין מיטן פון די רואינען האָבן מיר מוטיק זיך צוריקגענומען צו דער אַרבעט.

איך האָב צוערשט באַקומען באַשעפטיקונג ביים ווידעראויפבוי פון דער אייזנבאַן־ליניע לאַנס־דועי. דאַן בין איך צוריק אַריין אַרבעטן אין דער שאַכטע נומ. 4 פון די קוילנגרובנס פון דורזש.

איך האָב אַלץ ליידנשאַפטלעכער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער סינ־דיקאַלער טעטיקייט, מיטן פאָליטישן קאַמף. אויך דאָ, האָב איך געשפּירט, איז נייטיק אַלץ אָנצוהייבן פונדאַסניי.

יעדן שבת פלעג איך פאַרקויפן די סינדיקאַלע צייטונג „לאַ טריבין“. וואָס פאַר אַ פרייד האָב איך איבערגעלעבט דעם טאָג, ווען איך האָב פאַר־שפּרייט 324 עקזעמפּלאַרן!

די פאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון פראַנקרייך האָט שנעל געשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן פראָלעטאַריאַט. דער שטייגנ־דיקער יקרות, דאָס פאַלן פון פראַנק, דער קריזיס פון טראַנספּאָרט, פון קוילן, פון צוקער, די שוועריקייטן אַריבערצוגיין פון דער קריגס־ווירט־שאַפט צו דער פרידן־פּראָדוקציע — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַן אויפ־ברויז, וועלכן דאָס געזעץ פון 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס איז אויפגע־צוווּנגען געוואָרן דער רעגירונג פון קלעמאַנסאָ, איז נישט געווען בכוח צו באַרואיקן.

אַ כוואַליע שטרייקן האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבערן לאַנד. היות אָבער, עס איז נישט געווען קיין שטאַרק־אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, איז די דאָזיקע דערוואַכונג פונעם אַרבעטער־באַוווּסטזיין געבליבן אָן פּלאַן, וואָס שייך קאָנקרעטער אַקציע. האָט דען לענין נישט געשריבן:



מאָריס טאָרעז מיט זײַן זיידן
אין קרעז-דעפּאַרטעמענט אין יאָר 1915



מאָריס טאָרעז צו 20 יאָר

„אַן אַ רעוואָלוציאָנערער טעאָריע איז נישטאָ קיין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג“... 1).

געהאַמעוועט דורך די שעדלעכע טראַדיציעס פון פאַרן קריג, פאַרפלאָנטערט אין אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם און פאַציפיזם, האָט דער אַרבעטער־קלאַס אין דער גרעסטער קאָנפוזיע געזוכט זיין וועג. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי וואַקסט אויס פון 24.000 מיטגלידער אין 1918 צו 150.000 אין 1920. די ס. זש. ט. ציילט צוויי און אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער. דער פּראָלעטאַריאַט פאָדערט: אַ סוף מאַכן צו דער אינטערווענץ קעגן די סאָוויעטן, אַ באַלדיקע דעמאָביליזאַציע, אַן אַמנעסטיע פאַר די מיליטערישע און פּאָליטישע פאַראורטיילטע. ער באַגריסט דעם אויפשטאַנד אויפן שוואַרצן ים פון אַפּריל 1919, וואָס איז געווען פאַרקערפּערט דורך אַנדרעי מאַרטי. ער פאַרשטייט די גאַנצע באַדייטונג פונעם הערצאָישן קאַמף, וואָס די מאַסן פירן אין רוסלאַנד, און ער באַמיט זיך זיי צו קומען צוהילף.

כ׳בין אַריין אין דער פאַרטיי און אינעם סינדיקאַט אין מערץ 1919. אין דער פאַרטיי האָב איך מיט רעגנעי פּרואָסאַר — אַ פויער, וואָס די דייטשן האָבן שפּעטער, אין 1942, דערשאָסן אין יאָן־דעפּאַרטעמענט — געקעמפט אינעם „קאָמיטעט פאַר אָנשליסן זיך אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל“. אין קוילנגרעבער־סינדיקאַט, וואָס איז צוריק געוואָרן אויטאָנאָם אין 1913, האָב איך געקעמפט דערפאַר, אַז ער זאָל זיך אָנשליסן אין דער ס. זש. ט. וואָס פאַר אַ פּעריאָד פון אינטענסיווער פּאָליטישער אַקטיוויטעט און פון שאַרפע וויכוחים! די סאָציאַליסטישע סעקציע פון נואַיעל האָט עטלעכע וואָכן נאָך אַ גרויסער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס האָט גערעדט וואַיאָן־קוטיריע, געשטימט מיט 66 שטימען קעגן 5 פאַר אַריינטרעטן אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג אין אַ געגנט, ווו די אַלטע סאָציאַליסטישע פירער, נישט קענענדיק מער שטערן דאָס פאַרלאָזן דעם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן אָפּגעשלעפּט דאָס אָנשליסן זיך אינעם 3־טן אינטערנאַציאָנאַל.

אויפן קאָנגרעס פון שטראַסבורג (פעברואַר 1920) האָבן אויף 479 מאַנדאַטן פון פאַ־דע־קאַלע, 362 געשטימט קעגן דעם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל און 117 פאַר. לסוף האָט די פאַרשטייערשאַפט פון פאַ־דע־קאַלע זיך געשפּאָלטן אויף צווייען: איין העלפט (232 שטימען) פאַרן ווידער־אויפבוי (צענטריסטישע טענדענץ, פאַרגעשטעלט דורך לאָנגע), די צוויי־

1) וו. א. לענין: „וואָס דאַרף מען טאָן?“ ז. 26, „עדיסיאָן סאָסיאַל“ 1949.

טע העלפט (247 שטימען) פאַרן ווידעראויפבוי מיט אַן אויסבעסערונג פון לעאָן בלום (רעכטע טענדענץ) 1). געוויסנלאָזע פּאָליטיקאַנער האָבן באַוויזן דורך פאַרשידענע מאַכינאַציעס אויסצונאַרן אונדזערע מאַנדאַטן, וואָס זיינען געווען לטובת דעם 3־טן אינטערנאַציאָנאַל. עס איז בייטיק געווען פאַרצוזעצן די שלאַכט.

אין נאָר און אין פאַ־דע־קאַלע איז דאָס יאָר 1919 געווען רייך אין כלערליי שטרייקן און אין אינצידענטן. די קוילנגרעבער און די אַרבעטער פון די צעשטערטע געביטן זיינען אַריין אין קאַמף. עס איז געווען פאַרויסצוזען, אַז דאָס יאָר 1920 וועט זיין נישט־וויניקער שטורעמדיק.

אין מערץ 1920, אין סאַמע ברען פון שטרייק, גראָד אין מאָמענט, ווען איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון דער סעקציע פון נאָיעל צום סינדיקאַלן קאָמיטעט פון דער דורזש־קאָנצעסיע, בין איך גערופן געוואָרן צום מיליטער אינעם 72־טן אינפאַנטעריע־רעגימענט. דאָס ערשטע יאָר האָב איך געדינט אין 3־טן באַטאַליאָן, וואָס איז איינגעשטאַנען אין אַבוויל, און דאָס צווייטע יאָר, אין דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמפּאַניע אין אַמיען. בעת אַן אורלויב, זייענדיק נאָך אַנגעטאָן מיליטעריש, האָב איך צום ערשטן מאָל גענומען דאָס וואָרט אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. אָפּאָנירנדיק דעם סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט פון דעם וואַל־קרייז, האָב איך פאַרטיידיקט די טעזן פון 3־טן אינטערנאַציאָנאַל. די קוילנגרעבער זיינען געווען צופרידן צו הערן איינעם פון זיי, וואָס האָט צו זיי גערעדט וועגן זייערע זאָרגן, וועגן זייערע נויטן און

1) די מלחמה האָט אַרויסגערופן דעם באַנקראָט און דעם צוזאַמענברוך פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. מיטן אויסנאַם פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, זיינען אַלע פאַרטייען פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל פאַרזונקען אינעם זומפּ פון דער קריגס־פּאָליטיק, יעדע פון זיי האָט אונטערגעשטיצט די בורזשואַזיע פון איר אייגענעם לאַנד. לענין האָט שוין דעם 1־טן נאָוועמבער 1914 פּראָקלאַמירט: „דער 2־טער אינטערנאַציאָנאַל איז טויט... זאָל לעבן דער 3־טער אינטערנאַציאָנאַל!" אין מערץ 1919 איז געגרינדעט געוואָרן דער 3־טער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל: אַרום די באָלשעוויקעס האָבן זיך גרופּירט די אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע האָבן געוואָלט זיך צוריקקערן צו די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. קעגן דעם 3־טן אינטערנאַציאָנאַל, אַ באַפרייטן פון אָפּאָרטוניזם, האָבן די רעפאָרמיסטישע פירער געפּריידיקט דעם „ווידעראויפבוי" פון אַן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל אויפהאַלטן ביי זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פירער, וועלכע האָבן ביזן האַלדז געשטעקט אין דער פּאָליטיק פון מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע.

זיי אָנגעוויזן דעם וועג צו באַפרייאונג, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך לעניגען. „ווייסט, — האָבן זיי געזאָגט, שטורכענדיק זיך מיטן עלנבויגן, — דאָס איז דער קליינער טאָרעז! ער איז אויסגעוואָקסן...“

אַלס סאָלדאַט האָב איך ווייטער געאַרבעט, געלייענט און אויך געקעמפט. מיר האָבן אין די אָוונטן דיסקוטירט אין די צימערן וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע און דעם 3־טן אינטערנאַציאָנאַל. מיר האָבן געשיקט אַ ווענדונג צו דער „הימאַניטע“ לטובת דעם אָנשלוס.

דעצעמבער 1920. מיט וואָס פאַר אַ פאַרכאַפּטן אָטעם מיר האָבן עס נאָכגעפאָלגט די דיסקוסיע אויפן קאָנגרעס פון טור! די פלאַמיקע ווערטער פון קלאַראַ צעטקין, וועלכע האָט באַוויזן אָפּצווענדן די פּאָליציייאישע אויפמערקזאַמקייט, און די גלענצנדיקע רעדע פון מאַרסעל קאַשען האָבן אונדז עלעקטריזירט. די פעדעראַציע פון פּאַ־דע־קאַלע האָט דאָס מאָל זיך אַרויסגעזאָגט מיט אַ גרויסער מערהייט פאַר אָנשליסן זיך אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל: 267 מאַנדאַטן פאַר דער רעזאָלוציע פון קאַשען־פראָסאַר, 145 פאַר דער אָנשלוס־רעזאָלוציע מיט רעזערוון, פון לאָנגע־פּאָל פאָר, און 67 פאַר דער רעזאָלוציע פון בלום. דאָס איז געווען אַ זיג פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם! דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס הייבט ווידער אָן זיין פאָרויסמאַרש. און מיר, די יונגע, אָטעמען אַריין מיט אַ פולן ברוסטקאַסטן די דאָזיקע אָפּפרישנדיקע לופט. אָבער די קאָמוניסטן האָבן נאָך אַדורכצוגיין אַ לאַנגן וועג, אַדורכצומאַכן אַ שווערע שול, כדי צו דערקענען און אָפּצושאַצן, ווי פּאָליטיקער, די ווירקלעכקייט אַרום זיי, כדי צו באַקומען די דערפאַרונג פון קאַמף, כדי זיך אויסצולערנען צו זיגן אין די ספּעציעלע באַדינגונגען פון פראַנקרייך!

קאפיטל 2.

# אויף דער לער

**די „מאַקאַס". — צוויי שטרייקן: פעברואַר און נאָוועמבער 1923. — אַ לעקציע פון רעאַליזם. — דער קאַמף פאַר דעם איינהייט־פראָנט (1922). — קעגן דער אָקופּאַציע פון רור־געביט. — מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט (1924). — לענינס טויט. — מיין ערשטע רייזע קיין פ.ס.ס.ר. (1925). — ביי סטאַלינען. — דער קאַרטעל פון די לינקע פאַרטייען (1924־1926). — מיטגליד פון פּאָליטישן ביוראָ (1925). — קעגן דער מלחמה אין מאַראָקע. — די קאָמוניסטן זייַנען די אמתע פּאַטריאָטן. — די מלחמה־דראָאונגען קעגן פ.ס.ס.ר. — קלאַס קעגן קלאַס. — קעגן סעקטאַריזם. — אומלעגאַלער טוער. — די גרופּע באַרבע־סעלאָר. — מיינע תפיסות. — די פאַרטיי אויף נייע רעלסן. — די באַוועגונג אַמסטערדאַם־פּלעיעל. — „איין געאייניקטער אַרבעטער־קלאַס, איין איינציקער סינדיקאַט, איין איינציקע פאַרטיי" (2־טער דעצעמבער 1932). — אַ באַזוך ביי באַרביסן. — אויפן קבר פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג.**

יעדעס מאָל, ווען איך בין אַלס סאָלדאַט געקומען אויף אורלויב, פלעג איך אַראָפּגיין אַרבעטן אין קוילנגרובן. דער אויפזעער פלעגט פון זיכערקייט־ וועגן מיך אַוועקשטעלן אַרבעטן צוזאַמען מיט די „מאַקאַס", די „געלע", וועלכע מען האָט יעדעס מאָל אַרויסגעשטעלט קעגן די קאַנדידאַטן פון סינדיקאַט ביי די וואַלן פון קוילנגרעבער־דעלעגאַטן און פון דעלעגירטע צו דער הילף־קאַסע.

נאָך דעם ווי איך בין באַפרייט געוואָרן פון מיליטער, האָט מען מיך מער נישט געוואָלט צוריקנעמען צו דער אַרבעט. איך האָב געמוזט זוכן

באַשעפטיקונג ביי פאַרשידענע פאַכן, צווערשט אַלס בוי־אַרבעטער, דער־נאָך אַלס שטובן־מאַלער — דאָס פאַך פון מיין ברודער לואי, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אין 1942.

איך בין געווען שטאַרק טעטיק אין דער קאָמוניסטישער יוגנט און אין דעם איינהייט־סינדיקאַט פון די קוילנגרעבער. איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט גאַבריעל פערי, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן אין אונדזער מוטיקן וואָכנבלאַט „אַוואַנגאַרד", זיין גלענצנדיקע און רומ־פולע קאַריערע פון אַ קאָמוניסטישן זשורנאַליסט. אין אויגוסט 1922, בעת אַ שטרייק, זיינען פיר אַרבעטער דערהרגעט געוואָרן אין האָוור. די ס. זש. ט. אי. 1) האָט אויפן 28־טן אויגוסט דערקלערט אַ גענעראַל־שטרייק פון 24 שעה. די קוילנגרעבער פון אונדזער באַסיין, הגם זיי זיינען איינ־פאַרמירט געוואָרן צו שפּעט, האָבן דאָך אויסגעפירט דעם באַשלוס אויף צומאָרגנס. איך בין געוואָרן דער פּראָפּאַגאַנדיסט פון אונדזער גאַנצן קאָר־ווען־קאַנטאָן. אין די אָוונטן, נאָך אַ טאָג אַרבעט, פלעג איך זיך לאָזן אויף אַ ביסיקלעט פון פאַרזאַמלונג צו פאַרזאַמלונג.

אין 1923 זיינען פאָרגעקומען צוויי קוילנגרעבער־שטרייקן: איינער אין פעברואַר, דער אַנדערער אין נאָוועמבער. איך בין געווען פאָרן ערשטן שטרייק, איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט קעגן צווייטן.

דער שטרייק פון 15־טן פעברואַר איז דערקלערט געוואָרן בעת דער אָקופּאַציע פון רור־געביט. די קוילן־ליפערונגען פון דייטשלאַנד זיינען צייט־ווייליק געווען אָפּגעשטעלט און די קוילנגרעבער פון סאַאַר־געביט האָבן געשטרייקט. אַ גינסטיקע סיטואַציע!

נאָך עטלעכע טעג קאַמף זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן לוין־העכערונ־גען, און דער לאַנד־ראַט פון דער איינהייט־פעדעראַציע פון די קוילנגרעבער האָט באַפוילן צוריקצוגיין צו דער אַרבעט. דער שטרייק איז געווען דערפּאָלגרייך.

אין חודש נאָוועמבער, דאַקעגן, זיינען אין מערערע געביטן די לוין־העכערונגען געקומען פאַרן שטרייק. אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן די קוילנגרעבער, אָנגעהעריקע צו דער ס. זש. ט., און די נישט־סינדיקירטע, וועלכע מיר האָבן אין חודש פעברואַר געהאַט באַוויזן טייל־

1) רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַטן־צענטראַלע, געשאַפן צוליב דער שפּאַלטונג־אַרבעט פון די רעפאָרמיסטישע פירער פון דער ס.זש.ט. (באַמ. פון איבערז.).

ווייז מיטצוציען — זיך אָפּגעזאָגט אונדז נאָכצופאָלגן. די אַקציע איז דורכגעפאַלן.

פון דערדאָזיקער טאָפּלטער דערפאַרונג האָב איך — דאַן נאָך אַ יונגער אַרבעטער — אַרויסגעצויגן אַ לעקציע פון רעאַליזם. אין די דע־באַטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויפן קאָנגרעס פון דער איינהייט־פעדע־ראַציע פון די גרובן־אַרבעטער, אין אויגוסט 1924, אין מאָנסאָ־לע־מין האָב איך דערקלערט:

מען דאַרף נישט אָננעמען די ווונטשן פאַר קיין ווירקלעכקייט... אַ רע־וואָלוציאָנער דאַרף קודם כל פעסטשטעלן די פאַקטן אין זייער פולער רעאַלקייט, אין זייער גאַנצן אמת... איך האַלט, אַז אין יעדער געגעבענער סיטואַציע נעמט מען אָן אַן אַנטשפּרעכנדיקן באַשלוס, און אויב די סיטואַ־ציע ענדערט זיך, נעמט מען אָן אַ צווייטן באַשלוס, אַן אַנדערן ווי דעם פריערדיקן. מען ציט זיך צוריק, אויב די באַדינגונגען פאַר דערפאָלג זעען מער נישט אויס געניגנדיק. מען גייט דאַקעגן גלייך צו דער שלאַכט, אויב מען האָפט צו האָבן מער אויסזיכטן זי צו פאַרענדיקן מיט דערפאָלג, צו־איילנדיק דעם מאַסן־קאַמף. יעדנפאַלס, קען מען נישט זיין געבונדן דורך אַ פאָרמול, דורך אַ באַשלוס; מען טאָר נישט אויף אַזוי ווייט קאָמפּראָמיטירן אונדזער באַוועגונג 1).

און איך האָב דערמאָנט דעם פאָלגנדיקן געדאַנק, וואָס איז פיל מאָל אַנטוויקלט געוואָרן דורך לענינען:

מען דאַרף נישט בלייבן הינטער דעם אַרבעטער־קלאַס. מען דאַרף זיך געפינען פאָרויס; פאָרויס, אָבער בלויז מיט איין שריט.

מיין זיידע, אַלץ נאָך אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט שטאַרק געהאַלטן פון מיין סינדיקאַלער אַרבעט. ער האָט געהאַט אַכטונג פאַר די קאָמוניסטן. ווען מען האָט זיי אָנגעגריפן אין זיין אָנ־וועזנהייט, פלעגט ער אויסרופן:

„איך פאָרווער צו רעדן שלעכטס אויף די קאָמוניסטן!".

דער 3־טער קאָנגרעס פון אונדזער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין 1921, האָט געזאָגט: „גייט אין די מאַסן! שאַפט דעם איינהייט־פראָנט!" די קאָמוניסטישע טוער אין פּאַ־דע־קאַלע האָבן נישט פאַרשטאַנען די טאַקטיק פון איינהייט־פראָנט. זיי האָבן אין דעם געזען אַ קאַפּיטולאַציע לגבי די רעפאָרמיסטישע פירער, כמעט אַ פאַראַט. איך האָב געקעמפט, אויפן פעדעראַלן קאָנגרעס אין אַוויאָן, פאַרן איינהייט־פראָנט.

---

1) מאָריס טאָרעז: רעדע אויפן 3־טן קאָנגרעס פון דער איינהייט־פעדעראַציע פון די גרובן־אַרבעטער, מאָנסאָ־לע־מין, 18—27 אויגוסט 1924. אָפיציעלער באַריכט, ז"ז 38—43.

אויפן פאַריזער קאָנגרעס פון אָקטאָבער 1922 האָט פאַ־דע־קאַלע גע־געבן 146 מאַנדאַטן די קעגנער פון אייגהייט־פראָנט און 40 מאַנדאַטן די אָנהענגער. איך בין געווען אויפן קאָנגרעס דער דעלעגאַט פון דער מינדערהייט, וואָס איז געווען פאַר אייגהייט. אייניקע חדשים שפעטער האָט די גאַנצע פעדעראַציע זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער שטאַנדפונקט: זי איז זינט דעמאָלט פאַרבליבן טריי די פּרינציפּן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל, טריי דער פאָן פון פּראָלעטאַרישער אייניקייט.

יאַנואַר 1923: דער רור־געביט ווערט אָקופּירט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי שטעלט זיך אַנטקעגן דער פּאָליטיק פון פּואַנקאַרע, אַ פּאָליטיק פון געוואַלט, וואָס האָט געגאָסן וואַסער אויף די מילן פון היטלערס רעוואַנש־פּראָפּאַגאַנדע. „די דייטשע אַרבעטער זיינען אייערע ברידער, פאַרברידערט זיך!" — דער דאָזיקער מאַניפעסט פון די קאָמוניסטן איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דעם אָקופּאַציע־מיליטער. די רעזולטאַטן לאָזן זיך שנעל פילן. אין דויסבורג און דאָרטמונד זינגען די פראַנצויזישע סאָלדאַטן דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און שטעלן זיך אין שפּיץ פון די רעוואָלוציאָנערע מאַניפעסטאַציעס. אין עסען זאָגן זיי זיך אָפּ צו שיסן אויף די אַרבעטלאָזע, וואָס האָבן באַזעצט דעם שטאָטראָט.

די רעפּרעסיעס זיינען האַרבע. די פירער פון דער פּאַרטיי און פון דער ס. זש. ט. אי. — קאַשען, מאָנמוסאָ, סעמאַר און אַנדערע ווערן איינגע־זעצט אונטער דער באַשולדיקונג פון פאַרשווערונג. אין דער פאַריזער סאַנטע־תפיסה פירט גאַבריעל פּערי אַ הונגער־שטרייק. דאָס קריגס־געריכט, וואָס געפינט זיך אין מאַינץ, פאַראורטיילט 37 יונגע סאָלדאַטן אויף 133 יאָר תפיסה.

אין אָט דעם מאָמענט האָט עס פראָסאַר, סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, דעזערטירט פון אונדזערע רייען. מיר האָבן אָבער געהאַט צו פאַרצייכענען אַן אָנשלוס, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם: באַרביס, דער מחבר פון „פייער", דער גרינדער פון „אַראַק" 1), איז אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין די דאָזיקע שעהן פון קאַמף און רעפּרעסיעס, בעת דער שטורעם האָט געווילדעוועט איבער אונדזער פּאַרטיי, בין איך אַוועקגעשטעלט גע־

1) ראשי תבות פון „רעפּובליקאַנער אַסאָציאַציע פון געוועזענע פראָנט־קעמפער", געגרינדעט דורך אַנרי באַרביס, רעימאָן לעפעוור, וואַיאַן־קוטיריע און זשאָרזש ברייער.

ווארן ביי דער אָנפירונג פון דער פעדעראַציע פון פּאַ־דע־קאַלע, צוערשט אַלס געהילף־סעקרעטאַר, דערנאָך, אין מיטן 1923, אַלס סעקרעטאַר. איך בין געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער פון דער פּאַרטיי, אַ „פּראָפעסיאָנעלער רע־וואָלוציאָנער״.

אויפן ליאָנער קאָנגרעס (1924) ווער איך אויסגעוויילט אַלס מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין אָקטאָבער 1924 באַשטימט מען מיך אַלס סעקרעטאַר פון דער צפון־געגנט, וואָס האָט אַרומ־גענומען דריי דעפּאַרטעמענטן: נאָר, פּאַ־דע־קאַלע, סאָם. איך האָב נאָך אַלץ געהערט צום ביוראָ פון דער לאַנד־פעדעראַציע פון די קוילנגרעבער ביי דער ס. זש. ט. אי.

* * *

21־טער יאַנואַר 1924: לענין איז געשטאָרבן.

אַן אומגעהייערער וויטיק האָט אונדז אַדורכגענומען. דער אינטער־נאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט און זיינע טוער האָבן זיך מיטאַמאָל דערפילט פאַריתומט. לענין איז מער נישטאָ!

די רעוואָלוציע גייט אָבער ווייטער איר וועג. אַ מעכטיקער קלאַס, וועמען עס געהערט די צוקונפט, האָט איבערגענומען לענינס לערע. לענין איז געשטאָרבן, דער לעניניזם אָבער לעבט און טריאומפירט.

ווי אַלע אַרבעטער־טוער פון מיין דור האָב איך אומגעהייער פיל צו פאַרדאַנקען לענינען. די אַזוי טיפע לערע זיינע איז תמיד צוגענגלעך פאַרן פאָלק.

מיר איז אָפט אויסגעקומען צו געבן צו לייענען חברים די „מלוכה און רעוואָלוציע״ און די „קינדער־קראַנקייט פון קאָמוניזם״. זיי זיינען תמיד גע־בליבן באַגייסטערט און פלעגן אויסשרייען: „ווי שיין דאָס איז! ווי איינ־פאַך!״

לענינס ווערק איז אַזוי רייך, אַז דער אַרבעטער־טוער געפינט דאָרט אומאויפהערלעך נייע טעמעס צום פאַרטראַכטן זיך, אַ נייע ליכט איבער די פּאָליטישע פּראָבלעמען.

וויאַזוי קען מען באַזיגן די שוועריקייטן און שטרויכלונגען, אויף וועלכע עס שטויסט זיך אָן דער גאַנג צום סאָציאַליזם, אויב מען שטודירט נישט לענינען? דער לעניניזם איז די טעאָריע פון דער זיגרייכער פּראָלעטאַ־רישער רעוואָלוציע.

לענין — דאָס האָט קודם־כל באַדייט קאַמף פאַר שלום. אין סאַמע

ברען פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, שטעלנדיק זיך איבער דעם היהשן אויסברוך פון שאָוויניסטישע ליידנשאַפטן און גרויזאַמקייטן, האָט לענין געקעמפט פאַרן שלום, נישט דורך פּאַציפיסטישער דעקלאַמאַציע, נישט דורך פּאַסיוויטעט אין אַנבליק פון בייז, נישט דורך דערקלערן, אַז בעסער קנעכטשאַפט, איידער טויט, נאָר רופנדיק די מאַסן צו רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, צום איבערנעמען די מאַכט.

לענין — דאָס האָט באַדייט געניאַלער אַנאַליז פון די דערשיינונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין אונדזער עפּאָכע: ווייט־גייענדיקסטע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, פאַרוואַנדלונג פון קאָנקורענץ אין מאָנאָפּאָלן, הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָלן און פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, קאַפּיטאַל־עקספּאָרט, וואָס יאָגט איבער דעם סחורות־עקספּאָרט, פאַרטיילונג פון דער וועלט צווישן די קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן, פונאַנדערטיילונג פון די טעריטאָריעס פונעם גאַנצן ערד־קיילעך צווישן אייניקע גרויסמאַכטן. לענין האָט אַנטדעקט דאָס געזעץ פון דער אומגלייכער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין זיין לעצטער פאַזע, אין דער אימפּעריאַליסטישער פאַזע. אַזוי אַרום איז ער געקומען צו דער פעסטשטעלונג, פון איין זייט, וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון מלחמות צווישן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות פאַר איבערפאַרטיילן די וועלט אויף דער באַזע פון די נייע כוחות־פאַרהעלטענישן און, פון דער אַנדערער זייט, וועגן דער מעגלעכקייט פונעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

לענין — דאָס איז דער אומאויפהערלעכער רוף צו דער רעוואָלוציע, דאָס איז די רעוואָלוציאָנערע קאָנצעפּציע, וואָס רייסט אַראָפּ דעם שלייער פון די קליינבירגערלעכע אוטאָפּיעס און באַקעמפט דעם אָפּאַרטוניזם און דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם. אין די קאָמפּליצירטסטע און שווערסטע דערשיינונגען דערמעגלעכט דער קאָנקרעטער אַנאַליז פון יעדער געגעבענער סיטואַציע צו דערקענען „דאָס רינגעלע אין דער קייט", אין וועלכן מען דאַרף זיך אָנכאַפּן, כדי פאַרויסצוגיין אויפן וועג פון דער סאָציאַלער טראַנספאָרמאַציע.

לענין — דאָס איז די סטראַטעגיע און די טאַקטיק פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז דער בונד מיט די פּויערן־מאַסן און מיט די קאָלאָניאַלע פעלקער. אין קעגנזאַץ צום קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן טראָצקיזם, וואָס וויל הערשן איבער'ן פּויערטום דורך טעראָר, שטרייכט אונטער דער לעניניזם די באַדייטונג פון די פּויערן און געווינט זיי פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

לענין — דאָס איז די פּאַרטיי, די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס איז אויסגעשמידט אין די גרויסע קלאַסן־קאַמפן; אַ פּאַרטיי פון אַוואַנגאַרד, באַוואָפנט מיט אַ טעאָריע פון אַוואַנגאַרד, וואָס פירט דעם אַרבעטער־קלאַס צום זיג. אָט די דאָזיקע פּאַרטיי, וואָס איז געבויט אויף דער באַזע פון דע־מאָקראַטישן צענטראַליזם, האָט לענין אויפגעשטעלט. און ער האָט שטענ־דיק און פאַר אַלעם געזאָרגט איינצוהאַלטן און אָפּצוהיטן איר איינהייט.

און צולעצט: אין די היסטאָרישע באַדינגונגען פונעם ערשטן וועלט־קריג און פון די שפּעטערדיקע יאָרן, באַדייט לענין — קאַמף פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, פאַרן 3־טן אינטערנאַציאָנאַל, פאַר דערציען די פּאַרטיי־מיטגלידער און אַלע אַרבעטנדיקע אין גייסט פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, קעגן יעדער נאַציאָנאַליסטישער און שאָוויניסטישער באַגרענעצטקייט.

לענין האָט אַזוי־אַרום זיך נישט באַגרענעצט צו פאַרטיידיקן די לערע פון מאַרקס און ענגעלס קעגן די רעוויזיאָניסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פעלשער. ער האָט געשטויסן פאָרויס די מאַרקסיסטישע טעאָריע.

> דער לעניניזם — האָט סטאַלין געשריבן — דאָס איז דער מאַרקסיזם אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. גענויער: דער לעניניזם, דאָס איז די טעאָריע און די טאַקטיק פון דער פּראָ־לעטאַרישער רעוואָלוציע בכלל, די טעאָריע און די טאַקטיק פון דער דיק־טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט בפרט 1).

און דאָס איז טאַקע אויסגעפאַלן סטאַלינען, דעם שילער און פאָרזעצער פון לענינען, אַריינצוברענגען נייע און וויכטיקע מאָמענטן אין דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע, צו באַרייכערן און פאָרויסצושטויסן פון זיין זייט די לערע פון די שאַפער פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. פּאַראַלעלגעמיינערנדיק די אויסערגעוויינלעכע דערפאַרונגען פון דעם סאָציאַ־ליסטישן אויפבוי אין פ.ס.ס.ר., האָט סטאַלין באַלויכטן די פאַרשידענע אַס־פּעקטן פון דערווירטשאַפטלעכער, פּאָליטישער, סאָציאַלער און קולטור־רעלער אַנטוויקלונג אין די באַדינגונגען פון דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט. סטאַלין האָט פונאַנדערגעאַרבעט די טעאָריע פון בויען דעם סאָ־ציאַליזם אין איין לאַנד.

אין פעברואַר 1925 בין איך צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין פ.ס.ס.ר. דאָרט האָט זיך פאַרווירקלעכט די רעוואָלוציע, וועלכע מאַרקס האָט פאָ־רויסגעזאָגט. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַריין אין אָט דער נייער

1) י. סטאַלין: „פּרינציפּן פון לעניניזם", ז. 4. „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1947.

וועלט, וואָס די אַרבעטער האָבן באַגערט און געבויט. איך האָב באַוווּנ־דערט אָט די וועלט אין בוי, אָט די שטעט, וואָס זיינען ווי אויסגעוואַקסן פון דער ערד, אָט די פאַבריקן, וואָס אַרבעטן נישט פאַר די רווחים פון אַן עגאָאיסטישער און רעגרעסיווער אָליגאַרכיע, נאָר אין דינסט פון כלל. „מיר האָבן דאָס אַלץ אויסגעבויט אַן באַלעבאַטים און מיר לאָזן עס אין גאַנג אַן באַלעבאַטים" — האָבן אויסגעדריקט די שטאָלצע פּני־מער פון די אַרבעטער און אַרבעטערינס. פאַרן פרייז פון קרבנות און פון אָפּזאָגן זיך פונעם נייטיקסטן, האָבן זיי זיך באַמיט, אַז אַלע זאָלן קענען אַנשטענדיק לעבן אויף אָט דער ערד, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַט פאַרוויסט און צעראַבירט.

בעת אַ שפּעטערדיקער רייזע האָב איך באַזוכט דעם קוילן־באַסיין פון דאָנעץ. איך האָב דאָרט געזען קוילן־גרעבער, וואָס האָבן שוין אין 1927 געאַרבעט 6 שעה אַ טאָג, זיך באַנוצט מיט פּערפעקציאָנירטע מכשי־רים, געגנאָסן פון אַ וווּנטלעכער עמעריטור און פון אמתער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. ביי דער זייט פון אָט דעם פאַרגעשריטנסטן אַרבעטער אין דער וועלט, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פונעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך און איז געוואָרן באַלעבאָס איבער זיין אייגענעם גורל, האָב איך געזען פויערן און אינטעלעקטועלע, וואָס אויך זיי זיינען באַפרייט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע און וועלכע פאַרנעמען דאָס געהעריקע אָרט, וואָס קומט זיי אין אַן אַרבעטער־רעפּובליק. אַלע זיינען זיי געווען באַפרייט פון דער דערדריקנדיקער זאָרג פאַרן מאָרגן. זיי האָבן געקענט אַרבעטן און שאַפן. זייער פרייע צייט וועלן זיי פאַרברענגען אין אַפּרו־הייזער; די געזעלשאַפט וועט זאָרגן פאַר זייערע קינדער און זייער עלטער וועט פליסן גליקלעך און רואיק ווי די אָוונט־שעהן פון אַ שיינעם זומער־טאָג.

איך האָב באַזוכט גרויסע שולן, שיינע לאַבאָראַטאָריעס, וואַרשטאַטן, וואָס זיינען אויסגעשטאַט מיט אַ מאָדערנער איינריכטונג. איך האָב בייגע־ווינט די וואַלן צום מאָסקווער סאָוויעט. יעדן אָוונט האָבן לאַנגע רייען געשטראָמט צום קאָנסטיטוציע־פּלאַץ, כדי איבערצוגעבן דעם סאָוויעט די דעלעגאַטן־ליסטעס פון יעדער פאַבריק. די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה זיינען געקומען באַגריסן די אַרבעטער און זיי אייסיריקן אָנערקענונג.

אומעטום האָבן מיר געזען פאַר זיך דאָס בילד פון אמתער דעמאָקראַ־טיע, פון פאָלקס־מאַסן וואָס שטייען ביי דער מאַכט. איך האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, ווו פרייהייט

באַדייט גאָר אָפט פאַרן אַרבעטער — די פרייהייט צו שטאַרבן פון הונגער. כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ פּרעכטיק לעבן עס וועט שאַפן אין פראַנקרייך דער פּראָלעטאַריאַט ביי דער מאַכט, ווען ער וועט מער נישט פאַרשווענדן זיינע כוחות אויף אויסצובויען און אויפצו־האַלטן די פאַרמעגנס פון אַן אָליגאַרכיע.

בעת מיין ערשטער רייזע אין מאָסקווע האָב איך געהאַט דאָס זעל־טענע גליק צו זען און הערן דעם חבר סטאַלין. זיינע אַרויסטרעטונגען, וואָס זיינען געווען אַזוי פּשוט און אַזוי טיף צוגלייך, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף מיר, פּונקט ווי אויף אַלע טוער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די אַרבעטן פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָ־נאַל. ערב אונדזער אָפּפאָר האָט חבר סטאַלין אויפגענומען אונדזער דע־לעגאַציע. זיין האַרציקייט און זיין שמייכל האָבן אונדז גלייך געמאַכט היימיש. דער שמועס האָט געדויערט איבער צוויי שעה צייט. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מיר האָבן צופיל אויסגענוצט זיין גאַסטפריינטלעכקייט. אָבער חבר סטאַלין, נאָכדעם ווי ער האָט קלאָר און לאַנג געענטפערט אויף אונדזערע פראַגן, האָט גענומען פון זיין זייט אונדז אויספרעגן. אַ געדאַנק, וואָס סטאַלין האָט דאַן אויסגעדריקט, איז מיר פאַרבליבן איינגעקריצט אין זכרון: „דער פּאַקטישער איינפלוס פון אַ פּאַרטיי מעסט זיך מיט די מאַסן־אַקציעס, וואָס זי איז בכוח צו אָרגאַניזירן און אָנצופירן".

ביים געזעגענען זיך האָט פּיער סעמאַר געוואָלט אין אונדזער נאָמען באַדאַנקען אונדזער גרויסן חבר. סטאַלין האָט געענטפערט אויף אַ פּשוטן אופן: „צו וואָס דאַנקען? מיר זיינען ברידער. איך טו בלויז מיין חוב פון אַ קאָמוניסט".

* * *

אין דער צייט, ווען פ.ס.ס.ר. איז צו זיך געקומען נאָך די ריזיקע רואינען פונעם קריג און פון דער אויסלענדישער אינטערווענץ, און האָט זיך געגרייט אַריינצוטרעטן, פון אָקטאָבער 1928 אָן, אינעם פּעריאָד פון די פינף־יאָר־פּלענער — וואָס איז פאַר דער דאָזיקער צייט פאָרגעקומען אין פראַנקרייך?

דער „פעלד־בלויער פּאַרלאַמענט" 1), אויסגעוויילט אין 1919, האָט אי־

1) דער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט צוליב זיין רעאַקציאָנער־מיליטאַריסטישן כאַ־ראַקטער געטראָגן דעם נאָמען פונעם קאָליר פון פראַנצויזישן מיליטערישן אוניפאָרם (באַמ. פון איבערז.).

בערגעלאָזט אַ קאַטאַסטראָפאַלן בילאַנס. אין משך פון 4 יאָר איז דער מלוכה־חוב געשטיגן פון 250 אויף 380 מיליאַרד. כדי צו דעקן די צע־טרענצלטע מלוכה־געלטער, האָט דער „נאַציאָנאַלער בלאָק" נישט אויס־געפונען עפּעס אַנדערש ווי מאַכן הלוואות, פאַרגרעסערן די שטייערן און איבערחזרן אַן אויפהער די פאָרמול: „דייטשלאַנד וועט באַצאָלן!" די קריגס־שפּעקולאַנטן זיינען דערווייל געוואָרן שפּעקולאַנטן פון שלום־צייט. זיי האָבן זיך באַרייכערטביים צוריק אויפבויען די צעשטערטע געביטן, זיי האָבן אויסגעראַבירט די אַמעריקאַנער זאַפּאַסן, האָבן געמאַכט יד־אחת מיט מלוכה־פונקציאָנערן וועגן פעטע באַשטעלונגען און האָבן אויף טויזנט אופנים זיך פאַרשאַפט סקאַנדאַליעזע רווחים.

קעגנאיבער די אָפּטרעטנדיקע דעפּוטאַטן פון דער מערהייט, וואָס זיינען געווען גרופּירט אונטערן עטיקעט פון „נאַציאָנאַלן בלאָק", האָט זיך געשאַפן די אַליאַנס פון די ראַדיקאַלן און סאָציאַליסטן אונטערן נאָמען „קאַרטעל דע גאַש" (קאַרטעל פון די לינקע). די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך געוואָנדן צו די אַרבעטנדיקע מאַסן אונטער דער פאָן: „אַרבעטער־ און פויערן־בלאָק".

דער קאָמוניסטישער פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן ליאָנער קאָנגרעס, האָט גערופן צום געאייניקטן פראָנט פון אַלע אַרבעטנ־דיקע פון שטאָט און דאָרף, מיטן ציל צו שאַפן אַן אַרבעטער־ און פויערן־רעגירונג. ער האָט געוואָרנט קעגן די אילוזיעס, וואָס עס האָט געזייט דער „קאַרטעל פון די לינקע".

דער „קאַרטעל", וואָס איז, דורך די וואַלן פון מאַי 1924, געבראַכט געוואָרן צו דער מאַכט, האָט גוט אַכטונג געגעבן נישט אָנצוווענדן חלילה דעם פּראָגראַם, אויף וועמענס בלויזן מיר האָבן געהאַט אָנגעוויזן. די באַ־דראָטע אָליגאַרכיע האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק. די גרויסע בענק פאַרשטאַרקן זייער אָפענסיווע, דריקן אַראָפּ דעם ווערט פון פראַנק און וואַרפן אום איין רעגירונג נאָך דער אַנדערער. דעם 23־טן יולי 1926 ברענגען זיי פּואַנקאַרע צו דער מאַכט. דער „געלט־מויער" האָט באַזיגט דעם פּאַרלאַמענט פון „קאַרטעל".

דאָס יאָר 1925 איז אַדורך אונטערן צייכן פון דער מלחמה אין מאַראָקאָ. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אויפגעדעקט דעם אימפּעריאַ־ליסטישן שורש פונעם קריג, די ראָל פון די גרויסע אינדוסטריעלע און

פינאַנציעלע געזעלשאַפטן, באַזונדערס פון דער „באַנק דע פּאַרי ע דע פּעאי באַ”. דערגייענדיק צו זיין לעצטער סטאַדיע —

> האָט דער קאַפּיטאַליזם — שרייבט לענין — זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַל־וועלטלעכן סיסטעם פון קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג און פינאַנציעלער דער־שטיקונג פון דער ריזיקער מערהייט פון דער באַפעלקערונג פונעם ערד־קיילעך דורך עטלעכע „פאַרגעשריטענע” לענדער 1).

כדי אַרויסצורייסן אַלץ גרעסערע איבער־פּראָפיטן, ווערן די קאַ־לאָניאַליסטן געשטויסן צו בויען אייזנבאַנען, האַפנס, צו גרינדן קאָמער־ציעלע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דאָס דערפירט אין די קאָ־לאָניזירטע לענדער צום אויפקום פון אַ פּראָלעטאַריאַט, צו דער דער־וואַכונג פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, צום פאַרשריט פון דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

די באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג שוואַכט אָפּ די פּאָזי־ציעס פון אימפּעריאַליזם. זי איז פאַקטיש, די פאַרבינדעטע פונעם פּראָ־לעטאַריאַט אין דער מעטראָפּאָליע, וועלכער קעמפט קעגן די זעלבע קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַרן. די הילף, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס אין פראַנקרייך האָט געגעבן דער מאַראָקאַנער באַפעלקערונג, האָט אַנטשפּראָכן די פּרינציפּן פון גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט און די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע גופא פון אונדזער לאַנד. מיר האָבן געהאַט אויפן געדאַנק די ווערטער פון מאַרקסן : „אַ פאָלק, וואָס דריקט אונטער אַ צווייט פאָלק, קען אַליין נישט זיין פריי”.

די באַוועגונג קעגן דער מלחמה אין מאַראָקע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ צענטראַלן אַקציע־קאָמיטעט, ווו איך בין געוואָרן אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער. איך האָב פאַרלאָזט די צפון־געגנט און בין גע־מען קיין פּאַריז.

צאָלרייכע אַרבעטער־קאָנגרעסן זיינען פאָרגעקומען אין לויף פון זו־מער 1925, באַזונדערס אין פּאַריז, ליל, ליאָן, מאַרסעיל, באָרדאָ, שטראַס־בורג, בעזיע. אויף די דאָזיקע קאָנגרעסן האָב איך אין נאָמען פון אַקציע־קאָמיטעט גערופן צו אייניקייט. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן אַ גענעראַל־שטרייק. דער שטרייק קעגן דער מלחמה אין מאַראָקע און אין סיריע, קעגן די שטייערן פון מיניסטער קאַיאָ, פאַר אַן אַלגע־מיינער העכערונג פון די לוינען, איז פאָרגעקומען דעם 12־טן אָקטאָבער

1) לענין : „דער אימפּעריאַליזם, די העכסטע סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם”. ז. 10, „עדיסיאָן סאָסיאַל”, 1945.

1925. 900.000 אַרבעטער האָבן זיך אין אים באַטייליקט. דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָליטישער מאַסן־שטרייק זינט דעם קריג. ער איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי שטורמישע אינצידענטן אין פּאַריזער געגנט; דער אַרבעטער סאַבאַטיע איז דערהרגעט געוואָרן אין פּיטאָ.

אַנטקעגנשטעלנדיק זיך דער מלחמה אין מאַראָקאָ, האָבן מיר זיך געהאַלטן ביי איינע פון די עלטסטע טראַדיציעס פון פראַנצויזישן סאָציאַ־ליזם און ראַדיקאַליזם. די „פראַנצויזישע אַרבעטער־פּאַרטיי", מיט זשיל געד און פּאָל לאַפאַרג, האָט שוין אין 1885 באַקעמפט די טאָנקין־עקס־פּעדיציע פון זשיל פערי. זשאָרעס האָט גערעדט וועגן דעם „מאַראָקאַנער זומפּ"; ער האָט אַנגעוויזן אין וואָס פאַר אַ „טונקעלע הינטערקוליסן פון דער פינאַנץ־וועלט עס האָט אין געוויסע מאָמענטן זיך געשפּינט דער מאַראָקאַנער קאָנפליקט"; ער האָט דעמאַסקירט די רויבערישע קאָלאָניאַלע מלחמות.

אין מאָמענט, ווען איך רעד צו אייך — האָט ער אויסגערופן דעם 7־טן סעפּטעמבער 1907 אין פּאַריז, אָפּגעבנדיק אַ באַריכט דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט וועגן זיין אַרויסטריט אויפן שטוטגאַרטער קאָנגרעס 1) — זיינען פאַראַן אויסוורפן, זיינען פאַראַן רויב־זשורנאַליסטן, זיינען פאַראַן הוצפּהדיקע באַנקירן, זיינען פאַראַן ציניש קאַפּיטאַליסטן, וועלכע טרויעמען וועגן אַ גרויסער אונטערנעמונג מיט פעטע רווחים אין מאַראָקאָ. בעת אָבער די דאָזיקע אויסוורפן פון די הויכע קאַפּיטאַליסטישע שיכטן גייען מיט אַ לייכט האַרץ צו די ברעגן פון מאַראָקאָ, זיינען פאַראַן — אַפילו צווישן דער מיטעלער בורזשואַזיע, אַפילו צווישן דער קליין־בורזשואַזיע, אַפילו צווישן דער פּויערן־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז נאָך נישט דערגאַנגען צום אינ־טעגראַלן סאָציאַליזם — מיליאָנען מענטשן, וועלכע ווילן נישט, אַז דאָס גאָלד און דאָס בלוט פון פראַנקרייך זאָלן פליסן פאַר די דאָזיקע פּוסטע און פאַרברעכערישע אַוואַנטורעס. מער נישט, דער דאָזיקער ווילן פון שלום איז צעזייט, צעשפּרייט, צעשוווּמען...

אין 1925 האָבן די סאָציאַליסטישע פירער, מיט לעאָן בלום און פּאָל פאָר בראָש, „פאַרגעסן" די לערע פון געד און זשאָרעס. בעת מיר האָבן געקעמפט פאַר שלום, האָבן זיי מיט אַ לייכט האַרץ אונטערגעשטיצט די מלחמה פון קאָלאָניאַלן רויב. דער טעראָר האָט געבושעוועט קעגן אונ־דזערע טוער. 274 פון זיי זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף שטראָפן, וואָס האָבן צוזאַמען באַטראָפן 120 יאָר תפיסה. איך בין געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט און געוואָרן פאַרמשפּט אויף 14 חדשים תפיסה.

1) זשאַן זשאָרעס: ווערק, באַנד 5, „פאַר שלום", 3, „דער מאַראָקאַנער זומפּ 1906—1908", ז. 130. פאַרלאַג רידער, פּאַריז 1933.

* * *

אויפן קאָנגרעס פון ליל (יוני 1926) געפינט זיך די פּאַרטיי אין קאַמף קעגן דער באַגרענעצטקייט און דעם סעקטאַריזם. אַלס מיטגליד פון פּאָליטישן ביוראָ זינט יולי 1925 און אַלס סעקרעטאַר פאַר אָרגאַניזאַציע־ענינים ביים צענטראַל־קאָמיטעט, דערקלער איך, אַז די קאָמוניסטן זיינען די אמתע פּאַטריאָטן, די בעסטע פראַנצויזן:

די קאָמוניסטן, אָט די אינטערנאַציאָנאַליסטן — גראָד זיי ווערן איצט די בעסטע פאַרטיידיקער פון דער נאַציאָנאַלער ירושה. גראָד די קאָמוניסטן ווילן נישט, אַז דער פּראָדוקט פון דער אַרבעט פון גאַנצע דורות זאָל איצט אויסגעליפערט ווערן צו ענגליש־אַמעריקאַנער באַנקירן. עס איז קלאָר, אַז בעת די קאָמוניסטן נעמען אָן אַזאַ שטעלונג, בעת זיי זאָגן, אין קעגנזאַץ צו די סאָציאַליסטישע פירער: „מיר ווילן נישט צאָלן די ענגלישע און די אַמעריקאַנער באַנקירן" — איז עס נישט, כדי צוליב צו טאָן די באַנקירן פון זייער אייגן לאַנד, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען אַנטשלאָסן זיך צו באַפרייען, ווי אַמשנעלסטן אויך פון דער דיקטאַטור פון די באַנקירן פונעם דאָזיקן לאַנד 1).

אין דער זעלבער צייט ווי איך שטרייך אונטער דעם דאָזיקן אַספּעקט פון דער אַקטיוויטעט פונעם פּראָלעטאַריאַט, דעם וואַכזאַמען היטער פון די נאַציאָנאַלע רייכטימער, באַגריס איך די פּאַרטיי אַלס דעם יורש פון די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פונעם פראַנצויזישן פאָלק:

אויב עס געפינען זיך חיינט צו טאָג אַזעלכע, וואָס קענען זיך פאַרופן אויף דער גאַנצער קאַמף־טראַדיציע פון די אַרבעטער פון אונדזער געגנט, פון די קוילנגרעבער פון אַנזען, פון די דערשאָסענע פון פורמי, פון די דאָקערס פון דונקערק און פון די קרבנות פון אַרמאַנטיער — זיינען עס טאַקע די קעמפער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי 2).

אין משך פון יאָר 1927 זיינען מיר עדות געווען פון דער פאַרשטאַרקונג פון די אינטערווענציאָניסטישע טענדענצן אין דער מערהייט לענדער; די געפאַר פון קריג קעגן פ. ס. ס. ר. איז באַדייטנד געשטיגן.

אויף דער סאָוויעטיש־מאַנדזשורישער גרענעץ און אויפן ברעג פונעם שטילן אָקעאַן האָבן זיך פאַרמערט אינצידענטן; יעדער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך ידיעות וועגן אַטענטאַטן קעגן דער אייזנבאַן־ליניע פון מזרח־כינע, וועגן אַרעסטן פון סאָוויעטישע אָנגעשטעלטע, וועגן ברעכן די גרעַ־

1) פינפטער לאַנד־קאָנגרעס פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ז. 44. „ביוראָ ד'עדיסיאָן", פּאַריז 1927.

2) דאָרט, ז"ז 44—45.

נעץ־פאַרשריפטן און וועגן צוזאַמענשטויסן; וועגן אינצידענטן ביים פיש־פאַנג א. אַ. וו... די יאַפּאַנישע מיליטער־לייט האָבן געוואָלט קריג; זיי האָבן אָבער זיך געוואַקלט אין אַנבליק פון דער אַנטשלאָסענער שלום־פּאָליטיק פון פ. ס. ס. ר. און באַזונדערס אין אַנבליק פון איר וואַקסנ־דיקער מיליטערישער קראַפט.

ענגלאַנד האָט איבערגעריסן זיינע האַנדלס־באַציאונגען מיט פ. ס. ס. ר. אין פראַנקרייך האָבן די גרויס־בורזשואַזיע און דער גענעראַל־שטאַב גע־שטויסן צום קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד. מאַרשאַל פאַש האָט געגעבן דעם ענגלישן זשורנאַל „דהי ריפּערי״ אַן אינטערוויו, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג, און וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אויספיר וועגן דער נויטיקייט פון אַן אינטערווענץ. אַנדרעי מאַרטי האָט אים אָפּ־געענטפערט; ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיט אַ נייער געריכט־שטראָף. די פאַריזער רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט פאַרשטאַרקט איר קאַמפּאַניע קעגן פ. ס. ס. ר. : זי האָט גענומען אַלס אויסרייד אַ רעדע פונעם סאָוויע־טישן אַמבאַסאַדאָר, כדי צו פאַרלאַנגען, מען זאָל אים אָפּרופן, און זי האָט עס אויך דערגרייכט.

די לאַגע איז געוואָרן ערנסטער מיט יעדן טאָג : איינע אַליין קעגן אַלע אַנדערע פּאַרטייען, האָבן מיר אונטערגענומען דעם קאַמף פאַרן שלום און פאַרן שוץ פון ראַטנפאַרבאַנד.

דער „קאַרטעל פון די לינקע פּאַרטייען״ האָט זיך געלאָזט דערשטיקן דורכן גרויס־קאַפּיטאַל. מיט זיין פּאָליטיק פון קירצן די לוינען, פון פאַר־לענגערן די אַרבעט־צייט, פון פאַרשטאַרקן די עקספּלואַטאַציע פון די קאָלאָניעס, מיט זיין טעראָריזירן די אַרבעטלאָזע און מיטן אויפהאַלטן „אָרדענונג אין גאַס״ — האָט פּואַנקאַרע זיך אַרויסגעשטעלט אַלס קעמפער פאַרן „צוריקשטעלן דעם צוטרוי״ און האָט אָנגעווענדעט די פּאָליטיק פּר־נעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געקעמפט פאַר פאַראייניקן דעם אַר־בעטער־קלאַס און די פאַראָרעמטע מיטל־קלאַסן אין אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן דער גרויס־בורזשואַזיע.

אין דער פּאַרטיי גופא האָבן געוויסע עלעמענטן נישט פאַרשטאַנען די טאַקטיק פון „קלאַס קעגן קלאַס״, וועלכע איז געוואָרן נויטווענדיק צו־ליב די ענדערונגען אין דער אַלגעמיינער לאַגע. זייער אָנפירער, דאָריאָ, האָט אין משך פון אַ געוויסער צייט פאַרבלענדעט די אויגן מיט זיין שרייאיקער האַלטונג, אָבער זיין אַוואַנטוריסטישע און אָפּאָרטוניסטישע

אָריענטאַציע האָט שפּעטער זיך שנעל אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען. אַלס רעאַקציע קעגן די אָפּאָרטוניסטן האָבן די עקסטרעם־לינקיסטישע עלעמענטן פונעם פּאַריזער ראַיאָן זיך אַריינגעלאָזט אין אַן אַוואַנטוריסטישער פּאָליטיק, איבערשאַצנדיק די ממשותדיקע כוחות פון דער פּאַרטיי און איר צוציאונגס־קראַפט. מען האָט בלויז געוווסט פון ביוראָקראַטישע און אויטאָמאַטישע באַשלוסן, וואָס ס׳איז נישט מעגלעך געווען אָנצווועדן און וועלכע זיינען אויך נישט געוואָרן אָנגעוואָנדן; פון שיטערע מאַניפעסטאַציעס, וואָס זיינען ברוטאַל צעטריבן געוואָרן דורך דער פּאָליציי; פון אַ פליכט פאַר די פּאַרטיי־מיטגלידער צו „שטרייקן, כדי צו דינען אַלס ביישפּיל"; פון אויסשליסן צוליבן מינדסטן מאָטיוו, פון שיקאַנעס קעגן פאַרדעכטיקטע אין „רעפאָרמיזם" א. אַ. וו. די דאָזיקע אומזיניקע פּאָליטיק האָט געצילט צו פאַרוואַנדלען די פּאַרטיי אין אַ סעקטע, אָפּגעשניטן פון די מאַסן.

צו דעם אַלעם, זיינען נאָך אַ ריי געוועזענע פירער פון דער פּאַרטיי — די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער דאָזיקער אַוואַנטוריסטישער און פּרוכטלאָזער פּאָליטיק — אַריבער אין טראָצקיסטישן לאַגער. די זעלבע, וואָס האָבן געמאַכט איין פעלער נאָכן אַנדערן און געגאַנגען פון איין מפּלה צו דער אַנדערער, האָבן באַשולדיקט די פּאַרטיי און דעם אינטערנאַציאָנאַל אין זייערע אייגענע טעותים.

עס איז נייטיק געווען צו קעמפן אויף ביידע פראָנטן: קעגן דעם אָפּאָרטוניזם און קעגן דעם לינקיזם. איך האָב זיך דערמיט אָפּגעגעבן מיט אַלע מיינע כוחות.

* * *

אין יוני 1927 בין איך דאָס ערשטע מאָל געשטאַנען פאַרן אַפּעלאַציע־געריכט אויף צו ענטפערן קעגן דער קלאַסישער באַשולדיקונג פון „פּראָוואָצירן מיליטער־לייט צו אומגעהאָרכזאַמקייט, צוליב אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע". איך בין פאַרמשפּט געוואָרן אויף 6 חדשים תפיסה און אויף אַ געלט־שטראָף.

אַביסל שפּעטער בין איך גערופן געוואָרן אין מיליטער קיין אַראַס, אויף אַ פּעריאָד פון 25 טעג, אַלס בריקן־בויער אינעם 3־טן סאַפּיאָרן־רעגימענט. צומאָרגנס נאָך מיין אומקערן זיך קיין פּאַריז, האָב איך בייגעוווינט אַ זיצונג אין פּאַרטיי־צענטער, אויף 120 רי לאַפּאַיעט; ביים אַרויסגיין בין איך באַפאַלן געוואָרן דורך פּאָליציי־אַגענטן. עס איז פאַרגע־

קומען אַ קורץ געשלעג. איך האָב באַוויזן זיך אַרויסצורייסן, איבערלאָזנ־דיק אין די הענט פון אַ פּאָליציאַנט, אָפּגעריסענע פּאָסן פון מיין קראַגן און פון מיין העמד.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע, אָבער דאָסמאָל אין לאָקאַל פון פּאַריזער ראַיאָן, אויף 106 רי לאַפּאַיעט. פּאָליציאַנטן זיינען געקומען מיך אַרעסטירן. די חברים האָבן זיי נישט אַריינגעלאָזט, פּאַרלאַנגענדיק פון זיי אַ רעוויזיע־באַפעל. זייער אָנפירער איז אַוועק ברענגען דעם באַפעל: איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט, געביטן די מלבושים און בין פאַרשווינדן.

איך האָב אָנגעהויבן אַ נע־ונד־לעבן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן 2 יאָר. איך האָב זיך אויפגעהאַלטן ביי חברים און געביטן אָפּט מיין וווין־אָרט.

דערמיט וואָס איך האָב זיך נישט געלאָזט אַרעסטירן און וואָס איך האָב געקעמפט קעגן דער פּאָליטישער פּאָליציי, האָב איך שאַרף איבער־געריסן מיט געוויסע „לעגאַליסטישע" און אָפּאַרטוניסטישע געוווינהייטן, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אָנגענומען אָפּילו ביי די אָנפירער פון דער פּאַרטיי. נישט בלויז, וואָס חברים האָבן זיך געלאָזט איינזעצן, נישט שטעלנדיק דעם מינדעסטן ווידערשטאַנד, נאָר אייניקע פון זיי זיינען אָפּילו אַליין אַוועק אין תפיסה, אָדער האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיטן פּאָליציאַנט, וואָס איז געווען באַאויפטראַגט זיי צו אַרעסטירן.

דאָס אומאויפהערלעכע אַרומשלעפּן זיך, צו וועלכן איך בין געצוווּנ־גען געווען, האָט מיר נישט געשטערט אויסצופירן מיין גרונטלעכע ארבעט, בייצוווינען די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט און פון פּאָלי־טישן ביוראָ און די אינערלעכע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. אין משך פון דער וואַל־קאַמפּאַניע פון 1928, בין איך אָפּילו אַרויסגעטראָטן אויף אַ גרויסן פּאָליטישן מיטינג אין פּיור־ליל.

די וואַלן פון 1928, ביי וועלכע די פּאַרטיי ווענדעט אָן די טאַקטיק פון „קלאַס קעגן קלאַס", גיבן אונדז 1.070.000 שטימען, ד. ה. אַ גע־ווינס פון 200.000 שטימען לגבי די וואַלן פון 1924. די צאָל קאָמוניס־טישע דעפּוטאַטן פאַלט אָבער פון 26 אויף 14, וואָרים דער וואַל־מאָדוס לויט באַצירקן דערמעגלעכט צו שאַפן אַ קאָאַליציע פון אַלע אַנדערע פּאַר־טייען קעגן אונדז און די ווילקירלעכע צעטיילונג פון די וואַל־קרייזן איז לרעה די אַרבעטער־ישובים. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט באַ־קומען 1.600.000 שטימען איז פאַרטראָטן דורך 100 דעפּוטאַטן.

כדי צו פּרוּוון ברעכן אונדזער מוטיקע טעטיקייט, האָט די

רעגירונג, וועמענס אַגרעסיווע פּאָליטיק קעגן פּ. ס. ס. ר. מיר האָבן גע־שטעמפּלט, פאַרפּלפּאַכט די געריכט־אַנקלאַגעס און די אַרעסטן. זי האָט אַריינגעוואָרפן די אַרבעטער־טוער אין תפיסה, בכדי צו באַרויבן די אַרבע־טער־באַוועגונג פון איר פירערשאַפט.

ווי אין אַלע שווערע פּעריאָדן, זיינען פאַראַן צו פאַרצייכענען פאַלן פון פאַראַט און פון פאַרלאָזן די קאַמף־פּאָזיציעס.

דער שונא האָט אונדז געשלאָגן פון דרויסן, ער איז אויך אַריינגע־דרונגען אין דער פּאַרטיי גופא: רענעגאַטן האָבן אָפן איבערגעדרייט דעם פּעלץ, ווי די 6 פּאַריזער ראַטמענער אויף 7, מיט סעליע און גאַרשערי אין דער שפּיץ; אַנדערע, ווי דאָריאָ צום ביישפּיל, האָבן זיך פאַרשטעלט, כדי בעסער צו פאַראַטן. אָט אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָט זיך עס געשאַפן די געהיימע גרופּע באַרבעי־סעלאָר, וועלכע האָט אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס די טוער זיינען צוליב די אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען געווען צעזייט און צעשפּרייט, כדי צו פאַרכאַפּן די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און צו פירן אַ סעקטאַנטישע פּאָליטיק פון סאַבאָטאַזש און פאַראַט. ווי אַזוי זאָל מען נישט אונטערשטרייכן, אַז דאָריאָ, באַרבעי, סעלאָר, האָבן זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן אַלס איינפאַכע אַגענטן פון היטלערן, אַלס פאַרעטער פון פראַנקרייך ?

אין יוני 1929 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמי־טעט אין אַשער, אינעם „שלאָס", וואָס האָט געהערט צו דער קאָמוניס־טישער שטאָט־פאַרוואַלטונג. פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז. איך האָב זיך פאַרשטעקט אין דער פאַרויסגעזעענער באַהעלטעניש. די פּאָלי־ציאַנטן, וועלכע זיינען געווען גענוי אינפאָרמירט, האָבן זיך אַ לאָז גע־טאָן גלייך צו דער באַהעלטעניש.

ענלעכע פאַלן פון פאַראַט האָבן זיך איבערגעחזרט. אַ חודש נאָך מיין אַרעסט און אייניקע טעג פאַר דער מאַניפעסטאַציע פון 1־טן אוי־גוסט 1929, קעגן דער געפאַר פון קריג, זיינען כמעט אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט מיט איין מאָל אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנעוור־סען־זשאָרזש.

מען האָט מיך צוערשט איינגעזעצט אין דער סאַנטע־תפיסה, אין דער אָפּטיילונג פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע.

היות איך בין שוין געווען פאַראורטיילט אויך דורכן געריכט פון שאַרלעוויל, איז מען דעם 4־טן יולי מיך געקומען איבערפירן קיין נאַנסי, ווו דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט מיך פאַרמשפּט אויף נייע 8 חדשים

תפיסה. איך האָב אַדורכגעמאַכט די רייזע מיט דער באַן, באַגלייט דורך צוויי געהיים־אַגענטן, וועלכע האָבן מיך אָפּגעפירט אין דער תפיסה „שאַרל דער 3־טער".

ווי נאָר עס זיינען דערליידיקט געוואָרן די ערשטע תפיסה־פאָרמאַליטעטן, האָבן זיך אָנגעהויבן די סיורפּריזן. דער תפיסה־וועכטער האָט אויף אַ ברוטאַלן אופן מיר באַפוילן זיך אויסצוטאָן. איך האָב אים אָנגעקוקט, אַ דערשטוינטער.

— טו זיך אויס, — האָט ער גראָב איבערגעחזרט.

— איך וועל זיך נישט אויסטאָן און איך פאַרווער אייך, מיך צו דוצן — האָב איך רואיק געענטפערט.

ער איז געוואָרן צונטער־רויט, האָט גענומען שרייען, דראָען. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

— טוט זיך אויס, אַנישט וועל איך גיין מיט כוח!

ער האָט מיך שוין מער נישט געדוצט, און גלייך דערנאָך האָט ער מיט קללות און חרמות זיך צוריקגעצויגן.

די צעלע, אין וועלכער מען האָט מיך פאַרמאַכט, איז געווען אַ פינצ־טערע, שמוציקע, נישט געלופטערטע, אָנגעפילט אין די הייסע זומער־חדשים מיטן געשטאַנק פונעם נאַכט־עמער. אין דעם דאָזיקן לאָך האָב איך געמוזט פאַרבלייבן אַ יאָר צייט.

איך האָב געפאָדערט, מען זאָל מיר אַריינשיקן דעם הויפּט־וועכטער: איך האָב אויפגעהויבן אַזאַ טומל, אַז מיין פאָדערונג איז דערפילט גע־וואָרן.

איך האָב דאַן געלאָסן דערקלערט, אַז איך בין אַנטשלאָסן אויסצור־קעמפן די רעכט פון אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן, אַפילו, ווען ס׳וועט בייטיק זיין דערצו אַ הונגער־שטרייק. נישט קיין קלעפּ און נישט קיין דראָ־אונגען וועלן האָבן אויף מיר אַ ווירקונג. איך מוז דערגרייכן, אַז די רעכט פון אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן זאָלן ווערן אָפּגעהיט.

און איך האָב עס ווירקלעך דערגרייכט. צוזאַמען מיט זיבן אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן מיר געלעבט מער־ווייניקער ווי אונדזערע חברים פון דער „סאַנטע". בייטאָג זיינען מיר געווען צוזאַמען און ביי־נאַכט — אין אונדזערע באַטרעפנדיקע צעלעס.

עס איז אונדז אָבער אויסגעקומען צו פירן אַ כסדרדיקן קאַמף, כדי צו צווינגען די וועכטער זיך צו באַציען צו אונדז אָנשטענדיק. זיי פלעגן

עפענען די טיר, נישט אַנקלאַפנדיק אַפריער. איך האָב פאַרלאַנגט, זיי זאָלן אַנקלאַפן און זיי האָבן עס געטאָן.

די באַזוכן פלעגן פאָרקומען אינעם וויזיטן־צימער פאַר קרי־מינעלע. מיר האָבן געמוזט רעדן דורך גראַטעס, אין דער אַנוועזנהייט פון אַ וועכטער. אויף אונדזער דרינגלעכן פאַרלאַנג האָט מען אונדז אייג־געאָרדנט אַ ספּעציעלן צימער פאַר וויזיטן.

אַ געוויסן טאָג בין איך אַדורכגעגאַנגען דעם תפיסה־קאָרידאָר, אויפן וועג צו מיין צעלע. אַ ציוויל־געקליידעטער מענטש האָט מיך אַ רוף געטאָן:

— העי, דאָרט !...

איך האָב זיך נישט אומגעדרייט.

ער האָט געפרעגט מיין נאָמען ביים וועכטער און אַ געשריי געטאָן:

— טאָרעז ! איר הערט נישט, אַז מען רופט אייך ? !...

נישט לייגנדיק קיין שום אַכט אויף זיינע ווערטער, בין איך אַריין אין מיין צעלע. איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר, ווי דער מענטש האָט זיך חוצפהדיק אַריינגעריסן.

— זייט אַזוי גוט — האָב איך אים געזאָגט מיט דער גרעסטער רואי־קייט און אַנטשלאָסנקייט — און גייט תיכף אַרויס פון דאַנען !...

— איר ווייסט נישט מיט וועמען איר רעדט... איך בין דער אויס־פאָרשונגס־ריכטער !

— און איך בין אַן אַרבעטער, אַ קאָמוניסט, אַ פּאָליטישער אַרעס־טירטער, וואָס האָט דאָ, אין תפיסה, גאָרנישט צו טאָן מיט קיין אויס־פאָרשונגס־ריכטער. גייט אַרויס !

ער האָט מער קיין וואָרט נישט געזאָגט און איז אַרויס.

איך האָב נאָך געהאַט אייניקע אַנדערע אינצידענטן, נעמלעך, מיט אַן אַדוואָקאַט, וועלכער איז פּלוצלונג אַריין אין אונדזער וויזיטן־צימער, נישט אַנטשולדיקנדיק זיך און נישט אַראָפּנעמענדיק דעם הוט פונעם קאָפּ. איך האָב אים געגעבן אַ לעקציע פון „פּראָנצויזישער העפלעכקייט", סיי מינדלעך, סיי דורך אַ בריוו צום אַדוואָקאַטן־עלטסטן. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט, נאָך אַן אויספאָרשונג, אַנערקענט די שולד פונעם אַדוואָקאַט, וואָס איז, אגב, געווען אַ צעיושעטער נאַציאָנאַליסט.

זיצנדיק אין תפיסה, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ שול, אויסצובילדן אונ־דזערע יינגערע אַרעסטירטע חברים.

טראָץ די קאָלעקטיווע אַרבעטן און די שמועסן, איז מיר דאָך געבליבן

פרייע צייט. כ׳האָב זי אויסגענוצט צו פאַרפולקאָמען מיין פאָליטישע אויס־בילדונג.

אויף דער פריי פילן אויס די פּראַקטישע אויפגאַבן כמעט די גאַנצע פרייע צייט פונעם אַרבעטער־טוער, אַפילו אויב ער גיט אָפּ נישט מער ווי עטלעכע שעה אויפן שלאָפן.

אין דער שטילקייט פונעם תפיסה־קעמערל קען מען אָבער קאָנצענ־טרירן די געדאַנקען אויף גרונט־פּראָבלעמען, לייענען מיט אַ פעדער אין דער האַנט, נאָכטראַכטן, שרייבן.

אין דער תפיסה „שאַרל דער 3־טער" האָב איך נאָכאַמאָל געלייענט מאַרקסן און ענגעלסן. וואָס פאַר אַ קראַפט און וואָס פאַר אַ רייכקייט פון געדאַנק ביי די לערער פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם! אַלץ, וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנצענטראַציע, וועגן דער פויפּעריזירונג פון די אַרבעטער־מאַסן, וועגן דער סאָציאַלער עוואָלוציע, האָט געפונען אַ באַשטעטיקונג אין דערווירקלעכקייט.

כ׳האָב זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון די גייסטרייכע בלעטלעך פונעם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", וואָס איז דערשינען אין 1848, און וואָס פאַרמאָגט נאָך אָבער היינט־צו־טאָג זיין גאַנצע פרישקייט און גלאַנץ. כ׳האָב אים געקענט כמעט אויף אויסנווייניק, ווייל כ׳האָב אין 1924, אין בעטין, אים געלערנט יונגע פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען שפּע־טער געוואָרן אויסגעצייכנטע טוער. דער אַנאַליז, וואָס מאַרקס פירט אַדורך אינעם „18־טן ברימער פון לואי באָנאַפּאַרט", האָט מיר געהאָלפן בעסער צו פאַרשטיין די פראַנצויזישע ווירקלעכקייט. אַ גאַר באַזונדערן רושם האָט אויף מיר געמאַכט דער זאַץ, וואָס שטרייכט אונטער ווי נייטיק עס איז אין פראַנקרייך דער בונד צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט מיטן פויערטום און די מיטל־שיכטן:

> די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע שאַפט אַזוי אַרום אָט דעם כאָר, וואָס אָן אים ווערט אין אַלע פויערן־לענדער, זיין סאָלאָ פאַרוואַנדלט אין אַ טרויער־ליד 1).

„די קלאַסן־קאַמפן אין פראַנקרייך" און דערהויפּט דער וווּנדערבאַ־רער „בירגער־קריג אין פראַנקרייך (1871)", האָבן פאַרפעסטיקט מיין

1) קאַרל מאַרקס: „דער 18־טער ברימער פון לואי באָנאַפּאַרט". ז. 103, „עדי־סיאָן סאָסיאַל", 1949.

גלויבן אינעם פראַנצויזישן פראָלעטאַריאַט. צי זיינען דען נישט די פּאַריי־דער אַרבעטער די אייניקלעך פון אַט די קאָמונאַרן, וואָס „האָבן געשטורעמט די הימלען״? די געשיכטע האָט באַשטעטיקט די אָפּשאַצונג פון מאַרקסן:

> דאָס אַרבעטנדיקע פּאַריז, מיט זיין קאָמונע, וועט אויף אייביק געפּייערט ווערן, ווי דער רומפולער אָנזאָגער פון אַ נייער געזעלשאַפט. זיינע מאַרטירער זיינען טיף איינגעבאַקן אין האַרצן פונעם אַרבעטער־קלאַס. זיינע תלינים האָט די געשיכטע שוין צוגענאָגלט צום אייביקן שאַנד־סלופּ, און קיין שום תפילות פון זייערע גלחים וועלן נישט באַוויזן זיי אויסצו־לייזן 1).

די רעוואָלוציע האָט איבערגענומען און פאַרגעזעצט דאָס אָנגעהויב־בענע ווערק פון די העראָאישע פּיאָנערן פון 1871. זי האָט אויפגעבויט אויף אַ זעקסטל פון דער וועלט אַ זיגרייכע קאָמונע!

איין הויפּט־געדאַנק פון מאַרקסן האָט זיך איינגעקריצט אין מיין מוח: די דיאַלעקטישע באַוועגונג ציט אַריין די רעוואָלוציע און די קאָנטר־רעוואָלוציע אין אַן אומאויפהערלעכן געראַנגל; די רעוואָלוציע דערפירט די קאָנטר־רעוואָלוציע צו ווערן אַלץ פאַרביסענער און אַלץ אָנגרייפערי־שער; די קאָנטר־רעוואָלוציע, ווידער, שטויסט פאָרויס די רעוואָלוציע און צווינגט זי צו שאַפן אַן אמת־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי.

איך האָב זיך געקענט איבערצייגן אינעם טיפן אמת פון דאָזיקן גע־דאַנק שפּעטער, ווען די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן, זינט דעם פאַשיסטישן אָנגריף פון 6־טן פעברואַר 1934, זיך אָרגאַניזירט, כדי צו פאַרשטאַרקן זייער ווידערשטאַנד און זיינען איבערגעגאַנגען צו אַ קעגן־אָנגריף.

ביי ענגעלסן האָב איך געפונען די באַשטעטיקונג פונעם געדאַנק, אַז ס'איז אומעגלעך, דער קאַמף זאָל זיין פּרוכטבאַר, אויב ער שפּאַרט זיך נישט אָן אויף דער ווירקלעכקייט. אין זיינע באַמערקונגען וועגן דעם פּראָגראַם פון די בלאַנקיסטישע פּליטים פון דער קאָמונע (1874) שרייבט ער:

> ווי קינדיש־נאַיוו עס איז צו פאַרוואַנדלען דעם אייגענעם אומגעדולד אין אַ טעאָרעטישן אַרגומענט!

ביי לענינען האָב איך געפונען די אַזוי טרעפלעכע דערקלערונג פון

1) קאַרל מאַרקס: „דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך (1871)״, ז. 72, „עדי־סיאָן סאָסיאַל״, 1946.

די היינטצייטיקע דערשיינונגען, וואָס איז באַזונדערס גילטיק פאַר אונדזער לאַנד:

די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן ווערט, אונטערן רע־זשים פון דער האַנדלס־פּראָדוקציע און פונעם פּריוואַט־אייגנטום, אומ־פאַרמיידלעך די הערשאַפט פון אַ פינאַנציעלער אָליגאַרכיע... די שענד־לעכע הערשאַפט פון דער פינאַנציעלער אָליגאַרכיע איז אַזאַ בולטער פאַקט, אַז אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין אַמעריקע, אין פראַנק־רייך און ספּעציעל אין דייטשלאַנד, איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטע־ראַטור זי צו באַשרייבן און זי צו קריטיקירן — פון אַ קליין־בירגערלעכן שטאַנדפּונקט, נאַטירלעך 1).

וואָס פאַר אַ טאַקטיק וועט דער פּראָלעטאַריאַט אָנווענדן, כדי ביי־צוקומען זיין קעגנער? לענין ענטפערט: די איינהייט.

די איינהייט פון פּראָלעטאַריאַט איז זיין שטאַרקסטער וואָפן אין זיין קאַמף פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

שוין אין 1902, אין זיין בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?", שרייבט לענין:

בלויז די, וואָס האָבן נישט קיין צוטרוי צו זיך אַליין, קענען זיך שרעקן פאַר אַ צייטווייליקן בונד, אַפילו אויב דאָס איז מיט אומזיכערע עלעמענטן... אָבער דער נויטווענדיקער באַדינג פאַר אַזאַ בונד, איז די פולשטענדיקע מעגלעכקייט פאַר די קאָמוניסטן צו באַווייזן דעם אַרבעטער־קלאַס דעם קעגנזאַץ צווישן זיינע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע 2).

מיט ליידנשאַפט האָב איך שטודירט דאָס מייסטערהאַפטע בוך פון סטאַלינען: „פראַגן פון לעניניזם".

צי איז דען נישט דאָס הויפּט־פּראָבלעם פאַר אונדז געווען צו דער־גיין מיט דער הילף פון דער לערע פון לענין און סטאַלין, צו דער שאַפונג

פון אַ נייער פּאַרטיי, אַ קעמפערישער פּאַרטיי, אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע האָט גענוג מוט צו פירן דעם פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף פאַר דער מאַכט, גענוג דערפאַרונג זיך צו אָריענטירן אין די קאָמפּלי־צירטע באַדינגונגען פון אַ רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע און גענוג עלאַס־טישקייט אויסצומיידן אַלערליי שטרויכלונגען אויפן וועג, וואָס פירט צום ציל 3).

אַזוי אַרום, פאַרבינדנדיק אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט מיט דער לאַגע אין פראַנקרייך, האָב איך אַרויסגעצויגן אַ טאָפּלטע לערע און זיך

1) וו. אי. לענין: „דער אימפּעריאַליזם, די העכסטע סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם", ז. 44. „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1945.

2) וו. אי. לענין: „וואָס דאַרף מען טאָן?" ז. 19.

3) י. סטאַלין: „יסודות פון לעניניזם", ז. 72. „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1947.

איבערגעצייגט אין דער טאָפּלטער נויטווענדיקייט: די איינהייט פון פּראָלעטאַריאַט, דער בונד מיט די פּויערן און מיט די מיטל־קלאַסן. און כדי די אויפגאַבע דורכצופירן מיט דערפאָלג — אַן אמתע קאָמוניסטישע פּאַרטיי!

ווערנדיק לייענען אין אָריגינאַל מאַרקסן און ענגעלסן, האָב איך באַ־שלאָסן צו לערנען די דייטשע שפּראַך, וועלכע איך האָב שוין עטוואָס גע־קענט. איך האָב זיך אָפּגעגעבן דערמיט מיט ברען און נאָך עטלעכע חדשים האָב איך שוין, אַן גרויסע שוועריקייטן געקענט לייענען „אַנטי־דירינג״.

איך האָב אַלעמאָל געהאַט אַ געפיל פון דרך־ארץ פאַרן דייטשן פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט אַלבערט דירער און גוטענבערג, לע־סינג און העגעל, געטע און שילער, בעטהאָווען, מאַרקס און ענגעלס.

די אכזריותן פון דער היטלערישער מאַכט, דער נאַצישער טעראָר, וואָס האָט זיך צעבושעוועט איבער גאַנץ אייראָפּע, האָבן מיך קיינמאָל נישט דערפירט צו פאַראורטיילן דאָס דייטשע פאָלק אין גאַנצן גענומען, וואָס מיר טאָרן נישט צונויפמישן מיט זיינע תלינים.

צווישן די דייטשע דיכטער, זיינען מיר געווען צום ליבסטן געטע און היינע. צי האָט דען געטע נישט באַגריסט דעם זיג פון וואַלמי? זיין ווערק איז נישט ווייניק באַלערנדיק פאַר אַ רעוואָלוציאָנער:

> גרוי, טרייער פריינט, איז יעדע טעאָריע
> און גרין איז דער גאָלדענער בוים פונעם לעבן!

אָט די צוויי שורות פון „פאַוסט״, ווו געטע באַווייזט, אַז דאָס לעבן שטייט אַלעמאָל העכער ווי די טעאָריע, האָט מיר דערמאָנט אין לענינס געדאַנק: „דער מאַרקסיזם איז נישט קיין דאָגמע, נאָר אַ וועגווייזער צו מעשים״.

> מיר איז אויך ליב געווען געטעס פעסטשטעלונג:
> אין אָנהויב איז געווען די טאַט.

היינע, אַן אמתער רעוואָלוציאָנערער דיכטער, אַ פריינט פון מאַרקסן, האָט אַרויסגעשריגן זיין שנאה צו די עקספּלואַטאַטאָרן אין זיין ליד וועגן די שלעזישע וועבער. עס איז מיר שטאַרק געפעלן זיין סאַטירישע פּאָעמע: „דייטשלאַנד״, „אַ ווינטער־מעשהלע״. היינע איז געווען אינגאַנצן גייסט און פלאַם. אין אָט דעם פּאַריז, וואוהין ער איז אַנטלאָפן פון דער פּרייסישער רעאַקציע, האָט ער באַגריסט די פראַנצויזישע אַרבעטער, וועל־כע האָבן אים אויסגעזען, ווי די ציקלאָפּן, וואָס שמידן די נייע צייטן.

דורך די קראַטן איז צו מיר דערגאַנגען ראָמען ראָלאַן, און זיין

„זשאַן קריסטאָף" האָט מיר געהאָלטן געזעלשאַפט. מיין איינזאַמקייט איז פאַרלייכטערט געוואָרן דורך די איבערלעבענישן פון „טיל אוילענשפּי־געל": עס האָט מיך געריזט די אַטמאָספער פון מיין טייערער פלאַנדריע, וואָס איך האָב דאָרט אָפּגעפונען, איר דראַנג צו פרייהייט, איר האָס קעגן אַלע אונטערדריקער, איר קרעפטיקע פרייד, איר הומאָר און איר אָפּטימיזם.

איך האָב געלייענט ראָמאַנען פון אַנאַטאָל פראַנס, פון אָט דעם שרייבער, וואָס איז געווען איינער פון די לעצטע פאָרשטייער פון בורזשואַזן הומאַניזם און וועלכער האָט צום סוף פון זיין לעבן געווענדעט זיין בליק צו דער זיגרייכער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט זיי דערקענט, די יעניקע, וואָס האַלטן די פּאַקטישע מאַכט אין אונדזער „דעמאָקראַטיע". אין „פּינגווינען־אינדזל" באַמערקט ער איראָניש:

> נאָך דעם, ווי פראַנקרייך האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די הערשאַפט פון די קעניגן און אימפּעראַטאָרן, נאָך דעם ווי עס האָט דריי מאָל פּראָקלאַמירט זיין פרייהייט, האָט זיך עס אונטערגעוואָרפן די פינאַנץ־געזעלשאַפטן, וואָס באַלעבאַטעווען מיט די רייכטימער פון לאַנד און ריכטן די עפנטלעכע מיינונג דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ פאַרקויפטער פרעסע.

אַנאַטאָל פראַנס האָט אויך געשריבן: „מען גלויבט, אַז מען שטאַרבט פאַרן פאָטערלאַנד; אין דער אמתן שטאַרבט מען פאַר די אינדוסטריעלער".

מיין זיצן אין תפיסה האָט זיך דערנענטערט צום סוף. אָבער כדי אַרויסצוגיין אויף דער פריי, האָב איך אָפּריער געמוזט אָפּצאָלן די געלט־שטראָף. די גרופּע באַרבעי־סעלאָר האָט, כדי צו קענען אָנווענדן איר שעד־לעכע פּאָליטיק, באַשלאָסן איבערצולאָזן אין תפיסה די יעניקע, וואָס האָבן געקענט שטערן אירע פּלענער. זי האָט דעריבער באַשלאָסן נישט צו באַצאָלן פאַר מיר די געלט־שטראָף. זייענדיק איבערצייגט, אַז די אָנפירער פון דער גרופּע זיינען נישט גערעכט, האָב איך זיך נישט גערעכנט מיט זייער באַשלוס. איך האָב איינגעצאָלט אַ טייל און בין פרייגעלאָזט גע־וואָרן. די פּאַרטיי און דער אינטערנאַציאָנאַל האָבן מיר געגעבן גערעכט.

איך בין אַלזאָ געווען פריי. פול מיט ברען, גייסטיק געקרעפטיקט דורך אַ צאָלרייכער לעקטור און האַבנדיק גרינדלעך אַדורכטראַכט די אַלע פּראָב־לעמען, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַרן פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט, און די אויפגאַבן, וואָס האָבן געפאָדערט אַ לייזונג — האָב איך ווידער פאַר־נומען מיין אָרט אינעם קאַמף. אַ קורצע צייט שפּעטער, אין יולי 1930, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט מיר אָנפאַרטרויט דעם פּאָסטן פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

וואָס איז געשען אויף דער פריי פאַר דער צייט, ווען איך בין געזעסן אין תפיסה? די פאַרטיי איז געוואָרן אָפגעשוואַכט. אויסנוצנדיק די שוועריקייטן פון מאָמענט, האָט די גרופע באַוויזן צו פאַרכאַפן אַלע אָנפירנדיקע פּאָסטנס. זי איז אַנטשיידן אַראָפּ פונעם וועג פון לעניניזם.

די מיטגלידערשאַפט פון דער פאַרטיי האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט. ווילקירלעכע באַשלוסן פון אויבן; פאַסיווע אויפגעצוווּנגענע דיסציפּלין אויף אַלע שטאַפּלען; אונטערדריקונג פון יעדער פרייער דיסקוסיע; פאַרדאַכט; מורא צו זאָגן אַ וואָרט אין פאַל פון נישט מסכים זיין; „פאַרמאַכטע מיילער", קיין שום פּרוכטבאַרע קריטיק, אַ קאַזאַרמע־אַטמאָספער — אָט ווי אַזוי די גרופע האָט אויסגעטייטשט דעם דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, וואָס לענין האָט געלערנט. דאָס איז געווען אַ קאַריקאַטור פון דער פאַרטיי — אַ פאַרטיי, דערפירט צו אָנמעכטיקייט, אַ פאַרטיי וואָס וועגעטירט, וואָס איז איינגעשלאָסן אין אירע ענגע ד' אמות, אַנשטאָט צו זיין דער באַוווּסטזיניקער, קעמפנדיקער אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס.

די גרופע האָט אַרויסגעוויזן די פולסטע פאַראַכטונג צו דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט, פאַרגעסנדיק אָט דעם עיקרדיקן אמת, אַז פּאָליטיק — דאָס איז די קונסט פונעם מעגלעכן; זי האָט בעסער געוואָלט אומאויפהערלעך זיך באַנוצן מיט פוסטע פראַזן, איידער דורכצופירן אַ קאָנקרעטן אַנאַליז. זי האָט אַזוי אַרום, שוין דורך דעם אַליין, פאַרמשפּט דעם אַרבעטער־קאַמף צו אומפּרוכטבאַרקייט און אָנמאַכט. זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון די קליינע לוין־פאָדערונגען פון דער מאַסע: „מיר האַלטן שוין היינט ווייטער, ווי ביים קאַמף פאַרן שטיקל ברויט". מען האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו דער סינדיקאַלער אַרבעט. מען האָט געזידלט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער; מען האָט „פאַרפּאַליטיזירט" דעם מינדעסטן שטרייק.

בעת איך בין געזעסן אין תפיסה, האָט מען געקענט ביי וויינען דאָס פאָלגנדיקע פיינלעכע בילד: אין זאַל זשאַפּי, אין שאַמפּיני, האָבן זיך אַרבעטער געשלאָגן צווישן זיך — סאָציאַליסטן קעגן קאָמוניסטן. דאָס איז געווען די צייט, ווען דאַריאַ האָט געהעצט צו ברידער־קאַמף.

מען האָט אַלץ באַדאַרפט אָנהייבן פונדאָסניי.

קודם כל איז נייטיק געווען אונטערצושטיצן די קלענסטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, אונטערשטרייכן זייער וויכטיקייט, פאַרלאַנגען, אַז די פאַרטיי זאָל שטיין ביי דער זייט פון די אַרבעטנדיקע אין זייערע קאַמפן.

די גרופע האָט זיך איבערהויפּט נישט אינטערעסירט מיט די פראַגן

פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. אויף מיין פאָרשלאָג, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשלאָסן צו קעמפן פאַר אַן אמתער סאָציאַלער פאַרזיכערונג אויפן חשבון פון די אַרבעטגעבער.

קיין זאַך וואָס איז נוגע דעם אַרבעטער, טאָר אונדז נישט לאָזן גלייכגילטיק, — אָט דאָס איז פון איצט אָן געוועז אונדזער ריכט־ליניע, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די קאָמוניסטן, זייענדן — ווי מאַרקס און לענין האָבן עס געלערנט — דער קלאַרזעעוודיקסטער און באַוווסטזיניקסטער טייל פון פראָלעטאַריאַט.

אונדזערע בעסטע טוער האָבן זיך איצט געווידמעט דער סינדיקאַלער אַרבעט.

עס איז אויך נייטיק געוועז צו פירן אַן עקשנותדיקן קאַמף פאַר אָפּהיטן די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, קעגן דערשטיקן און אָפּטויטן דעם געדאַנק. „נאָר נישט קיין אויטאָמאַטן אין דער פּאַרטיי! זאָלן זיך די מיילער עפענען!״ 1).

ענדלעך איז די גרופּע געוואָרן דעמאַסקירט און באַזייטיקט. עס איז איצט מעגלעך געוועז אַלץ צוריקצושטעלן אויף די פיס.

דאָס הויפּט־פּראָבלעם, וואָס באַשעפטיקט די פּאַרטיי זינט דעם דאָזיקן פּעריאָד — דאָס איז די איינהייט פונעם פּראָלעטאַריאַט. די קאָמוניסטן האָבן קיינמאָל נישט שלום געמאַכט מיטן פאַקט פון דער שפּאַלטונג פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס די מינדערהייט פון קאָנגרעס אין טור האָט אַרויסגערופן, אָפּזאָגנדיק זיך אונטערצוּוואַרפן דער מערהייט. מיר האָבן געקעמפט אומדערמידלעך, כדי צו ליקווידירן די שפּאַלטונג און פאַראייניקן אַלע אַרבעטער אין איין און דעם זעלבן קאַמפּס־פראָנט.

פון אָנהייב זייענען אונדזערע אָנשטרענגונגען געוועז ווייט פון דעם דערוואַרטעטן דערפאָלג. מיר האָבן אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם מוט. די שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן אונדז געגעבן גערעכט.

אין פאַרלויף פון יאָרן איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַרבליבן טויב צו אונדזערע ווענדונגען. זי האָט אונדז בלויז געענטפערט דורך שווייגן אָדער מיט סאַרקאַזם. פּאָל פאָר, דער דעמאָלטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט אַ געוויסן טאָג געשריבן:

---

1) טיטלען פון מאָריס טאָרעזס אַרטיקלען אין דער „הומאַניטע״, אין אָקטאָבער 1931 (באַמ. פון רעד.).

ס'וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר די סאָציאַליסטישע אַרבעטער, מען זאָל דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זייער ענטפער וועט האָבן מער ווי 5 אותיות 1).

דעם 26־טן יוני 1932 האָבן אַנרי באַרביס און ראָמען ראָלאַן געמאַכט אַ רירנדיקן רוף וועגן אַ גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס קעגן דעם קריג. זיי האָבן זיך געווענדן צו אַלע ערלעכע מענטשן, צו אַלע אַרבעטער־גרופּירונגען, צו אַלע פּאָליטישע, סינדיקאַלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיינען אַרויס מיט אַ קאַמפּאַניע קעגן קאָנגרעס, באַשולדיקנדיק זיינע איניציאַטאָרן אין צווייפּנימדיקייט און דראָענדיק מיט אויסשליסן פון דער פּאַרטיי די סאָציאַליסטישע טוער, וועלכע וועלן אָנטיילנעמען אין אַמסטערדאַמער קאָנגרעס און אין דער טעטיקייט פון זיינע פאַרשידענע קאָמיטעטן.

מיר, פּאַרקערט, האָבן אויסגענוצט אייפעריק יעדע געלעגנהייט, וואָס האָט געקענט צואיילן דעם טאָג פון דער איינהייט.

אין אַ רעדע, וואָס איך האָב דעם 2־טן דעצעמבער 1932 געהאַלטן אין זאַל ביליע, האָב איך אין נאָמען פון דער פּאַרטיי פייערלעך דערקלערט:

> דער פּראָלעטאַריאַט וויל די איינהייט. דער פּראָלעטאַריאַט פאָדערט די איינהייט. די קאָמוניסטן קעמפן מיט אַלע זייערע כוחות פאַר דער איינהייט און זיי שטרעקן אויס אַ ברידערלעכע האַנט צו אַלע פּראָלעטאַריער, כדי מיר זאָלן צוזאַמען קענען גובר זיין און באַזייטיקן יעדע שטערונג אויפן וועג פון דער איינהייט פונעם אַרבעטער־קלאַס.
>
> ...מיר נוצן אויס אַלע מעגלעכקייטן — מאַניפעסטאַציעס, שטרייקן, יעדן פּראָטעסט — כדי דורכצופירן אונדזער אויפגאַבע פון פאַראייניקן און צונויפזאַמלען די כוחות, פאַרן געמיינזאַמען קאַמף פון די אַרבעטער פון אַלע ריכטונגען און פון אַלע אָרגאַניזאַציעס.
>
> מיר קעמפן פאַרן ווידעראויפשטעלן אַ געאייניקטע ס. זש. ט.,
> איין געאייניקטן אַרבעטער־קלאַס קעגן דער בורזשואַזיע,
> איין סינדיקאַט,
> איין פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט.

* * *

איך דערמאָן זיך וועגן אַ באַזוך, וואָס כ'האָב צו יענער צייט געמאַכט ביי אַנרי באַרביס. ער האָט געוווינט אין די זומער־חדשים, נישט ווייט פון סאָנליס, אין דער „ווילאַ סילווי", אויפן נאָמען פון דער העלדין פון

1) „לע פּאָפּילער" פון 13־טן סעפּטעמבער 1931.
די „פינף אותיות" — דאָס מיינט אַ באַקאַנט פראַנצויזיש זידל־וואָרט (באַמ. פון איבערז.).

זשעראַר דע נערוואַל, וועלכער האָט אויף אַן אומפּאַרגעסלעכן אופן גע־שילדערט אָט די אַזוי פּאָעטישע געגנט פון „איל דע פראַנס״. מיר האָבן גע־רעדט וועגן די מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן די אייניקייט פון די אַרבעטער, כדי ווירקזאַם צו קעמפן קעגן פאַשיזם; קעגן אָט דעם פאַשיזם, וועמענס געשפּענסט עס האָט זיך באַוויזן איבער דייטשלאַנד, באַדראָענדיק מיט אַ נייער קאַטאַסטראָפע די וועלט, וועלכע איז קוים צו זיך געקומען פון די שרעקלעכע וווּנדן פון דער מלחמה.

איך האָב אָפטער זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די דייטשע חברים, באַמיענדיק זיך זיי צו העלפן אין זייער שווערן קאַמף. דעם 31־טן אָק־טאָבער 1932 איז טעלמאַן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן דורכן פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט. מיר זיינען צוזאַמען אַרויסגעטראָטן אין זאַל ביליע. דעם 17־טן יאַנואַר 1933 האָב איך גערעדט אויפן קבר פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג אויפן פרידריכספעלדער בית־עולם, צום 14־טן יאָרטאָג פון זייער דערמאָרדונג. עטלעכע טעג נאָך אונדזער מאַניפעס־טאַציע, האָט היטלער גענומען די מאַכט און דער אָנהייב פון זיין הער־שאַפט איז באַגלייט געווען מיט פּילצאָליקע פאַרברעכנס. איך וועל שטענ־דיק געדענקען די אַטמאָספער פון בערלין, אין יאַנואַר 1933. איך בין צוריקגעקומען פון מיין קורצן אויפהאַלט אין דייטשלאַנד מיטן פאַרגעפיל פון די אָנקומענדיקע טראַגעדיעס און גרויזאַמקייטן — פון דער רייכסטאַג־שרפה צו די מאָרד־לאַגערן און ביז צו דער אויסראָטונג פון גאַנצע פעל־קערשאַפטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.



## 4 דורות אַרבעטער־טוער

ביי דער קאָמונאַרן־וואַנט, דעם 30־טן מאַי 1926. פון רעכטס אויף לינקס: קאַמעלינאַ, דירעקטאָר פאַר וואַלוטע־ענינים בעת דער קאָמונע; מאַרסעל קאַשען, דעפּוטאַט, דירעקטאָר פון דער „הימאַניטע”; פּאָל וואַיאַן־קוטירייע, דעפּוטאַט, שעף־רעדאַקטאָר פון דער „הימאַניטע”; מאָריס טאָרעז, דעמאָלט מיטגליד פון פּאָליטישן ביוראָ און אָרגאַניזאַציע־סעקרעטאָר פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

קאפיטל 3.

# דער קאמף פאַר איינהייט

**דער וועלט־קריזיס פון 1929. — דער היטלעריזם. — דער פאַשיזם אין פראַנקרייך. — דער 6־טער פעברואַר 1934. — דער ענטפער פון דער אַרבעטערשאַפט. — די סאָציאַליסטי־שע פירער קעגן דער איינהייט. — די לאַנד־קאָנפערענץ אין איווורי (יוני 1934). — דער פאַקט פון אַקציע־איינהייט (27־טער יולי 1934). — דער פראָלעטאַריאַט און די מיטל־שיכטן. — דער פאָלקס־פראָנט פאַר ברויט, פרייהייט און שלום (נאַנט, 24־טער אָקטאָבער 1934). — דער פראָגראַם פון פאָלקס־פראָנט. — די סינדיקאַלע איינהייט. — דער ווילערבאַנער קאָנגרעס (יאַנואַר 1936). — דאָס היינטצייטיקע פראַנקרייך. — זאָלן צאָלן די רייכע! — דאָס קאַ־דער־פּראָבלעם. — פאַר אַ פריי, שטאַרק און גליקלעך פראַנקרייך.**

דער קריזיס, וואָס האָט זינט 1929 זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאַפּי־טאַליסטישער וועלט, האָט ווייט אַריבערגעשטיגן אין זיין פאַרנעם און מיט זיינע קאָנסעקווענצן אַלע פריערדיקע ציקלישע קריזיסן. פון 1929 ביז 1932 פאַלט די וועלט־פּראָדוקציע — פ.ס.ס.ר. נישט אַריינגערעכנט — מיט 40 פּראָצענט, און דער וועלט־האַנדל מיט 60 פּראָצענט.

מען פאַרניכטעט תבואה און פּי, מען רייסט אויס ביינוול־פלאַנצן און וויינשטאַקן, מען וואַרפט קאַווע אין ים אַריין, און דאָס — אין אַ מאָ־מענט, ווען די נויט שטייגט, ווען דער הונגער הערשט אין אינדיע און אין כינע, ווען די אָפיציעלע סטאַטיסטיק איז מודה, אַז ס'זיינען פאַראַן 30 מיליאָן אַרבעטלאָזע.

פון אַלע זייטן ווערן אויפגעשטעלט צאָל־באַריערעס, די סחורות־ציר־

קולאַציע ווערט פאַרלאַנגזאַמט, ווערט זעלטענער, שטעלט זיך אָפּ. די שטאַר־קערע לענדער קעמפן צווישן זיך, כדי צו פאַרכאַפּן די מערק פון די שוואַ־כערע לענדער. עס וואַקסט די געפאַר פון אַן אַלוועלטלעכן צוזאַ־מענשטויס.

די לענדער, וואָס זיינען אַרויס באַזיגטע פון דער מלחמה פון 1914—1918 זיינען באַזונדערס געטראָפן. די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון דייטשלאַנד איז אַראָפּגעפאַלן ביז צום ניוואָ פון 1897. די צאָל אַרבעטלאָזע שטייגט אין אַן אומגעהייערער פּראָפּאָרץ. דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קריזיס פאַרשאַרפט זיך. אויף אָט דעם באָדן נעמט זיך אַנטוויקלען דער היטלעריזם.

ביי די וואַלן פון 1930 אין דייטשלאַנד, בלייבט די צאָל אַרבעטער־שטימען כמעט די זעלבע. אַ טייל סאָציאַליסטישע שטימען גייט אַריבער צו די קאָמוניסטן. די בורזשואַזע פּאַרטייען פונעם צענטער ברעכן זיך צוזאַמען. אָבער די היטלעריסטן נעמען צונויף 6 מיליאָן שטימען. אונטערן איינפלוס פונעם קריזיס קערן זיך אָפּ די קליינבירגערלעכע מאַסן פון די אָפיציעלע בורזשואַזע פּאַרטייען. זיי גייען נישט צום צעשפּליטערטן אַרבעטער־קלאַס, נאָר צום פאַשיזם, וואָס נאַרט זיי אָפּ מיט זיין דעמאַגאָגיע.

אין אַנבליק פון דער געפאַר באַמיט זיך די דייטשע קאָמוניסטישע פּאַרטיי צו שאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי, אָבער אָן דערפאָלג.

אַחוץ די קאָמוניסטן האָבן אַלע גרופּירונגען, וועלכע זיינען מכלומרשט געווען קעגן איינשטעלן די היטלערישע דיקטאַטור, פאַרזיכערט, אַז דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם וועט זיך שנעל פונאַנדערפאַלן. ביי די וואַלן פון נאָוועמבער 1932 האָבן די נאַציס פאַרלוירן צוויי מיליאָן שטימען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן גערעדט וועגן היטלערס „ענדגילטי־קער פאַרניכטונג". לעאָן בלום האָט דאָן געשריבן אין „פּאָפּילער":

> דער צוטריט צו דער מאַכט איז פון איצט אָן געשלאָסן פאַרן נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליזם. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז בייגעקומען היטלערן.

צוויי חדשים שפּעטער, דעם 30־טן יאַנואַר 1933, האָט הינדענבורג איבערגעגעבן היטלערן די מאַכט.

פון די דאָזיקע פאַקטן האָבן מיר געקענט אַרויסציען דריי באַלערנדיקע אויספירן:

1. די וויימאַר־רעפּובליק האָט דערמעגלעכט דעם קאַפּיטאַליזם זיך צו ראַטעווען. זי האָט דערשטיקט די רעוואָלוציע פון 1918 און האָט אין נאָמען

פון דער „דעמאָקראַטיע״ פאַרניכטעט דעם קעמפערישן אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס, דעם אמתן אַנשפּאַר פון דער דעמאָקראַטיע;

2. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די רעפאָרמיסטישע סינדיקאַטן האָבן אונטערגעשטיצט די פּאָליטיק פון „קרבנות״ און פון פרייהייט־באַגרענע־צונגען, וואָס איז אויפגעצווונגען געוואָרן דורך די בורזשואַזע רעגי־רונגען; אונטערן אויסרייד פון אויסקלייבן דאָס „קלענערע בייז״, האָבן זיי געעפנט דעם וועג פאַרן פאַשיזם;

3. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די סינדיקאַלע פירער האָבן, אַפּוואַרפנ־דיק דעם איינהייט־פראָנט פון אַרבעטער־קלאַס, איזאָלירט און אַנטוואָפנט דעם פּראָלעטאַריאַט.

דאָס זיינען געווען די האַרבע לעקציעס, וועלכע האָבן פאַר אונדז, קעמ־פער פון אַרבעטער־קלאַס פון פראַנקרייך, נישט געקענט פאַרלוירן גיין. איז דען נישט געווען אַ געפאַר, אַז מיר זאָלן אויפצומאָרגנס זיך געפינען פנים אל פנים מיט אַן ענלעכער סיטואַציע? און זאָל מען נישט קומען דערציילן קיין געשיכטעס וועגן פראַנצויזישן אינדיווידואַליזם און וועגן דער העכערקייט פון אונדזער פאָלק — וואָס איז אומאָפּהענגיק, שטאָלץ און ווייט נישט לייכטגלויביק — איבער דעם דייטשן מיליטאַריזירטן המון, וואָס איז געוווינט צו בלינדער דיסציפּלין און צו פּאַסיווער געהאָרכזאַמקייט! די „צווייטע אימפּעריע״, די „מאָראַל־אָרדענונג״, דער „בולאַנזשיזם״ זיינען גאָר־נישט אַזוי ווייט פון אונדז... אויב דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט נישט צעקלאַפּט די מאַכינאַציעס און די פאַרשווערונגען פון זיינע שונאים, אויב ער וואָלט באַגאַנגען די פעלערן און טעותן פון די דייטשע אַרבעטער, אויב ער וואָלט דערלאָזט, אַז אין פראַנקרייך זאָלן באַגאַנגען ווערן די פּראָוואָקאַ־ציעס און פאַרברעכנס, קעגן וועלכע אונדזער חבר דימיטראָוו איז אַרויס־געטראָטן ווי אַן אומברחמנותדיקער באַשולדיקער אויפן פּראָצעס פון לייפּ־ציג, — וואָלט אויך אונדזער לאַנד געקענט איבערלעבן די טראַגעדיע פון אַ פאַשיסטישער דיקטאַטור, וואָס וואָלט געמאָרדעט די אַרבעטער, אָפּגעשאַפט די פרייהייט און אויסגעליפערט פראַנקרייך צו היטלערן און מוסאָליניו.

די פראַנצויזישע ווירטשאַפט איז געטראָפן געוואָרן דורכן קריזיס. אַ לאַנגע צייט האָט זי געהאַט געגאַסן פון גינסטיקע אומשטענדן: די עק־זיסטענץ פון אַ ברייטן אינערלעכן מאַרק, אַ סטאַביליזירטער קורס פונעם פראַנק, וואָס האָט געגעבן אַ באַדייטנדיקע וואַלוטע־דיפערענץ פאַרן עקס־פּאָרט. אָבער אויך פאַרן דאָזיקן אינדזעלע פון רעלאַטיווער פּראָספּעריטעט,

אין וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשלאָגן די כוואַליעס פון שטייגנדיקן קריזיס — אויף פאַר אים איז געקומען די שעה פאַרשווּנקט צו ווערן.

פון 1929 ביז 1935 פאַרקלענערט זיך די פראַנצויזישע פּראָדוקציע אויף אַ דריטל. די אַרבעטלאָזיקייט וואַקסט. די נאַציאָנאַלע הכנסה פאַרצייכנט אַן אַלגעמיינע ירידה פון 30 פּראָצענט, וואָס דריקט זיך אויס אין די פאָלגנדיקע ציפערן (אין מיליאַרדן פר.):

| | 1929 | 1934 |
|---|---|---|
| לוינען . . . . . . . . | 115,6 | 93 |
| באַוועגלעכע ווערט־פּאַפּירן | 28,3 | 22,8 |
| לאַנדווירטשאַפט . . . . . | 44,8 | 17 |
| אינדוסטריע און האַנדל . . | 29 | 15 |
| | 217,7 | 147,8 |

דער קריזיס פאַרשנעלערט די דערשיינונגען פון קאַפּיטאַליסטישער קאָנצענטראַציע. די גרופּע קאַרטעליזירטע אינדוסטריעס צווינגט אויף אירע מאָנאָפּאָל־פּרייזן און דערגרייכט געוואַלטיקע רווחים.

די מיטל־קלאַסן דאַקעגן ווערן פאַרארעמט. פון 1930 ביז 1932 פאַרקלענערט זיך די צאָל קליינהענדלער מיט 100 טויזנט. דער קריזיס דערפירט דאָס קליינבירגערטום צו אַ לעבן אָן זיכערקייט און אָן אַ צוקונפט; זיינע אילוזיעס בנוגע זיין סאָציאַלער און פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט ווערן ביסלעכווייז ביי אים פאַרשוווּנדן.

דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז שווער געטראָפן, קעמפט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיינע לעבנס־באַדינגונגען. מיר האָבן פאַר זיך דאָס בילד, וואָס מאַרקס האָט געשילדערט:

> וואָס מער עס פאַרקלענערט זיך די צאָל קאַפּיטאַל־מאַגנאַטן, וועלכע פאַרכאַפּן און מאָנאָפּאָליזירן אַלץ, וואָס איז פאַר זיי גינסטיק אינעם דאָזיקן פּעריאָד פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג — אַלץ מער וואַקסט די נויט, די אונטערדריקונג, די פאַרקנעכטונג, די דערנידערונג, די עקספּלואַטאַציע, אָבער גלייכצייטיק אויך — דער ווידערשטאַנד פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס ווערט אַלץ צאָלרייכער, אַלץ דיסציפּלינירטער און אַלץ מער פאַראייניקט און אָרגאַניזירט דורך דעם עצם מעכאַניזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע 1).

---

1) מאַרקס: „דאָס קאַפּיטאַל", באַנד 1, בוך 3, קאַפּיטל 32, ז. 205, „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1949.

די רייכע ווילן לייזן דעם קריזיס אויפן חשבון פון די אַרבעטער. זיי פאַרלאַנגען אַ פּאָליטיק פון לוין־קירצונגען, פון צאָל־שוץ קעגן אויסלענדישע סחורות, אָן אמתן אינערלעכן מאָנאָפּאָל, אָן עקאָנאָמישע אויטאַרקיע פון אַ „פראַנצויזישער אימפּעריע" פון 100 מיליאָן איינוווינער. זיי שטרעבן צו אַזאַ מלוכה־פאָרם, וואָס וועט זיי דערלויבן, גלויבן זיי, צו דערגרייכן אָט די צילן; די דאָזיקע פאָרם — דאָס איז דער פאַשיזם.

אַזוי ווי אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד, באַמיען זיך די פּריווילעגירטע צו ווערבירן זייערע טרופּן צווישן די דעקלאַסירטע עלעמענטן פונעם קליינבירגערטום און פונעם פּראָלעטאַריאַט.

זינט לאַנג שוין האָט די רעאַקציע געהאַט אויפגעשטעלט אירע ליגעס. דער פאַשיזם האָט געוואָלט אויסנוצן די סטאַוויסקי־אַפערע — אַ פינאַנץ־סקאַנדאַל, אין וועלכן עס זיינען געווען קאָמפּראָמיטירט געוויסע פּאַרלאַמענטאַריער, זיך באַנוצנדיק מיט אַ צעיושעטער דעמאַגאָגיע, האָט דער פאַשיזם מיטאַמאָל זיך באַוויזן מיט זיין אמתן פּרצוף. דעם 6־טן פעברואַר 1934 האָבן די פאַשיסטישע פאַרשווערער זיך אַ לאָז געטאָן אויפן בורבאָן־פּאַלאַץ. די טאַפּאַזן 1) פון שטאָט־ראָט זיינען געגאַנגען אין דער ערשטער ריי פון די אויסוורפן, וועלכע האָבן געשריגן: „נידער מיט די גנבים!"

דאָס באַוויזן זיך פון באַוואָפנטע באַנדעס — „פייערקרייצלער" (קרוא דע פע), ראָיאַליסטן (קאַמעלאָ דע רואַ), „פּאַטריאָטישע יוגנט", „פראַנסיסטן" — זייערע געוואַלט־טאַטן, זייער ראַבירן האָבן מער סטימולירט דעם איינהייט־ווילן פון די אַרבעטנדיקע, ווי דאָס האָבן אויפגעטאָן אונדזערע איינהייט־פאָרשלאָגן אין משך פון 15 יאָר. די רציחה פון די פאַשיסטן, זייערע רופן צו מאָרד, זייערע האָס־אויסגעשרייען קעגן די אַרבעטער, וועמען זיי האָבן באַצייכנט אַלס לאָבוזעס און „סאַלאָפּאַרן" 2), זייערע העץ־קאַמפּאַניעס קעגן די רעפּובליקאַנישע אינסטיטוציעס, קעגן אַלץ, וואָס איז געווען געזונט און דערהויבן אינעם לאַנד, — דאָס אַלץ האָט צעמענטירט דעם פאָלקס־בלאָק, וואָס איז געווען אַנטשלאָסן נישט צו דערלאָזן אין פראַנקרייך די שאַנד און די גרויל פון פאַשיזם.

דער פאַשיסטישער פּוטש האָט פאַרטריבן די ראַדיקאַלן פון דער מאַכט און געבראַכט אַ רעגירונג, וואָס האָט געציילט צווישן אירע מיטגלידער פּע־

1) טאַפּאַז — אַ קאָרומפּירטער „שטאָט־טאַטע", לויטן נאָמען פונעם העלד פון אַ באַקאַנטער פּיעסע (באַמ. פון איבערז.).

2) אַ פראַנצויזיש זידל־וואָרט, בוכשטעבלעך — אויסוורפן (באַמ. פון איבערז.).

טען און לאַוואַל. „דער בונט פון די רעכטע איז געלונגען״ — האָט מיט טריאומף געשריבן אַ פאַשיסטיש בלעטל.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ פּירוס־זיג. די פאָלגן פון 6־טן פעברואַר זיינען געווען גענוי דער היפוך פון דעם, צו וואָס די רעאַקציע האָט געצילט. ביים ליכט פון די שרפות, וואָס די פאַשיסטישע באַנדעס האָבן אָנגעצונדן, איז עפּעס טאַקע געבוירן געוואָרן. אָבער דאָס איז געווען נישט די דיקטאַטור פון פעטען אָדער פון לאַ ראָק: דאָס איז געווען די אַקציע־אייניקייט פון פּראָלעטאַריאַט, דאָס איז געווען דער פאָלקס־פראָנט.

מיט אַ וואונדערבאַרן ענטוזיאַזם זיינען אויפן ערשטן סיגנאַל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די אַרבעטנדיקע פון פּאַריז אויפגעשטאַנען צום קאַמף. שוין דעם 6־טן פעברואַר שטעלן זיך 25.000 אַרבעטער אַנטקעגן די פאַרשווערער. דער דאָזיקער ערשטער אַרויסטריט באַרעכטיקט די ווייט־גייענדיקסטע האָפענונגען. די קאָמוניסטן זיינען גערעכט: די פאַשיסטישע דיקטאַטור איז לחלוטין נישט קיין אומפאַרמיידלעכער עטאַפּ. דער איינהייט־פראָנט פון די אַרבעטער נעמט זיך אויסשמידן אינעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף. געשטאַרקט דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער דערפאַרונג, וועט דער פּראָלעטאַריאַט פון פראַנקרייך באַווייזן, אַז אין הסכם מיט זיינע רומפולע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, איז ער דער ווירדיקער יורש פון די קעמפער פון דער קאָמונע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי רופט דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט צו רעאַגירן. דעם 9־טן פעברואַר שלאָגן זיך 50.000 אַרבעטער אין משך פון 5 שעה קעגן דער פּאָליציי, פון דעם רעפּובליק־פּלאַץ ביזן מזרח־וואָקזאַל, שרייענדיק: „סאָוויעטן אומעטום! נידער מיטן פאַשיזם!״ פיל סאָציאַליסטישע אַרבעטער פאַרלאָזן די לאָקאַלן, ווו מען האָט זיי געהאַלטן אין „אַלאַרם־צושטאַנד״, כדי צוצושטיין צו זייערע ברידער קאָמוניסטן. די איינוווינער פון די פאָלקס־קוואַרטאַלן, ווו עס קומען פאָר די קאַמפן, האַלטן אונטער די מאַניפעסטאַנטן.

אינעם קאַמף צו פאַרשטעלן דעם וועג דעם פאַשיזם פאַלן זעקס אַרבעטער. כבוד די דאָזיקע העלדן פונעם פּראָלעטאַריאַט! אין אָט דער אַוואַנגאַרד־שלאַכט האָט דער אַרבעטער־קלאַס געוויזן, אַז ער קען קעמפן. די שיסעריי, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אויפן פּאַריזער ברוק די טויטע קערפּערס פון קינדער פון פאָלק, האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן די טויזנטער נייע קעמפער. ניין, דער פאַשיזם וועט נישט דורכגיין! פון

דער איינהייט און פונעם קאַמף פון פראָלעטאַריאַט איז אָפּהענגיק, ער זאָל ווערן באַזיגט. דער דאָזיקער זיג וועט ווערן פולשטענדיק דערגרייכט דורכן בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט די מיטל־שיכטן, וואָס זיינען אויך באַדראָט אין זייער ווילשטאַנד און אין זייערע פרייהייטן.

די קאָמוניסטן האָבן געהאַט אָנגעהויבן דעם קאַמף. זייער איניציאַטיוו האָט גורם געווען דעם דערפאָלג פונעם גענעראַל־שטרייק פון 12־טן פעברואַר 1934 און די איבערגרופּירונג פון די פאָלקס־כוחות.

פיר און אַ האַלבער מיליאָן אַרבעטער פאַרלאָזן די אַרבעט. די מאַניפעסטאַציע פון קור דע ווענסען איז אַ רוף צו מאָביליזירן די כוחות. די פּראָלעטאַרישע קאָנטער־אָפענסיווע האָט מיט איר מעכטיקייט אומפאַרגלייכלעך איבערגעשטיגן די פלוצלונגדיקע אַטאַקע פון די פאַשיסטישע ליגעס. זי האָט געוויזן די תּלינים פון דער פרייהייט, אַז די קראַפט, דער מוט און די צוזאַמענגעשלאָסנקייט זיינען אויף דער זייט פונעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס אַרבעטנדיקע פראַנקרייך, דאָס פראַנקרייך פון ערלעכע פאָלקס־מענטשן איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם פאַשיזם, קעגן דער נויט, קעגן דעם קריג. סטימולירט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן די פראַנצויזישע אַרבעטער געוויזן די אַרבעטנדיקע פון גאָר דער וועלט, ווי אַזוי צו קעמפן ווירקזאַם קעגן דעם פאַשיזם: אויפשטעלן אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט אַ ברייטן אַנטיפאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט.

פון 26־טן יאַנואַר ביזן 10־טן פעברואַר 1934 איז פאָרגעקומען דער 17־טער קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד.

דעם זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד — האָט געזאָגט מיט קלאָרזעעוודיקייט און טיפזיניקייט אונדזער חבר סטאַלין — דאַרף מען באַטראַכטן ניט בלויז ווי אַ סימן פון דער שוואַכקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס און ווי אַ רעזולטאַט פון די פאַראַטן בנוגע דעם אַרבעטער־קלאַס מצד דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אָפּגערייניקט דעם וועג פאַרן פאַשיזם. מען דאַרף אים אויך באַטראַכטן ווי אַ סימן פון דער שוואַכקייט פון דער בורזשואַזיע, ווי אַ סימן דערפון, אַז די בורזשואַזיע איז שוין ניט בכוח צו געוועלטיקן מיט די אַלטע מעטאָדן פון פּאַרלאַמענטאַריזם און בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, און דאָס צווינגט זי אָנצוקומען אין איר אינערן־פּאָליטיק צו טעראָריסטישע רעגיר־מעטאָדן; ווי אַ סימן, וואָס באַשטעטיקט, אַז זי איז מער ניט בכוח צו געפינען אַן אויסוועג צו דער איצטיקער לאַגע אויף דער באַזע פון אַ פרידלעכער אויסערן־פּאָליטיק, און דאָס צווינגט זי אָנצווווענדן אַ מלחמה־פּאָליטיק 1).

1) י. סטאַלין: „פראַגן פון לעניניזם“, באַנד 2, זייט 139, פראַנצויזישע אויסגאַבע, „עדיסיאָן סאָסיאַל“, 1947.

פאַשיזם דאָס איז קריג. קאַמף קעגן פאַשיזם האָט באַדייט קאַמף קעגן קריג.

די לאַגע האָט אויסגעזען קלאָר: פון איין זייט די פאַרשאַרפונג פונעם קריזיס אין דער וועלט, וואָס שטויסט די קאַפּיטאַליסטישע מלוכ׳ות צו אַן אומברחמנותדיקן קאַמף צווישן זיך. פון דער צווייטער זייט — אין יעדן לאַנד באַזונדער — די פאַרקנעכטונג פונעם אַרבעטער־קלאַס, ׳דאָס איינפירן דעם טעראָר, מיטן ציל צו פאַרשטאַרקן דאָס הינטערלאַנד פון די קומענדיקע מיליטערישע פראָנטן.

דאָס פאַראורטיילן די דעמאָקראַטיע מצד די אָנפירנדיקע קליקעס און זייער געוואַלט־פּאָליטיק האָבן פאַר אונדז קלאָר אָנגעצייכנט אונדזער פּאָליטיק: עס איז נייטיק געווען צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע, מיטצורייסן דאָס קליינבירגערטום אין קאַמף פאַר ראַטעווען זיינע באַדראָטע פרייהייטן און רופן דעם פּראָלעטאַריאַט אונטערצושטיצן, צוגלייך מיט זיינע אייגענע אינטערעסן, אויך די אינטערעסן פונעם מיטלשטאַנד, וועלכער ווערט אָנגעגריפן און דערשטיקט דורך דעם גרויס־קאַפּיטאַל. פאַרטיידיקנדיק די רעפּובליק, האָבן מיר פאַרטיידיקט דעם אַרבעטער־קלאַס און געגרייט זיין צוקונפט.

שוין אין אָנהייב 1934 האָבן מיר אונטערגעשטראָכן די אַבסאָלוטע נייטיקייט פון אַ ברייטן איינהייטלעכן פראָנט, וואָס זאָל אַרומנעמען רעפּובליקאַנער, דעמאָקראַטן, ליבעראַלן, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן — פּראָלעטאַריאַט און מיטלשיכטן — און וועלכער זאָל זיך אַנטשיידן קעגנשטעלן דעם פאַשיזם. אָבער די סאָציאַליסטישע פירער האָבן אויסגעזוכט כלערליי אויסריידן און שטערונגען.

„די אָרגאַנישע איינהייט דורך צונויפגיסן ביידע פאַרטייען — האָבן זיי געטענהט — וואָלט בעסער געווען ווי די אַקציע־איינהייט ביי דער באַזונדערער עקזיסטענץ פון ביידע פאַרטייען. לאָמיר, אַלזאָ, דורכפירן די אָרגאַנישע איינהייט״. מיר האָבן דערויף געענטפערט, אַז דער בעסטער אופן צוצוגרייטן די פאַראייניקונג פון ביידע פאַרטייען, איז טאַקע די אַקציע־איינהייט.

די אַרבעטנדיקע זיינען געווען מיט אונדז.

געוויסע סאָציאַליסטישע פירער האָבן געוואָלט רעדוצירן דאָס ריזיקע פּראָבלעם פון פּראָלעטאַרישער איינהייט צו דער קליינלעכער מדרגה פון אַ וויכוח צווישן אָנפירער. זיי האָבן פאַרגעלייגט אָפּצושליסן די פאַר־

האַנדלונגען מיט אַ „נישט־אַנגריף“־פאַקט. זיי האָבן געזען אין דער אַקציע־איינהייט בלויז אַ מיטל אָפּצושטעלן אונדזער קריטיק לגבי זייער פּאַרטיי. מיר האָבן אויפגעקלערט, אַז עס האַנדלט זיך נישט אין ענינים פון אייגנ־ליבע, נאָר אין אָרגאַניזירן דעם געמיינזאַמען קאַמף. אַנשטאָט דעם „נישט־אַנגריף“־פאַקט, האָבן מיר פאָרגעלייגט אַן איינהייט־פאַקט פון קאַמף.

אין לאַנד האָט דער געמיינזאַמער קאַמף זיך שוין געהאַט אַנגעהויבן. דאָס געשריי: „אַקציע־איינהייט!“ וואָס איז געקומען פון צענדליקער טויזנטער מאַניפעסטאַנטן אין קור דע ווענסען, דעם 12־טן פעברואַר 1934, איז איבערגענומען געוואָרן דורך דער פּראָווינץ. עס האָט אָפּגעהילכט אומעטום, ווו דער קאָלאָנעל דע לאַ ראָק האָט צונויפגערופן זיינע באַנדעס, וואָס זיינען באַשטימט געווען צום בירגער־קריג.

מיר זיינען געווען אַנטשלאָסן צו ברענגען אַלע מעגלעכע קרבנות, כדי צו פאַרווירקלעכן די איינהייט. אויף אונדזער לאַנד־קאָנפערענץ אין איווּרי, אין יוני 1934, האָבן מיר געהאַט בלויז איין געדאַנק: פאַראייניקן.

די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן געזאָגט: „ווענדעט זיך נישט מיט פאָרשלאָגן פון געמיינזאַמער אַקציע צו אונדזערע מיט־גלידער, נאָר צו אונדז אַליין“. מיר האָבן געענטפערט: „אויב עס גייט בלויז אין דעם — וועלן מיר זיך ווענדן צו אייך ווידעראַמאָל“. זיי האָבן געזאָגט: „הערט אויף אונדז צו קריטיקירן“. מיר האָבן גע־ענטפערט: „מיר וועלן קריטיקירן די, וועלכע וועלן נישט אָפּהיטן אויף אַ לאַיאַלן אופן די אַקציע־איינהייט“.

מען האָט אונדז באַשולדיקט אין אומאויפריכטיקייט, אין וועלן „אַרומ־פליקן דאָס עוף“, ווי עס האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט אויף אונדזער פּאַ־ריזער קאָנגרעס אין 1922 אַ געוועזענער קאָמוניסטישער פירער, וואָס איז שפּעטער אַריבער צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אונדזער גוטער ווילן, אונדזער עקשנות האָבן אָפּגעלייקנט די דאָזיקע בייזוויליקע באַהויפּטונגען.

מיר האָבן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער פולער אַנטשלאָסנקייט גע־וואָלט די איינהייט.

די קאַמפן, די שלאַכטן, בעת וועלכע עס האָט, זינט דעם 9־טן פע־ברואַר, זיך געגאָסן דאָס בלוט פון אונדזערע 17 מאַרטירער, זיינען ערשט קוים אָן אָנהויב. אין דעם אָנגעהויבענעם וועט־לויף צווישן „אונדז“ און דעם „פאַשיזם“ וויל די בורזשואַזיע אונדז אַריבעריאָגן. און אויב אונדז וועט נישט געלינגען צו טאָן „מער, נאָך מער, וואָס אַמאָל אַלץ מער, פאַר דערגרייכן דעם איינהייט־פראָנט“, וועט דער פאַשיזם קענען בייקומען דעם אַרבעטער־קלאַס. מיר ווילן אָבער נישט, אַז דער פאַשיזם זאָל זיגן אין פראַנקרייך.

....„פאַר יעדן פרייז" ווילן מיר אַקציע.
„פאַר יעדן פרייז" ווילן מיר די אַקציע־אייגהייט 1).

די, וועלכע האָבן געפּרוווט דיסקוטירן, אַפּוראַרטן, זיך פּילפּלען, בעת דער שונא האָט געקלאַפּט אין די טויערן, האָבן דערמאָנט אין די ביזאַנטישע טעאָלאָגן, וועלכע האָבן געפירט וויכוחים איבערן געשלעכט פון די מלאכים, אין מאָמענט ווען דער פיינט איז געשטאַנען ביי דער טיר...

אין סען־דעפּאַרטעמענט האָבן די סאָציאַליסטישע פעדעראַציע און דער קאָמוניסטישער רעגיאָנאַלער קאָמיטעט געשלאָסן אַן אָפּמאַך. דעם 27־טן יולי 1934 איז אין אַ קליינעם זאַל פון רעסטאָראַן באַבוואַלע אויף בולוואַר די טאַמפּל אונטערגעשריבן געוואָרן דער פּאַקט פון אַקציע־אייגהייט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

דער פּאַקט האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז, קאָמוניסטן, אַ הייליקע פאַר־פליכטונג. די סאָציאַליסטן זיינען געווען אונדזערע ברידער; מיר האָבן זיך געפרייט מיט זייערע דערפאָלגן, אַזוי, ווי מיט אונדזערע. די אומגעהייערע מערהייט פון די סאָציאַליסטישע אַרבעטנדיקע האָט מיטן גאַנצן האַרצן געענטפערט אויף אונדזערע ברידערלעכע געפילן. אָבער אין אונדזערע באַציאונגען מיט זייערע פירער האָבן מיר געדאַרפט זיין טאָפּלט איינ־הייטלער: פאַר אונדז און פאַר זיי.

פאַר אונדז איז דער פּאַקט געווען ווייניקער אַן אָפּשלוס ווי אַן אָנהויב. מיר האָבן געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר דער איינהייט פונעם אַרבע־טער־קלאַס. איצט איז נייטיק געווען אויסצובריי‌טערן אונדזער בונד, אים אויסצושפּרייטן אויף די מיטל־שיכטן, כדי צו פאַרזיכערן די מפּלה פון פאַשיזם.

אויף דער קאָנפערענץ פון איווּרי האָב איך זיך באַמיט צו באַזיי־טיקן די מיספאַרשטענדעניש, וועלכע האָבן געקענט שטערן די ראַדי־קאַלן און די יעניקע פון זייערע פירער, וואָס זיינען געווען אויפריכטיקע רעפּובליקאַנער — זיך צו דערנענטערן צו אונדז. מיר האָבן גענומען אין באַטראַכט די נייע סיטואַציע. מיר האָבן אויסגעדריקט דעם ווילן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן. „די רעפּובליק — האָבן געזאָגט ענגעלס און לענין — איז די בעסטע רעגי־רונג־פאָרם פאַרן פּראָלעטאַריאַט אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם".

1) מאָריס טאָרעז: „דורך אַקציע־אייגהייט וועלן מיר באַזיגן דעם פאַשיזם". ז"ז 50—56 (יוני 1934).

איך האָב איבערגעחזרט די דערקלערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט 15 חדשים פריער אויף דער טריבונע פון דעפּוטאַטן־קאַמער: „מיר קאָמוניסטן האָבן ליב אונדזער לאַנד״ 1). מיר האָבן ליב אונ־דזער פראַנקרייך, דאָס קלאַסישע לאַנד פון רעוואָלוציעס, דאָס וויגעלע פון הומאַניזם און פון פרייהייטן. דאָס פּראָבלעם באַשטייט נישט אין אויסוויילן צווישן קאָמוניזם און פאַשיזם, האָבן מיר געזאָגט, נאָר צווישן פאַשיזם און דעמאָקראַטיע.

די דאָזיקע דערקלערונגען האָבן געהאַט אין לאַנד אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. די רעאַקציע האָט תיכף געביטן איר אַנגריף־טאַקטיק. ביז דעמאָלט האָט מען אונדז פאַרגעוואָרפן, אַז מיר זיינען מאַרקסיסטן־לעניניסטן. נאָך איצט האָט מען געקענט בייווייזן דעם פאָלגנדיקן לעכערלעכן ספּעק־טאַקל: דער מאַרקסיזם־לעניניזם האָט געפונען אומגעריכטע פאַרטיידיקער, וועלכע האָבן אונדז גאָר באַשולדיקט, אַז מיר האָבן פאַרגעסן די לערעס פון מאַרקסן און לענינען!

מיר האָבן פאַרטיידיקט די דעמאָקראַטישע פרייהייטן מיט נאָך מער אייפער, ווייל מיר ווילן, זיי זאָלן זיין וואָס ברייטער. די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — אָט די פולשטענדיקע דעמאָקראַטיע פאַרן פאָלק — איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די פּראַקטישע אַנווענדונג פונעם אויסרוף פון סען־זשיסט: „נישטאָ קיין פרייהייט פאַר די מערדער פון דער פרייהייט!״

דעם 9־טן אָקטאָבער 1934, אין זאַל בילליע אין פּאַריז, און דערנאָך דעם 24־טן אָקטאָבער אין נאַנט, ערב דעם קאָנגרעס פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, האָב איך פאַרגעשלאָגן צו שאַפן די איינהייט אין „אַ פאָלקס־פראָנט פאַר ברויט, פרייהייט און שלום״. צום ערשטן מאָל איז געוואָרפן געוואָרן די פאָרמול, וואָס האָט שפּעטער געפירט דאָס פאָלק פון פראַנק־רייך צו גרויסע דערפאָלגן.

איך האָב דערקלערט:

> ס'איז נישט אמת, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער באַלדיקער אויס־וואַל, ווי צווישן דער פּאָליטיק פון דער אַזוי גערופענער נאַציאָנאַלער איינ־הייט און דער סאָוויעטן־מאַכט. עס איז דאָ פּלאַץ פאַר אַ פאָלקס־פּאָליטיק, וואָס איז מסוגל צו רעהאַביליטירן די דעמאָקראַטיע דורך איבעראַנ־דערשן זי.

1) מאָריס טאָרעז: רעדע וועגן עלזאַס, „זשורנאַל אָפיסיעל״ פון 5־טן אַפּריל 1933. זייט 1862.

די רעאַקציע האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז דער פאָלקס־פראָנט וועט זיין בכוח צו צעברעכן די אַנגריפן פון פאַשיזם און עפּעגען אין אונדזער לאַנד אַן עפּאָכע פון פּאָליטישן און סאָציאַלן פּראָגרעס. זי האָט געפּרוווט אָפּ־שרעקן די ראַדיקאַלן, פּונקט ווי זי האָט געפּרוווט אָנוואַרפן אַ מורא אויף די סאָציאַליסטן.

די, וועלכע האָבן נאָך פריער געזידלט די ראַדיקאַלע פּאַרטיי, האָבן איצט איר גענומען געבן עצות; זיי האָבן מיט אַן ערנסטער מינע איר דערקלערט, אַז זי טאָר זיך נישט „קאָמפּראָמיטירן" מיט די קאָמוניסטן. דורך דראָאונג און חניפה האָט די רעאַקציע געפּרוווט אָפּהאַלטן די ראַדיקאַלע פּאַרטיי און אַרויסרופן אַ שפּאַלטונג אין אירע רייען.

מיר האָבן געטאָן אַלץ, כדי צונישט צו מאַכן די מאַנעוורען פון די שפּאַלטער. מיר האָבן זיך געשטעלט אַלס פּרינציפּ נישט אַריינצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פונעם פאָלקס־פראָנט. די קאָמוניסטן האָבן אַזוי אַרום געאַרבעט פאַר דער איינהייט צווישן רעפּובליקאַנער.

נאָכן דערפאָלג פונעם פאָלקס־פראָנט ביי די מוניציפּאַלע וואַלן און נישט געקוקט אויפן פאַרנעם פון דער מאַניפעסטאַציע פון 14־טן יולי 1935, האָבן די פינאַנץ־מאַגנאַטן און זייערע אַגענטן זיך נאָך נישט אַנערקענט פאַר באַזיגט. זיי האָבן געזאָגט: „דער פאָלקס־פראָנט האָט געקענט געשאַפן ווערן קעגן עפּעס, ער וועט אָבער זיין אומפעאיק איינצוהאַלטן זיין איינקייט, כדי צו רעאַליזירן עפּעס קאָנקרעטעס. ער וועט זיך פונאַנדערפאַלן, ווען עס וועט זיך האַנדלען אין צונויפשטעלן אַ פּראָגראַם".

דאָס אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין אַ בשותפותדיקער פאַר דער סאָציאַליסטישער, ראַדיקאַלער און קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט נאַטירלעך פאַרגעשטעלט מיט זיך שוועריקייטן. עס וואָלט אוממעגלעך געווען זיי ביי־צוקומען, ווען יעדע פּאַרטיי וואָלט געוואָלט אויפצווינגען איר אייגענעם פּראָגראַם.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט איר פּראָגראַם, וואָס צילט איבערצו־בויען די געזעלשאַפט. זי פאַרנאַכלעסיקט אָבער נישט צוליב דעם די באַלדיקע פאָדערונגען פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן כאַראַקטער. אויף דער באַזע פון אָט די באַלדיקע פאָדערונגען איז מעגלעך געווען אַ הסכם. איינהייט פאָדערט קעגנזייטיקע קאָנצעסיעס. די סאָציאַליסטישע פירער, און נעמלעך פאַל פאָר, האָבן כלומרשט אויסגעפונען, אַז מיר זיינען „אומ־

דרייסט" און „אַפּאַרטוניסטיש". אַזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויפשטעלן אַן אַקציע־פּראָגראַם, האָבן מיר געוואָלט, ער זאָל זיין נישט קיין קאַטאַלאָג פון צוזאָגן, וואָס זיינען באַשטימט אַריינצוכאַפּן די וויילער, נאָר אַ סכום פון גענויע פאַרפליכטונגען.

די, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַלס די סאַמע דרייסטע אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך געהאַנדלט בלויז אין אַלגעמיינע פאָרמולן, זיינען געוואָרן שטאַרק צוריקגעהאַלטן, ווי נאָר מען האָט גענומען רעדן קאָנקרעט וועגן באַשטימטע פאָדערונגען. די זעלבע, וועלכע האָבן אונדז פאַרגעוואָרפן אונדזער מעסיקייט ביים אויסאַרבעטן דעם געמיינזאַמען פּראָגראַם, האָבן אונדז דערנאָך פאַרגעוואָרפן אונדזער פאַרעקשנטקייט, ווען מיר האָבן פאַרלאַנגט אים אָנצווענדן אויף אַ פולשטענדיקן אופן.

דער געמיינזאַמער פּראָגראַם האָט געפאָדערט אַן אַלגעמיינע אַמנעסטיע, דאָס אַנטוואָפענען און דאָס פאַקטישע פונאַנדערלאָזן די פאַשיסטישע ליגעס, דאָס אָפּשאַפן די שענדלעכע פּרעסע־געזעצן, דאָס אָנווענדן און אָפּהיטן די סינדיקאַלע רעכט פאַר אַלע. ער האָט פאַרלאַנגט די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער קריגס־אינדוסטריע, אַן אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט אין די ראַמען פון פעלקער־בונד, אַן אויסברייטערונג פון פאַקטן־סיסטעם, וואָס זאָל זיין אָפן פאַר אַלע, ער האָט אויך גערופן צום קאַמף פאַרן שלום.

אין עקאָנאָמישער הינזיכט האָט דער פּראָגראַם פאַרלאַנגט: אויפהייבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די מאַסן, שאַפן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטלאָזיקייט־פאָנד, פאַרקלענערן די אַרבעט־וואָך, פּענסיעס פאַר אַלטע אַרבעטנדיקע, רעוואַלאָריזירן די פּרייזן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, רעווידירן די קריגס־טראַנזאַקציעס; אַ שטייער־רעפאָרם פון אַ דעמאָקראַטישן כאַראַקטער.

אַט דאָס זיינען געווען די הויפּט־שטריכן פונעם פּראָגראַם פון פאָלקס־פראָנט. נישט געקוקט אויפן וואָל־זיג פון 1936, איז דער פּראָגראַם אין אַ גרויסער מאָס געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר. פאַרוואָס? ווייל מיר האָבן נישט באַוויזן גובר צו זיין די פיינטלעכע שטעלונג פון די סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע פירער, וועלכע האָבן נישט דערלאָזט אויסצווויילן קאָמיטעטן פון פאָלקס־פראָנט אין די פאַבריקן און אין די דערפער. מיר האָבן נישט באַוויזן אַדורכצופירן די אידיי פון אַ לאַנד־קאָנגרעס פונעם פאָלקס־פראָנט, וואָס זאָל זיין צונויפגעשטעלט פון דעלעגאַטן, אויסגעוויילטע אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער באַזע. אַ לאַנד־קאָמיטעט, באַשטימט דורך אַזאַ קאָנגרעס, וואָלט אַכטונג געגעבן, אַז דער פּראָגראַם זאָל ווערן אָנגעווענדן.

דער פאָלקס־פראָנט, וואָס איז געקומען אַדאַנק אונדזער טרעפלעכער איניציאַטיוו און וואָס האָט געהאַט זייער פּאָזיטיווע זייטן, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטן אָפּמאַך פון די שפּיצן.

* * *

מיר האָבן פאַרגעזעצט גלייכצייטיק אונדזערע אָנשטרענגונגען אויסצוברייטערן דעם פאָלקס־פראָנט און אונדזערע באַמיאונגען צו פאַרפעסטיקן די אַרבעטער־איינהייט. מיר האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר פולער איינהייט אין איין פאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס. עס איז געווען נייטיק צו באַשטימען די הויפּט־פּרינציפּן פון דער איינהייטלעכער פאַרטיי.

פון איין זייט האָט די פאַרעטערישע פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געהאַט דערפירט צו די מפּלות פון פּראָלעטאַריאַט אין מערערע לענדער, און נעמלעך צו דער איינשטעלונג פון דער נאַצי־דיקטאַטור אין דייטשלאַנד. פון דער צווייטער זייט, האָט די רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן דערפירט צו דער סאָוויעטישער דעמאָקראַטיע, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם. און צולעצט, עס איז אוממעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן די איינהייטלעכע פאַרטיי אָן אַ פריי־אָנגענומענער, שטרענגער דיסציפּלין, וועלכע זאָל זיין גילטיק פאַר אַלע.

דאָס אויסאַרבעטן די איינהייט־שאַרטע וואָלט געקענט שנעל פאָרויסגיין. אָבער די סאָציאַליסטישע פירער זיינען קיינמאָל נישט מסכים געווען אויף אַ דיסקוסיע, וואָס זאָל פאַרגעזעצט ווערן געמיינזאַם אין די אָרגאַניזאַציעס אויף דער באַזע; זיי זיינען נישט מסכים געווען צו פאַרעפנטלעכן די דעבאַטן, וואָס מיר האָבן געפירט אינערהאַלב דער „פאַראייניקונג־קאָמיסיע“.

* * *

דער באַוווסטזיניקסטער טייל פון די לוין־אַרבעטער איז שוין זינט לאַנג אָרגאַניזירט אין די סינדיקאַטן. די צילן פון סינדיקאַט זיינען: פאַרטיידיקן די קאָרפּאָראַטיווע, מאַטעריעלע און מאָראַלישע אינטערעסן קעגן די פּאַטראָנען; קאַמף פאַר פאַרבעסערן דעם גורל פון אַרבעטער־קלאַס. דער סינדיקאַט קען, אַלזאָ, גרופּירן אין זיינע רייען אַלע לוין־אַרבעטער, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע מיינונגען און רעליגיעזן גלויבן.

אויף צומאָרגנס נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן די סאָציאַליסטישע פירער, מיט דימולען אין דער שפּיץ, גענומען זייען צעשפּליטערונג אין די

סינדיקאַטן. צוויי צענטראַלע סינדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס (ס. זש. ט.) האָבן צווישן זיך געקעמפט פאַר געווינען דעם איינפלוס אויפן אַרבעטער־קלאַס. די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט אונטערגעשטיצט די אָנשטרענגונגען פון די אַרבעטער־טוער און פון די אוניטערע, קאָנפעדעראַלע און אויטאָנאָמע סינדיקאַטן, כדי אַ סוף צו מאַכן צו דער שפּאַלטונג. די דאָזיקע אָנשטרענגונגען האָבן סוף כל סוף דערפירט צום אָפמאַך פון 27־טן סעפּטעמבער 1935, דערנאָך — צו די באַשלוסן פונעם פאַראייניקונגס־קאָנגרעס פון טולוז (פעברואַר 1936) און צום ווידעראויפשטעלן פון איין ס. זש. ט., וועלכע האָט קורץ דערנאָך גרופּירט 5 מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

* * *

פון 22־טן ביזן 25־טן יאַנואַר 1936 איז פאָרגעקומען אין ווילערבאַן דער 8־טער קאָנגרעס פון אונדזער פאַרטיי. ער האָט צוגעגרייט דעם זיג פונעם פאָלקס־פראָנט ביי די פּאַרלאַמענט־וואַלן.

די מוניציפּאַלע וואַלן אין מאַי 1935 און די קאַנטאָנאַלע וואַלן פון סעפּ־דעפּאַרטעמענט האָבן שוין געהאַט געבראַכט צום אויסדרוק דעם אויפשטייג פון די דעמאָקראַטישע כוחות. אין מאָמענט, ווען אונדזער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען, האָט מען שוין געקענט פאָרויסזען אַ גרויסן דערפאָלג ביי די וואַלן פון אַפּריל 1936.

פאַר די דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען פון אַלע געגנטן פון לאַנד, האָב איך דערמאָנט, אַז אונדזערע וווּנדערבאַרע נאַציאָנאַלע רייכטימער געפי־נען זיך אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטישע אָליגאַרכיעס, און אַז אַזוי אַרום איז פראַנקרייך, וואָס איז איינס פון די רייכסטע און שענסטע לענדער אין דער וועלט, אין אַ צושטאַנד פון ירידה אָנשטאָט צו גיין פאָרויס; עס איז צעריסן אָנשטאָט צו זיין געאייניקט, שוואַך אָנשטאָט צו זיין מעכטיק.

אין פאַרלויף פון גאַנצן 19־טן יאָרהונדערט האָט די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם געפירט צום אַנטשטיין פון אַ מין נייער פעאָדאַלער קליקע, דער קליקע פונעם געלט, וואָס הגם זי איז קלענער אין צאָל, איז זי אָבער מעכטיקער ווי די אַלטע, לאַנד־באַזיצערישע פעאָדאַליטעט. די קאַפּיטאַליסטן עקספּראָפּריאירן די האַנטווערקער; די שטאַרקערע פון זיי באַרויבן די וויניקער שטאַרקע. די קאַפּיטאַליסטישע קאָנצענטראַציע, וואָס ברענגט אום צאָלרייכע אונטערנעמונגען, מאַכט נאָך מעכטיקער די, וואָס בלייבן. ריזיקע פאַבריקן באַשעפטיקן אומגעהייערע מאַסן אַרבעטער.

**די רייכטימער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער אַרבעט פון דורות פראַנצויזן, זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך אַ פּאַראַזיטישער מינדערהייט, וועלכע נוצט דאָס אויס בלויז פאַר אירע אייגענע אינטערעסן און דאָס פראַנצויזישע פאָלק ליידט פון אַרבעטלאָזיקייט, דחקות און נויט.**

**ווער זיינען זיי, אָט די האַרן פון פראַנקרייך?**

פאַראַן היינט אין פראַנקרייך 50.000 אַקציע־געזעלשאַפטן, צו וועלכע מען דאַרף צוגעבן אייניקע הונדערט פּריוואַטע בענק און עטלעכע טויזנט אינדוסטריעלע גרופּירונגען, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן די פאָרם פון דירעקט־פּערזענלעכע שותפותן.

וויפל אָבער געפינען זיך ביים הויפּט־רודער? אַ דרייסיק פינאַנץ־געזעלשאַפטן, אַן ערך אַזויפיל אין דער מעטאַלורגיע, אַ צוואַנציק קוילן־ און אַנדערע גרובן־אונטערנעמונגען; אַ דרייסיק עלעקטריע־געזעלשאַפטן, אַ צוואַנציק פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן, אַ צענדליק געזעלשאַפטן פון דער כעמישער אינדוסטריע, אַ צענדליק אונטערנעמונגען פון וואַסער־ און גאַז־לייטונג און צולעצט, די גרויסע געזעלשאַפטן פון אייזנבאַן־ און ים־פאַרקער — אין סך הכל צוויי הונדערט געזעלשאַפטן, צוזאַמענגרופּירטע, אַדורכגעפלאָכטענע צווישן זיך, און וואָס בילדן, איבער דער גאַנצער מאַסע פון אַקציע־געזעלשאַפטן און אינדוסטריעלע און האַנדלס־גרופּירונגען, — די פינאַנציעלע אָליגאַרכיע.

אין שפּיץ פון די אַדמיניסטראַטיווע ראַטן פון די דאָזיקע צוויי הונדערט פּריווילעגירטע געזעלשאַפטן געפינען זיך תמיד די זעלבע צוויי הונדערט פון זייערע רייכסטע אַקציאָנערן — די אָנפירער פון די „צוויי הונדערט משפחות, וועלכע באַהערשן די ווירטשאַפט און די פּאָליטיק פון פראַנקרייך”.

די מאַגנאַטן פון דער פינאַנץ־וועלט און פון דער אינדוסטריע זיינען אין דער זעלבער צייט די אַדמיניסטראַטאָרן פון די פיר גרויסע קרעדיט־אַנשטאַלטן מיט זייערע פילצאָליקע פיליעס: „קרעדי ליאָנע”, „סאָסיעטע זשענעראַל”, „קרעדי' ענדוסטריעל ע קאָמערסיאַל” און „קאָנטואַר ד'עסקאָנט”. פון זיי שטאַמט אַ העלפט פון די רעגענטן פון דער „באַנק דע פראַנס”: דע וואַנדעל פון „קאָמיטע דע פאָרזש” (מעטאַל־ און שטאָל־אינדוסטריע); דע וואָגיע פון דער כעמישער אינדוסטריע פון סען־גאָבען; דישמען פון די קילמאַן־פאַבריקן; פּולענק און טינאַרדאָן פון דער כעמישער אינדוסטריע; דאַרבלעי פון דער פּאַפּיר־אינדוסטריע. די אַנדערע רעגענטן פון „באַנק דע פראַנס”, אַחוץ די דריי באַאַמטע פון פינאַנץ־מיניסטעריום — זיינען גרויסע באַנקירן, וועלכע פאַרנעמען זייער פּאָסטן בירושה פון פאָטער צו זון אָדער צו איידעם, אָדער צו אַ שותף פון זייער דינאַסטיע: ראָטשילד, האָטינגער, מאַלע, מיראַבאָ, דע נעפליז, און זינט נישט לאַנג, — דאַוויד ווייל פון דער באַנק „ברידער לאַזאַר”.

די מאַלע'ס זיינען געוועזן פאַרטראָטן אין רעגענטן־ראַט, אָן איבעררייס, זינט דער גרינדונג פון דער „באַנק דע פראַנס” דורך באָנאַפּאַרטן מיט 135 יאָר צוריק. די האָטינגערס געפינען זיך דאָרט זינט 1803.

פראַנקרייך האָט זינט 130 יאָר דורכגעמאַכט דריי רעוואָלוציעס. זי האָט פינף מאָל געביטן איר פּאָליטישן רעזשים. אין משך פון אָט די אַלע



אין דער סאַנטעי־תפיסה (יולי 1929)

עס זיצן פון לינקס אויף רעכטס: פּיער לאַקאַן, רעדאַקטאָר פון דער „הימאַניטע״, דערשאָסן דורך די דייטשן, דעם 11־טן אויגוסט 1942; גאַבריעל פּערי, רעדאַקטאָר פון דער „הימאַניטע״, דערשאָסן דורך די דייטשן, דעם 15־טן דעצעמבער 1941; מאָריס טאָרעז; אַנדרעי מאַרטי, דעפּוטאַט; אין פאָדער־גרונט: פּאָל וואַיאַן־קוטיריע, דעפּוטאַט.

פאַרשידענע אומוואַנדלונגען, קאַטאַסטראָפעס און איבערקערענישן, זיינען בלויז די האַרן פון דער פינאַנץ־מאַכט געבליבן די זעלבע, פאַרקערפּערנדיק, אונטער אָט די אַלע רעזשימען, די הערשאַפט פונעם קאַפּיטאַל.

די צוועלף רעגענטן פון דער „באַנק דע פראַנס" זיינען אויך די אַדמי־ניסטראַטאָרן פון פינף און ניינציק געזעלשאַפטן, אין וועלכע זיי פאַרנעמען הונדערט פופציק פּלעצער. די דאָזיקע פינף און ניינציק געזעלשאַפטן פאַר־טיילן זיך אויף פאָלגנדיקן אופן:

31 פּריוואַטע בענק;
8 פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן;
9 אייזנבאַן־געזעלשאַפטן;
8 אונטערנעמונגען פון ים־פאַרקער;
7 מעטאַלורגיע־געזעלשאַפטן;
6 עלעקטריע־געזעלשאַפטן;
8 גרובן־געזעלשאַפטן;
12 כעמישע אונטערנעמונגען;
6 פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

דער גאַנצער קאַפּיטאַליזם האָט דאָ זיין הויך־פּונקט. ווען די רעגענטן פאַרזאַמלען זיך, שפּרייטן זיך אויס זייערע שפּיר־פעדים איבערן גאַנצן לאַנד; קיין שום אָפּשניט פון דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט קען נישט אויסמיידן זייער קאָנטראָל און זיך אויסבאַהאַלטן פון זייער בליק. זיי זיינען די אמתע האַרן פון לאַנד. זיי גיבן אָדער זאָגן אָפּ קרעדיטן פאַר דער רעגירונג, הלוואות פאַר בענק אָדער אונטערנעמונגען. זיי דיס־קאָנטירן אָדער וואַרפן אָפּ די מלוכהשע ווערט־פּאַפּירן. זיי מאַניפּולירן מיט דער וואַלוטע פון לאַנד. זיי שיצן דעם פראַנק אָדער רויִנירן אים, שפּילנדיק אויף האָסע אָדער בעסע. זייערע באַשלוסן זיינען, קודם כל, באַוויגן דורך דער זאָרג פאַר די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, פון די פּריוואַטע בענק, פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע, וועמענס מאַנדאַטירטע פאַרשטייער זיי זיינען.

אָט דאָס איז דער כוח, וועלכער באַצווינגט די רעגירונג און דיקטירט איר זיין ווילן. ער וואַרפט אַראָפּ מיניסטאָרן, ברעכנדיק דעם ווילן פון דער פאָלקס־מאַכט... ער צווינגט עס אויף דעם פאָלק פון פראַנקרייך רעגי־רונגען, וועלכע דינען דעם קאַפּיטאַל 1).

אונדזער קאַמף קעגן די 200 משפחות איז דער קאַמף פאַר דער עצם צוקונפט פון פראַנקרייך. כדי צו פאַרזיכערן די דאָזיקע צוקונפט, דאַרפן מיר פאַראייניקן די פראַנצויזישע נאַציע קעגן די אָליגאַרכיעס, וואָס עקספּלואַטירן זי. די אַזוי באַאומרואיקנדיקע דערשיינונג פון דער געבורטן־פאַרמינערונג איז געבונדן מיטן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים...

די אַרבעטער און פּויערן האָבן מורא, נישט פאַר האָבן שיינע, קרעפטיקע, באַגאַבטע קינדער, נאָר פאַר ברענגען אויף דער וועלט

1) מאָריס טאָרעז: „אַ פּאָליטיק פון פראַנקרייכס גרויסקייט", ז"ז 26—28, פּאַריז 1945.

אָרעמע ווענס, וואָס וועלן פונקט ווי זייערע עלטערן, אָפּבידעווען אַ גאַנץ לעבן אין נויט און וואָס וועלן אפשר, אַ געווייסן טאָג, אַוועקגיין שטאַרבן אין עלטער פון צוואַנציק יאָר פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער פייער־קאָסע פון זייערע האַרן 1).

די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער דעפלאַציע און קעגן דער דעוואַלואַציע, פאַרלאַנגענדיק, אַז צאָלן זאָלן די רייכע און פאַרלייגנדיק אַן אויסעראָרדנטלעכן פּראָגרעסיוון שטייער אויף די גרויסע פאַרמעגנס: 3 פּראָצענט, אָנהייבנדיק פון 500 טויזנט פראַנק, ביז 20 פּראָצענט פאַר אַ פאַרמעגן פון איבער 50 מיליאָן. מיר האָבן דערמאָנט דעם פאָלגנדיקן טעקסט פון מאַרקסן:

דער פּראָגרעסיווער שטייער איז נישט בלויז אַ בורזשואַז מאָסמיטל, וואָס איז רעאַליזירבאַר אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע פּראָדוקציר־פאַרהעלטענישן אין אַ מער אָדער ווייניקער גרעסערן מאָסשטאָב; דאָס איז אויך דאָס איינציקע מיטל צוצובינדן די מיטעלע שיכטן פון דער בורזשואַ־זער געזעלשאַפט צו דער „אָנשטענדיקער" רעפּובליק, דאָס איינציקע מיטל צו פאַרקלענערן דעם מלוכה־חוב, צו צעקלאַפּן די פּלענער פון דער אַנטי־רעפּובליקאַנישער מערהייט פון דער בורזשואַזיע 2).

אין מיין באַריכט פּראָקלאַמיר איך, אַז די קאָמוניסטן, אָט די אינטער־נאַציאָנאַליסטן, זיינען באַרעכטיקט צו זיין שטאָלץ מיט דער הערלעכער פאַרגאַנגענהייט פון זייער לאַנד, שטאָלץ מיט זייערע רומפולע יידעס פון 1793, שטאָלץ מיט די קעמפער פון פעברואַר און יוני 1848, שטאָלץ מיט די העלדן פון דער קאָמונע.

זיי האָבן די זעלבע פאַרערונג און אָנערקענונג פאַר דער פויערן־מאַסע, פאַר די פּראָלעטאַריער און פאַר דער אינטעלעקטועלער עליטע, וואָס האָבן געשאַפן די גרויסקייט און דעם רום פון אונדזער לאַנד.

די קאָמוניסטן שטעמפלען און באַקעמפן די אַלע, וואָס שטעלן אין גע־פאַר די אַנגעזאַמלטע נאַציאָנאַלע ירושה און וואָס שטויסן דאָס לאַנד צו ירידה. מיר זיינען די עכטע יורשים פונעם רעוואָלוציאָנערן גע־דאַנק פון די ענציקלאָפּעדיסטן פון 18־טן יאָרהונדערט, פונעם פילאָ־זאָפישן מאַטעריאַליזם פון דידראָ, העלוועציוס, האָלבאַך. מיר זעצן פאָר די יחוס־קייט פון די, וועלכע האָבן געקעמפט אין אַוואַנגאַרד פון דער

1) מאָריס טאָרעז: „אַ פּאָליטיק פון פראַנקרייכס גרויסקייט", ז. 40.
2) קאַרל מאַרקס: „דער קלאַסן־קאַמף אין פראַנקרייך", זייט 58, „עדיסיאָן סאָסיאַל" 1948.

מענטשהייט, אין דער צייט, וואָס די אונטערגייענדיקע בורזשואַזיע קוועלט אַן פון די מוח־גריבלענישן פון די עסטעטן, וואָס דערמאָנען אין די קליינ־לעכע פּרעטענציעזע סנאָבן פונעם אַלטן רעזשים.

קעגן די פּאַראַזיטן, קעגן די פּאַרעמער, ווילן מיר די איינהייט פון דער פּראָנצוויזישער נאַציע. מיר האָבן צוגענומען די מאַרסעליעזע ביי די אייניקלעך און פּאַרזעצער פון די קאָבלענץ־עמיגראַנטן. די מאַרסעליעזע האָט אַרויסגעשפּרודלט פון די סאַמע אינגעווייידן פונעם רעוואָלוציאָ־נערן פּראַנקרייך פון 1792, פונעם פּראַנקרייך פון די יאַקאָבינער און זשיראָנדיסטן, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן די קעניגן און פעאָדאַלן. זי איז דער פלאַמיקער אויסדרוק פונעם רעוואָלוציאָנערן ווילן פון פאָלק, פון זיין שוווּנג, פון זיין העראָאיזם; זי איז די רעוואָלוציע גופא.

צולעצט, באַהאַנדלענדיק די אינערלעכע פּראָבלעמען פון דער פּאַר־טיי, האָב איך פעסטגעשטעלט: אונדזער פּאַרטיי האָט זיך פּאַרהאַרטעוועט אינעם קאַמף. מען דאַרף אָבער טאָן מער און בעסער. עס איז נייטיק, זי זאָל ווערן אַ גרויסע מאַסן־פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון די מאַסן. מיטן צו־פלוס פון נייע מיטגלידער האָט דאָס פּראָבלעם פון קאַדערן באַקומען אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג.

וואָס דאַרפן מיר נעמען אין באַטראַכט ביים אויסוואַל פון די קאַדערן?

ערשטנס: די טיפסטע איבערגעגעבנקייט פאַר דער זאַך פון דעם אַרבע־טער־קלאַס, די געטריישאַפט פאַר דער פּאַרטיי, — אַ געטריישאַפט, וואָס איז אויסגעפּרווּט אין קאַמפן, תפיסות און נסיונות;

צווייטנס: די ענגסטע פאַרבינדונג מיט די מאַסן. נישט קיין פּעדאַנ־טישע דאָקטרינערן, נאָר פּאָפּולערע פירער, וועלכע קענען גוט די מאַסן און זיינען גוט באַקאַנט צווישן זיי;

דריטנס: אַ חוש פאַר איניציאַטיוו און אַן אחריות־געפיל, די פעאיקייט זיך שנעל צו אָריענטירן און אָנצונעמען אַליין אַ באַשלוס אין אַלע סיטואַ־ציעס. ווער עס האָט מורא צו נעמען אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז נישט קיין אָנפירער. ווער עס קען נישט אַרויסווייזן קיין איניציאַטיוו איז נישט קיין באָלשעוויק;

פערטנס: אַ גייסט פון דיסציפּלין און באָלשעוויסטישע פעסטקייט אַזוי גוט אינעם קאַמף קעגן קלאַסן־שונא ווי אין דער אָנפשרהדיקייט לגבי אַלע אָפּנייגן פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם, און אין דער אָנטשלאָסענער אָנווענדונג פון אַלע באַשלוסן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך די רעגולערע אָרגאַ־ניזמען פון דער פּאַרטיי 1).

איך האָב פאַרענדיקט מיין באַריכט מיט אַ לאָזונג, וואָס דריקט אויף אַזוי ווייט אויס דעם טיפן ווילן פון די פראַנצויזן, אַז אַלע פּאַרטייען האָבן

1) דאָרט, זייט 100.

געפרווט אים איבערנעמען: „זאָל לעבן אַ פריי, שטאַרק און גליקלעך פראַנקרייך!‟ פון אַלע פּאַרטייען אָבער איז בלויז אונדזער פּאַרטיי פע־איק צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע לאָזונג אין אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט. אָט פאַרוואָס מיר גיבן צו:

„...ווי עס ווילן און ווי דאָס וועלן פאַרווירקלעכן די קאָמוניסטן‟.

קאפיטל 4.

# דער פאָלקס־פראָנט

**אַ רעדע דורכן ראַדיאָ. — די אויסגעשטרעקטע האַנט. — די וואַלן פון 1936. — די קאָמוניסטישע מוניציפּאַליטעטן. — די בלום־רעגירונג. — די שטרייקן און די פאַבריק־באַזעצונגען. — די פּאַרטיי און דאָס אייגנטום. — מען דאַרף וויסן ווען צו ענדיקן אַ שטרייק. — די מיטל־קלאַסן. — די איינהייט פון דער פראַנצויזישער נאַציע. — די „מאַרסעליעזע". — טרייהאַפט צום פּראָגראַם. — די דעראָבערונגען פון יוני 1936. — „זאָלן צאָלן די רייכע!"**

עטלעכע טעג פאַר די פּאַרלאַמענט־וואַלן, אין אָוונט פון 17־טן אַפּריל 1936 האָב איך געהאַלטן אַ רעדע דורך דעם פּאַריזער ראַדיאָ. צום ערשטן מאָל איז אַ מלוכהשע ראַדיאָ־סטאַציע געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פראַנצויזן פון אַלע שיכטן געפינען זיך ביי די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אונדזערע קעגנער, קאָנצענטרירנדיק אויף אונדז דאָס גאַנצע פייער, האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די אַלגעמיינע נייגעריקייט. אַלע ווילן וויסן, ווער מיר זיינען און וואָס מיר ווילן — מיר, וואָס האָבן איצט, 3 חדשים נאָכן ווילערבאַנער קאָנגרעס, דערגרייכט די צאָל פון 100.000 מיטגלידער.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט מיך באַאויפטראַגט צו וואַרפן דעם גרויסן רוף צו אַ פרידלעכער פאַרשטענדיקונג פונעם פראַנצויזישן פאָלק. עס איז נייטיק מיר זאָלן זיך באַווייזן פאַר אַלע פראַנצויזן מיט אונדזער אמתן פּנים פון „אַנהענגער פונעם ריינסטן און נאָבעלסטן אידעאַל, צו וועלכע מענטשן קענען שטרעבן".

איך שילדער צוערשט די מאַטעריעלע און גייסטיקע נויט, אין וועלכער די קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטור און דער קריזיס האָבן אַריינגעוואָרפן

דאָס פאָלק. געשלאָסענע פאַבריקן, אַרבעטלאָזיקייט, אַרבעטער־נויט, צוריקגאַנג פון דער לאַנדווירטשאַפט, געבורטן־פאַרמינערונג, אומגליקלעכע קינדער, מאָראַלישע ירידה, קולטורעלע דעקאַדענץ — אָט דאָס אַלץ אַנטפלעקט זיך פאַר אונדזער פאַראומערטן בליק, אין דער צייט, ווען אַ בעסער־אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט וואָלט געקענט געבן אַלע איינוווינער פון פראַנקרייך די מעגלעכקייט צו לעבן גליקלעך אויף זייער פרוכטבאַרן באָדן, אַרומגערינגלט פון אַ שפע רייכטימער, וואָס ווערן זיי געשאָנקען דורך אַ ברייטהאַרציקער נאַטור אָדער וואָס קומען פון די אָנשטרענגונגען פון אַן אַרבעטזאַמער באַפעלקערונג.

די קאָמוניסטן ווילן פאַרזיכערן דעם ווילשטאַנד, די ווירדע, די גרויסקייט, די שטראַלנדיקע צוקונפט פון זייער פאָטערלאַנד. זיי ווילן עס ראַטעווען פון חורבן און פאַרשקלאַפונג. זיי זיינען די אמתע קינדער פון אַ פאָלק, וואָס האָט באַוויזן צו דעראָבערן און אויפצוהאַלטן זיינע פרייהייטן פאַרן פרייז פון אַ דורות־לאַנגן קאַמף קעגן די כוחות פון אונטערדריקונג און רעאַקציע.

> פון דער באַפרייאונג פון די שטאָטישע געמיינדעס און פון די פויערן־אויפשטאַנדן פון מיטלאַלטער ביז דער גרויסער רעוואָלוציע און דערנאָך ביז די פאָלקס־אויפשטאַנדן פון 1830 און 1848 און ביז צו דער פאַריזער קאָמונע, האָט תמיד דער זעלבער פאַרלאַנג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און דערזעלבער דורשט נאָך פרייהייט, באַלעבט און באַוויגן דאָס פאָלק פון פראַנקרייך 1).

די קאָמוניסטן דערקלערן:

> נישט אין רוים, נישט אין בערלין, נישט אין קיין שום פרעמדער הויפט־שטאָט, אַפילו נישט אין מאָסקווע, — וואָס אונדזער טיפע צוגעבונדנקייט צו איר זוכן מיר נישט צו באַהאַלטן — וועט זיך אַנטשיידן דער גורל פון אונדזער פאָלק. ער וועט זיך אַנטשיידן אין פאַריז 2).

איך רעזומיר אונדזער אַקציע־פראָגראַם: אַנטוואָפענען און פונאַנדערלאָזן די פאַרשווענדערישע ליגעס, וואָס שטייען אין דינסט פון אויסלענדישן פאַשיזם; פאַראייניקן אַלע שלום־כוחות, כדי צוריקצושטויסן די קריגס־געפאַר; פאַרלייכטערונגען פאַר די נישט־פאַרמעגלעכע שיכטן; ראַטעווען דעם פראַנק דורך אַן אויסעראָרדנטלעכן שטייער אויף די גרויסע פאַרמעגנס. און אָט איז דער אויספיר:

---

1) מאָריס טאָרעז: פאַר אַ פריי, שטאַרק און גליקלעך פראַנקרייך, רעדע געהאַלטן אין פאַריזער ראַדיאָ, דעם 17־טן אַפריל 1936. ז. 6.

2) דאָרט, ז״ז 9 און 10.

מיר, וואָס זיינען אָנהענגער פון וועלטלעכקייט, שטרעקן אויס די האַנט צו דיר, קאַטאָליק — אַרבעטער, אָנגעשטעלטער, האַנטווערקער, פויער — ווייל דו ביסט אונדזער ברודער און אַזוי ווי מיר, ביסטו דערדריקט פון די זעלבע זאָרגן.

מיר שטרעקן אויס די האַנט צו דיר, „נאַציאָנאַלער פרייוויליקער”, גע־וועזענער פראָנטקעמפער, וואָס ביסט געוואָרן אַ פייערקרייצלער; מיר טוען עס, ווייל דו ביסט אַ זון פון אונדזער פאָלק, ווייל דו ליידסט, אַזוי ווי מיר, פון דער אומאָרדענונג און פון דער קאָרופּציע; ווייל דו ווילסט, אַזוי ווי מיר, נישט דערלאָזן, אַז דאָס לאַנד זאָל זיך אַראָפּגליטשן צו חורבן און קאַטאַסטראָפע.

מיר זיינען די גרויסע קאָמוניסטישע פאַרטיי מיט קעמפער, איבער־געגעבענע און אָרעמע, וועמענס נעמען זיינען קיינמאָל נישט געווען פאַר־מישט אין וועלכן־נישט־איז סקאַנדאַל, און אויף וועמען די קאָרופּציע קען נישט האָבן קיין שליטה. מיר זיינען די אָנהענגער פון ריינסטן און נאָבעלסטן אידעאַל, צו וועלכן מענטשן קענען שטרעבן 1).

פון אַלע זייטן האָבן מיר באַקומען ענטוזיאַסטישע צושטימונגען. צווישן טויזנטער אַנדערע בריוו, האָב איך אויך באַקומען אַ בריוו פון אַ ברעטאָנישן פייער־קרייצלער, אַ געוועזענער פראָנטקעמפער פון שמען דע דאַם. ער האָט מיר געשריבן:

אויב די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז באמת אַ פראַנצויזישע, אויב זי רעספּעקטירט דעם גלויבן פון אַנדערע, אויב זי קומט אין איר רעאַליסטי־שער, קאָנסטרוקטיווער אויפפאַסונג מיט מעשים; אויב זי גיט אָפּ דער אַרבעט איר געהעריק אָרט, אויב זי גיט פראַנקרייך דעם גרויסן און בכבודיקן פּלאַץ, וואָס עס קומט אים... אויב אַזוי טיילט אונדז גאָרנישט מער פונאַנדער.

צאָלרייכע קאַטאָליקן האָבן זיך צוגעהערט צו אונדזער רוף. אין אַ ריי ערטער האָבן מיר שוין געהאַט מיטגעאַרבעט מיט זיי, ווי אויך מיט גלחים אין די קאָמיטעטן פון סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף פאַר אַרבעט־לאָזע, נישט געקוקט אויף די סאַרקאַסטישע באַמערקונגען פון עטלעכע סעקטאַנטן, ביי וועמען דער אַנטיקלעריקאַליזם איז געוואָרן ווי אַ מין באַרוף.

עס איז גלייכער — האָבן מיר געזאָגט — זיך צו פאַראייניקן, כדי אויסצוקעמפן גליק אויף דער וועלט, איידער זיך אַרומצוקריגן וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ גן־עדן אויף יענער וועלט. די קעגנזייטיקע אַכטונג פאַר די איבערצייגונגען און געפילן וועט פאַרלייכטערן די אייניקייט, וואָס קען

1) דאָרט, ז״ז 15 און 16. זע אויך מאָריס טאָרעז: „פאַר אייניקייט, קאָמוניסטן און קאַטאָליקן”, ז״ז 5—6, „עדיסיאָן סאָסיאַל” 1940.

און מוז רעאַליזירט ווערן. ס׳איז נישטאָ קיין שום סיבה, אַז די פּראָנצוויזן־קאַטאָליקן זאָלן זיך גרופּירן אונטער די ווייסע פענער פון די פּאַרעטער פון קאָבלענץ. איך האָב געזאָגט די קאַטוילישע אַרבעטנדיקע:

„איר זענט אַרבעטער אַזוי ווי מיר. איר ווערט עקספּלואַטירט אַזוי ווי מיר. איר ליידט פון דער זעלבער אומגערעכטיקייט. אייערע אויסנוצער זיינען אויך אונדזערע אויסנוצער. אייערע שונאים זיינען אויך אונדזערע שונאים. קיין זאַך טיילט אונדז נישט פונאַנדער און אַלץ דערנעענטערט אונדז. מיר זיינען אויפן פילאָזאָפישן געביט מאַטעריאַליסטן. מיר אָנערקענען זיך נישט צו קיין שום רעליגיע. איר זענט קאַטאָליקן, איר גייט אין קירכע. פאַרלאַנגט נישט פון אונדז, מיר זאָלן ווערן קאַטאָליקן. מיר פאַר־לאַנגען נישט פון אייך, איר זאָלט ווערן אַטעאיסטן. אָבער, לאָמיר זיך פאַראייניקן אין געמיינזאַמען קאַמף פאַרן וווּל פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער לאַנד”.

דער פאַשיזם, וואָס פאַרניכטעט אַלע פרייהייטן, פאַרניכטעט אויך די פרייהייט פון געוויסן. דער פאַשיזם זעט אינעם געוויסן, אַפילו אינעם רעליגיעזן געוויסן, אַ געביט איבער וועלכן ער האָט נישט קיין שליטה און וואָס איז אים פיינטלעך. אין אַנבליק פון די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, וואָס דער היטלעריזם האָט צוריק אויפגעלעבט, האָבן מיר געהאַלטן, אַז צווישן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, וואָס ס׳איז נייטיק צו פאַרטיידיקן, דאַרף מען אויך אַריינרעכענען די פרייהייט פון געוויסן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער גלח פון איוורי זיך געוואָנדן צו מיר וועגן אַ צונויפטרעף, כדי זיך אַדורכצושמועסן וועגן דעם זין פון מיין איינהייט־אָנבאָט צו די גלויביקע. איך האָב אים אויפגענומען אין ראַטהויז פון איוורי. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אַ יונגער גלח גענומען אַ וואָרט אויף אַ גרויסער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג פון אונדזער פאַרטיי אין ניס. ער האָט אָנגענומען די אויסגעשטרעקטע האַנט פון די קאָמוניסטן און באַגריסט די איינהייט צווישן אַלע ערלעכע מענטשן.

איינצייטיק מיטן אַפּעל צו די קאַטאָליקן האָט די קאָמוניסטישע פאַרטיי זיך אויך געוואָנדן צו די פייער־קרייצלער און די נאַציאָנאַלע פריוויליקע.

די פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע שפּילט אויף די סאַמע איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן, אויף די נידעריקסטע אינסטינקטן. איינצייטיק שפּעקולירט זי אויף די העכסטע געפילן, אויף די איידלסטע שטרעבונגען, ווי דאָס נאַ־ציאָנאַלע געפיל און דער אידעאַל פון כבוד און ערלעכקייט.

די פאַשיסטן איז געלונגען צו רעקרוטירן מענטשן, וואָס האָבן אויפ־ריכטיק באַגערט דעם ווויל פון אונדזער לאַנד. און די דאָזיקע פּראָווינציאַל, אין תוך אויפריכטיקע און ערלעכע, האָבן נישט געזען, אַז די פאַשיס־טישע פירער זיינען פאַרקויפטע אַגענטן פונעם קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דער קאָרופּציע, קעגן וועלכער די דאָזיקע פירער טרעטן אַרויס אין זייערע רעדעס.

צי האָבן דען די אָרעמע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן זיך רעוואָלטירט קעגן דער פּלוטאָקראַטיע, געקאָנט וויסן, אַז הער דע וואַנדעל, דער מעכסיקער מעטאַלורגיע־מאַגנאַט, איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן פינאַנסירט די פייער־קרייצלער?

ס'איז געווען אוממעגלעך אָוועקצושטעלן אויף איין און דער זעלבער פלאַך דעם פאַשיסטישן פירער, וואָס האָט געשעפּט פון די געהיימע פאָנדן, און דעם ערלעכן פּראָווינציאַל, וואָס איז געוואָרן אַ פייער־קרייצלער, דער־פאַר, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז אַזוי אַרום העלפט ער אויפשטעלן אַ זויבער פראַנקרייך. מען האָט געדאַרפט באַווייזן אַט דעם ערלעכן פּראָוו־ינציאַל, אַז די קאָמוניסטישע אַרבעטער, קעגן וועלכע מען האָט אים געוואָלט אויפהעצן, זיינען געווען דורכגעדרונגען פון די זעלבע זאָרגן ווי ער.

דער זיג פון פאַשיזם וואָלט דערפירט צו דער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער צעשמעטערונג פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן, וואָלט אויפגע־צוווּנגען די אַרבעטער הונגער־לוינען, וואָלט געבראַכט פאַר די סוחרים רואין, פאַר די פויערן נויט און עקספּראָפּריאַציע. כדי צו שלאָגן דעם פאַשיזם, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי גערופן אַלע פּראָווינציאַלן זיך צו פאַראייניקן.

שוין ביים ערשטן וואַלגאַנג האָבן די פּאַרטייען פון פאָלקס־פראָנט געהאַט אַ גלענצנדיקן דערפאָלג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַריבער פון 790 טויזנט שטימען אין 1932 צו 1 מיליאָן 500 טויזנט. 9 קאָמוניסטישע דע־פּוטאַטן זיינען אויסגעוויילט געוואָרן אין ערשטן וואַלגאַנג. די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי האָט אויפגעהאַלטן אירע פּאָזיציעס מיט בערך 1 מיליאָן 900 טויזנט שטימען.

אין קאַנטאָן פון איוורי־סיר־סען, וועלכן איך האָב רעפּרעזענטירט, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַקומען 19.000 שטימען — אַ ציפער, וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגן די צאָל שטימען פון וועלכן־נישט־איז דעפּוטאַט אין אַט דער איינמאַנדאַטיקער אָפּשטימונג.

דער דאָזיקער דערפאָלג דערקלערט זיך מיט דער ריכטיקייט פון אונדזער אַלגעמיין־פּאָליטישער ליניע. אויסער דעם האָבן די ווײַלער פון איוורי און וויטרי שוין געזען זינט לאַנגע יאָר די קאָמוניסטן בײַ דער אַרבעט. זיי האָבן געקענט אָפּשאַצן די אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן פון זשאָרזש מאַראַן, פאַרגלײַכן די אויפטוען פון אונדזערע ראַטמענער מיט דעם, וואָס די רעאַקציאָנערע שטאָט־ראַטעס האָבן אויפגעטאָן אין די שכנותדיקע ישובים.

אין 1936 זײַנען אין איוורי געווען 3000 אַרבעטלאָזע, 6 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אונדזער שטאָט־ראַט האָט אָרגאַניזירט פאַר זיי אַ פאָלקס־קיך, ווו זיי פלעגן באַקומען אַ באַרהאַפטן מאָלצײַט, מיט פלייש און גרינסן צום פּרייז פון 50 סאַנטים פאַר אַ דערוואַקסענעם און 25 סאַנטים פאַר אַ קינד. יעדן פרימאָרגן האָט מען געקענט זען, ווי אין די גאַסן פון איוורי פאָרן אַרום אויטאָס, וועלכע פירן פונאַנדער צו די פאַ־מיליעס פון די אַרבעטלאָזע פלעשער פרישע מילך, וואָס זײַנען פאַרטיילט געוואָרן אומזיסט פאַר די קינדער אונטער 2 יאָר. אַדאַנק אונדזערע אָנ־שטרענגונגען איז געלונגען אויפצובויען 4 הערלעכע הײַזער־בלאָקן מיט 1200 דירות.

די קינדער זײַנען אונדזער שענסטע האָפענונג. מיר האָבן געשאַפן פאַר די גאַר קלײנטשיקע אַ קינדער־גאָרטן, ווו זיי שעפּן פרייד און געזונט. אונדזער אינסטיטוציע פון זומער־קאָלאָניעס פאַר קינדער האָט אײַנגע־קויפט אַ שיינעם גוט פון 18 העקטאַר אין מאַט, לעבן רוּאַיאַן: יעדעס יאָר שיקט זי אַהין ביז 900 קינדער. זיי לויפן דאָרט אַרום אונטער די סאָסנעס און אויפן זאַמד פון אַ פּרעכטיקער פּלאַזשע. בעת די גאָר־קורצע באַזוכן, וואָס איך מאַך דאָרט פון צײַט צו צײַט, האָב איך גרויס פאַרגעניגן זיך צו באַטייליקן אין זייערע שפּילן, טראַכטנדיק דערבײַ, אַז אַדאַנק אונ־דזערע אָנשטרענגונגען זײַנען זיי גליקלעכער, ווי דאָס זײַנען געווען זייערע טאַטעס.

אונדזער מוניציפּאַליטעט פון וויטרי האָט געשאַפן אין באַרביזאָן, אויפן ראַנד פונעם וואַלד פון פאָנטענבלאָ, אַ פּרעכטיק ווערק. 35 אָפּגעשוואַכטע קינדער פון די אָרעמסטע אַרבעטער־פאַמיליעס, ווערן דאָרט אויסגעהאַלטן אין משך פון 3 ביז 6 חדשים. זיי שפּרינגען דאָרט אַרום אויף דער פרײַער לופט, אונטער די אָפּפרישנדיקע זון־שטראַלן, אַנשטאָט צו בלײַבן פאַר־בלײַכטע אין די אָרעמע אומגעזונטע וווינונגען פון אונדזערע פּראָלעטאַ־רישע קוואַרטאַלן פון דער פּאַריזער פאָרשטאָט.

דער בייַשפּיל פון איוורי, פון וויטרי און פון צענדליקער אַנדערע קאָמוניסטישע מוניציפּאַליטעטן אין ווילזשוויוו, מאָנטרוי, אַלפאָרוויל, באָביני, אַרזשאַנטוי, ווילערבאַן א״אַ, וועט גענוג זיין, כדי צונישטצומאַכן די אומגערעכטע באַשולדיקונג, וואָס עס וואַרפן קעגן אונדז די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער מענטשלעכער עלנט, אַז מיר גאָר שפּעקולירן כלומרשט אויף דער נויט. זיכער: די פולקאָמע ווירדע פונעם מענטשן און דער אומבאַגרענעצטער פונאַנדערבלי פון די שאַפערישע אייגנשאַפטן פונעם יחיד, זיינען אוממעגלעך כל זמן עס וועט נישט אַ סוף נעמען צו דער עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורכן צווייטן. אָבער טאָקע דערפאַר, ווייל מיר זיינען נישט־קיין פאַטאַליסטן און ווייל מיר זיינען איבערצייגט, אַז מיר, די מענטשן, זיינען — ווי מאַרקס האָט עס געזאָגט — אַליין די שאַפער פון זייער געשיכטע, טאָקע דערפאַר שטעלן מיר זיך שוין היינט די אויפגאַבע אויסצובילדן קרעפטיקע מענטשן, בעסער צוגעגרייטע צום לעבן, געזונטערע פיזיש און גייסטיק.

דער קאָמוניסטישער שטאָט־ראָט פון איוורי, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און מיט פיל פאַרשטענדעניש דורך זיינע טוער, האָט געבראַכט פאַר דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אַ ריי וועזנטלעכע פאַרלייכטערונגען, פאַרוואַלטנדיק דערביי מיט דער גרעסטער זאָרג די שטאָטישע פינאַנצן. ער האָט זיך באַמיט אין די לאָקאַלע ראַמען אַדורכצופירן אין לעבן אונדזער פאָרמול: „זאָלן צאָלן די רייכע!”. ער האָט איינגעפירט אַ פּראָגרעסיוון שטייער אויף די אינדוסטריעלע און האַנדלסלאָקאַלן, אַזוי אַז זיינע הכנסות קומען הויפּטזאַכלעך פון די גרויסע אונטערנעמונגען פון איוורי. די קאָמוניסטן באַגנוגענען זיך נישט מיט אָנווייזן רפואות: זיי ווענדן זיי אָן...

דעם 27־טן אַפּריל, אויף צומאָרגנס נאָכן ערשטן וואַלגאַנג, איז די „הימאַניטע” אַרויס מיטן פאָלגנדיקן הויפּט־טיטל: „אַלץ פאַרן פאָלקס־פראָנט!” מיר דערקלערן, אַז כדי צו דערפירן צו אַ פולשטענדיקער מפּלה פון דער רעאַקציע, וועט קיין איין שטימע אונדזערע נישט גיין לאיבוד פאַר אונדזערע פאַרבינדעטע — די סאָציאַליסטן און ראַדיקאַלן. אונדזער אונטערשריפט געפינט זיך אונטערן געמיינזאַמען רוף לטובת אַ שטרענגער דיסציפּלין מצד אַלע גרופּירונגען און קאַנדידאַטן פונעם פאָלקס־פראָנט.

אונדזער פּאַרטיי ציט צוריק 140 קאַנדידאַטן לטובת די סאָציאַליסטן, אַ הונדערט לטובת די ראַדיקאַלן און אַ דרייסיק לטובת דער „סאָציאַליסטישער אוניאָן”. דער פאָלקס־פראָנט האָט אָפּגעהאַלטן אַ טריאומפאַלן זיג.

די גרופּירונגען, וואָס זיינען געווען באַטייליקט אין דער פאָלקס־פראַנט, האָבן געהאַט אין בורבאָן־פּאַלאַץ 375 מאַנדאַטן אויף 610. אונדזער פּאַרטיי האָט באַקומען 72 דעפּוטאַטן 1), אַנשטאָט 10. פּאַריז און די פאָרשטעט האָבן אונדז געגעבן 33 דעפּוטאַטן; דער דעפּאַרטעמענט פון סען־ע־אוּאַז — 9.

אין צפון־פראַנקרייך פאַרצייכענען מיר אַ ריי זיגן. אין מאַרסעיל האָט די שטאָטישע באַפעלקערונג, אַן אויפגעעקלטע פון דער גענגסטעריי און פון דער צעפוילטקייט, געענטפערט אויפן רוף פון דער פּאַרטיי, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון ערלעכקייט — און אונדז געגעבן צוויי דעפּוטאַטן. אין די דעפּאַרטעמענטן וואַר און אַלפּ־מאַריטים, ווו אונדזערע קעגנער האָבן באַהויפּטעט, אַז דאָס לעבן איז דאָרט צו שיין, כדי דער קאָמוניזם זאָל זיך קענען אין זיי איינפלאַנצן — האָבן די קאָמוניסטן באַקומען 4 מאַנדאַטן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט, צוזאַמען מיט דער פּאַרלאַמענטאַרישער גרופּע, אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג אין דעם זעלבן זאַל פונעם שטאָט־ראָט פון איוורי, ווו מיר האָבן מיט 2 יאָר צוריק, אויף אונדזער לאַנד־קאָנפערענץ פון יוני 1934, אויסגעאַרבעט די פּאָליטישע ריכט־ליניעס, וועלכע האָבן עס אונדז געפירט צום זיג.

מיר האָבן דאָרט אונטערגעצויגן דעם סך הכל וועגן דער באַדייטונג פון דער אָפּשטימונג:

> דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אויסגעדריקט זיין פלאַמיקן ווילן פון שלום אין אַנבליק פון די היטלער־דראָאונגען, וועלכע רופן ביי אים אַרויס אַ באַאומרואיקונג.
> דאָס פראַנצויזישע פאָלק וויל אַ סוף מאַכן צו די פאַשיסטישע דראָאונגען קעגן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן.
> דאָס פראַנצויזישע פאָלק וויל אַרויס פון ווירטשאַפטלעכן קריזיס; עס וויל פאַרזיכערן אַרבעט פאַר אַלעמען און אַדורכפירן די פאָדערונג: „זאָלן צאָלן די רייכע!“
> דאָס פאָלק פון פראַנקרייך וויל אַן ענדערונג.

דאָס פאָלק, וואָס איז מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה צוגעבונדן צו דער דעמאָקראַטיע און וועמען ס'איז אַזוי טייער זיין אומאָפּהענגיקייט,

1) פאַר דער מלחמה האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געהאַט 74 דעפּוטאַטן. דעם 1־טן אויגוסט 1937 האָט גרעניע צוריקגענומען פונעם רענעגאַט דאָריאָ דעם מאַנדאַט פון סען־דעני. אין אַפּריל 1939 האָט אין מאַנליסאָן אַ קאָמוניסט איבער־גענומען דעם מאַנדאַט פונעם סאָציאַליסט מאַרקס דאָרמואַ, וועלכער איז אַריבער אין סענאַט.

האָט געגעבן אַ גרויסאַרטיקן ענטפער די פּוטשיסטן פון 6־טן פעברואַר און האָט אַרויסגעוויזן זיין ווידערווילן צו דער פאַשיסטישער דיקטאַטור.

אָבער דער פאַשיזם, אַ געשלאָגענער אין די וואַלן, האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט שטילערהייט גענומען צוגרייטן זיין רעוואַנש. דער „ל'אַמי די פּעפּל" — אַ צייטונג, וועלכע האָט באַדעקט מיט שמוץ דעם שיינעם טיטל, וואָס זי האָט צוגעגנבעט ביי מאַראַטן — האָט דערקלערט, אַז די רעאַקציע וועט נישט קאַפּיטולירן, אַז זי וועט זיך נישט אונטערוואַרפן דעם אורטייל פון פאָלק: „מיר זענען פאַר, — האָט זי געשריבן — שווערע, בלוטיקע שלאַכטן".

דעם 6־טן מאַי האָבן מיר צוזאַמענגערופן אין „מיטיאַליטע"־זאַל אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אויף וועלכער זשאַק דיקלאָ און איך האָבן אויפגעקלערט די שטעלונג פון דער פאַרטיי. מיר האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז נישט דער מאָמענט, די קאָמוניסטן זאָלן אָנטיילנעמען אין דער רעגירונג. דאָס וואָלט אויסגענוצט געוואָרן דורך די שונאים פון פאָלק; דאָס וואָלט געדינט אַלס אויסרייד צו אַ קאַמפּאַניע פון פּאַניק־מאַכעריי און וואָלט געדראָט אָפּצושוואַכן די כוחות פונעם פאָלקס־פראָנט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אויסן געווען בלויז דעם דערפאָלג פון דער געמיינזאַמער זאַך. זי האָט נישט געוואָלט עפּעס אַנדערש ווי די אַנווענדונג פונעם פּראָגראַם.

מיר האָבן דערקלערט:

„מיר וועלן אונטערשטיצן אָן שום באַוואָרענישן די כוחות פון דעמאָקראַטיע און שלום, מיר וועלן אונטערשטיצן יעדע באַמיאונג צו פאַרבעסערן דעם גורל פון די אַרבעטער. מיר פאַרזיכערן דער רעגירונג אונדזער פולשטענדיקע אונטערשטיצונג אין פּאַרלאַמענט און אין לאַנד פאַר דער אַנווענדונג פון אַ פּאָליטיק, וואָס איז אין הסכם מיט די אָנווייזונגען פון די לעצטע וואַלן.

„מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וועט רעאַליזירן זיין היסטאָרישע מיסיע: פאַרוואַנדלען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אין אַ געזעלשאַפט, ווו עס זאָל מער נישט עקזיסטירן די עקספּלואַטאַציע פון איין מענטש דורכן אַנדערן. אין איצטיקן מאָמענט אָבער האַנדלט זיך עס נישט אין דעם. עס האַנדלט זיך אין באַפרידיקן די פאַרלאַנגען פון פאָלק.

„די מאַסן האָבן דעם פאָלקס־פראָנט געבראַכט צום זיג, זיי וועלן אַכטונג געבן, אַז זיין פּראָגראַם זאָל ווערן אָנגעוואַנדן".

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון 25־טן מאַי האָט באַשטעטיקט אונדזערע דערקלערונגען, און קורץ דערנאָך האָבן מיר זיי איבערגעחזרט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אויף איר לאַנד־קאָנגרעס. מיר האָבן געוואָלט פאַרזיכערן די סטאַבילקייט פון דער קומענדיקער רעגירונג דורך אַן „אונטערשטיצונג אָן איבעררייס".

ווען די בלום־רעגירונג האָט זיך געשטעלט פאַרן פּאַרלאַמענט, האָט זשאַק דיקלאָ איבערגעחזרט אונדזער פאַרזיכערונג פון ענגער און לאָיאַלער מיטאַרבעט. די רעגירונג איז געווען אימשטאַנד גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן, ווייל זי האָט געצויגן איר אויטאָריטעט פונעם פאָלק. די העכסטע גאַראַנטיע איז באַשטאַנען אין דער ממשותדיקער אונטערשטיצונג פון די מאַסן אין זייער צוזאַמענגעשלאָסנקייט, אין זייער אָרגאַניזירטן כוח, אין זייער כסדרדיקן קאַמף.

דער וואָל־זיג פונעם פאָלקס־פראָנט האָט אַרויסגערופן אַ מעכטיקע באַוועגונג פון די אַרבעטער, וואָס האָבן באַקומען דעם באַוווסטזיין פון זייער קראַפט. אומעטום ווערן אַרויסגערוקט די זעלבע פאָדערונגען : איבערקוקן און העכערן די לוינען, סינדיקאַלע רעכט, פאַבריק־דעלעגאַטן, קאָלעקטיווע אָפּמאַכן, 40־שעהדיקע אַרבעט־וואָך, געצאָלטע אורלויבן.

די אַנטוווערטונג פון די לוינען, דער ווילקיר פון די פּאַטראָנען, די אַרבעטלאָזיקייט, די אומאויפהערלעך־געבראָכענע סינדיקאַלע רעכט, דאָס כמעט־פולשטענדיקע פעלן פון קאָלעקטיווע אָפּמאַכן, די צוריקגעשטאַנענע סאָציאַלע געזעצגעבונג, די לאַסטן, די שטייערן, — אָט דאָס אַלץ האָט אויסערגעוויינלעך באַשווערט דאָס לעבן פון פראַנצויזישן אַרבעטער. אין 1934 זיינען אין פראַנקרייך געווען 5 און אַ האַלבער מיליאָן לוין־אַרבעטער, וועמענס פאַרדינסט עס האָט נישט אַריבערגעשטיגן 18.000 פראַנק אַ יאָר. פון די דאָזיקע 5 און אַ האַלבן מיליאָן, האָבן צוויי דריטל באַקומען לוינען אונטער 9600 פר. אַ יאָר; די אַנדערע האָבן פאַרדינט פון 20 ביז 32 פראַנק אַ טאָג.

אין ווייניקער ווי צוויי וואָכן כאַפּט אַרום דער שטרייק מיט אַ געוואַלטיקן שוואונג דאָס גאַנצע לאַנד. דער קאַמף נעמט אָן נייע פאָרמען : ער אַנטוויקלט זיך אינערהאַלב די אונטערנעמונגען מיט איינדרוקפולער דיסציפּלין און אָרדענונג.

במשך פונעם שטרייק האָבן איבער די טויערן פון די באַזעצטע פאַבריקן, אויף די פאַסאַדעס פון די הייזער, אויף די שפּיצן פון די הויכע קוימענס, אויף די רושטאַוואַניעס, זיך באַוויזן צאָלרייכע פלאַטערנדיקע

רויטע און דרייפאַרביקע פאָנען; דאָס אַרויסהענגען זיי בשכנות האָט אָנט־פּלעקט דעם פּאָליטישן פאַרשטאַנד פונעם אַרבעטער־קלאַס.

עס איז נישט געקומען צו קיין שום ערנסטן אינצידענט. עס איז נישט געלונגען קיין איין פּראָוואָקאַטאָר זיך אַריינצובאַקומען אין די אונטערנע־מונגען. מען האָט זיך נישט צוגערירט, נישט צו די מאַשינען, נישט צו די סחורות, סיידן כדי זיי צו רייניקן און אָפּהיטן. אַזויפיל באַוווסטזיין און רואיקע ווירדע, אַזאַ אייניקייט צווישן אַרבעטער, אַרבעטערינס, יונגע און אַלטע, עקספּלואַטירטע פון פאַבריק מיט זייערע בלויע אַרבעט־מלבושים אָדער פון ביוראָ מיט זייערע האַרטע קראַגנס, שוואַרץ־אַרבעטער און טעכ־ניקער, אַזאַ קאַלטבלוטיקייט! דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַן איינדרוק פון רייפקייט און פון רואיקן כוח, וואָס האָט אין ערשטן מאָמענט געפּלעפט די גרויסע פּאַטראָנען.

זיי רעאַגירן דאַן מיט רציחה, אַרויסרופנדיק אַ שרייאיקע קאַמפּאַניע קעגן דעם „ברעכן פון אייגנטום־רעכט” מצד די שטרייקנדיקע, אַ קאַמפּאַ־ניע, וואָס צילט אָפּצושרעקן די מיטל־שיכטן.

מיר, קאָמוניסטן, האָבן אָפט דערקלערט, אַז מיר זיינען נישט קיין קעגנער פון יעדן מין אייגנטום. אין אַ בריוו, געשיקט צום ראַדיקאַלן קאָנ־גרעס, האָבן מיר דערקלערט, אַז מען דאַרף שוינען דאָס פּריוואַט־אייגנטום, וואָס איז די פּרוכט פון אַרבעט און אָפּשפּאָרונג. מיר שטעלן זיך אַנטקעגן בלויז דעם קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום, בלויז די פּריווילעגיעס, וואָס דערלויבן אַ מינדערהייט פון פּאַראַזיטן צו עקס־פּלואַטירן די אַרבעט פון מיליאָנען מענטשן און צו פאַרכאַפּן די נאַציאָ־נאַלע רייכטימער.

נישט דער קאָמוניזם איז דער, וואָס נעמט צו ביים פּויער דאָס פעלד אָדער ביים סוחר זיין קראָם. נישט דער קאָמוניזם איז דער, וואָס רואי־נירט דעם קליינעם און מיטעלן אינדוסטריעלן, וועלכער איז אָנמעכ־טיק אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ פונעם טרעסט. נישט דער קאָמוניזם איז דער, וואָס צינדט אָן דעם קלאַסן־קאַמף. דאָס איז דער קאַפּיטאַליזם, וואָס צעשטערט דאָס אייגנטום פון די קליינע באַזיצער, כדי עס צו פאַרכאַפּן. דאָס קויפט ער אָפּ פאַר שפּאָט־ביליק די אַרבעט־קראַפט פונעם פּראָלעטאַריאַט און לאָזט קעגן אים אין גאַנג זיין אַפּאַראַט פון צוואַנג און אונטערדריקונג. דער קריג, דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, די אַרבעטלאָזיקייט, די עקספּראָ־פּריאַציע און די רואין פון די מיטל־שיכטן שטאַמען נישט פון אונדז. זיי זיינען דער רעזולטאַט פון דעם פּריוואַטן אייגנטום איבער די וויכטיקע פּראָ־

דוציר־מיטלען, וואָס איז פון אַ סטימול געוואָרן אַ שטערונג פאַרן ווירט־שאַפטלעכן לעבן און פאַרן פּראָגרעס. דאָס פּריוואַט־אייגנטום איבער די וויכטיקע פּראָדוציר־מיטלען איז דאָס איינציקע, וואָס דאַרף סאָציאַליזירט ווערן, אויב מען וויל לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ ראַציאָנעלער ווירטשאַפט.

אין דער וואָך פון 7־טן ביזן 14־טן יוני האָט די שטרייק־באַוועגונג דערגרייכט איר הויך־פּונקט. אַלאַרמיסטישע ידיעות האָבן געזייט פּאַניק אין די דערפער. טראָץ די מאַטיניאָן־אָפּמאַכן, וואָס זיינען אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 7־טן יוני צווישן די פאָרשטייער פון אַרבעטער־קלאַס און די פאָרטרעטער פון די פאַטראָנען, האָבן אַסך אַרבעטגעבער זיך אָפּ־געזאָגט אונטערצושרייבן דעם קאָנטראַקט מיט זייערע אַרבעטער. אין מערערע פאַלן איז געקומען צו אַן אינטערווענץ פון דער פּאָליציי. פאַר־דעכטיקע עלעמענטן, טראָצקיסטן אָדער פייערקרייצלער, האָבן זיך אַריינ־געגליטשט אין דער באַוועגונג מיט דער האָפענונג זי צו פאַרוואַנדלען אין אַן אַוואַנטורע, אַ שעדלעכע פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

אונדזער פּאַרטיי האָט אונטערגעשטיצט דעם שטרייק מיט אַלע אירע כוחות. די איבערגעגעבנקייט פון אירע טוער איז געווען אומגעהייער. אירע מוניציפּאַליטעטן און אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פולשטענדיק גע־שטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די סינדיקאַטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער ריזיקער אַרמיי פון די אַרבעטנדיקע.

די דאָזיקע ממשותדיקע סאָלידאַריטעט האָט אונדז אַוועקגעשטעלט פאַר נייע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. עס האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז דער פאָלקס־פראָנט זאָל זיך נעמען פונאַנדערפאַלן. צי האַלט עס נישט דערביי, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך אָפּשניידן פון דער הויפּט־מאַסע פון דער פאָלקס־אַרמיי ?

פאַר אונדזערע אויגן זיינען אויפגעשוווּמען די טראַגישע דערפאַרונגען פון יוני 1848 און פון מאַי 1871.

די יולי־מאָנאַרכיע איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין פעברואַר 1848 אַדאַנק דער אייניקייט פונעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט מיט דער קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע. אָבער קורץ דערנאָך איז דער רעאַקציע געלונגען אויפצושטעלן די פויערן און קרעמער קעגן די פּראָלעטאַריער. אין נאָמען פון דער „אָרדענונג״ האָט אין די יוני־טעג די גרויס־בורזשואַזיע דערשטיקט דעם פּראָלעטאַריאַט. ווי נאָר דער באָדן איז געוואָרן אָפּגערייניקט, איז זי אַריבער צום אָנגריף קעגן אַלע דעראָבערונגען פון דער רעפּובליק, און דעם 2־טן

דעצעמבער 1851 האָט לואי־נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט גענומען די מאַכט אויף די חורבות פון דער דעמאָקראַטיע.

אויך די פּאַריזער קאָמונע האָט זיך געלאָזט איזאָלירן פון פּראָווינציעלן פּויערטום. אירע העלדישע קעמפער זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך אַן אַרמיי פון „דאָרפסלייט", וועלכע מען האָט אויפגעהעצט קעגן די גרויס־שטעטישע „פונאַנדערטיילער". און דאָך איז די קאָמונע גערעכט געווען, בעת זי האָט געזאָגט צו די פּויערן, אַז „איר זיג איז זייער איינציקע האָפענונג". זיי האָבן אָבער נאָך נישט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן אמת. מאַרקס, פאַרפּילנדיק אָט די געפאַר, האָט געוואָרנט די פּאַריזער אַרבעטער קעגן אַ פּריצייטיקער אַקציע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, איז מאַרקס פון דער ערשטער מינוט אָן און מיטן גאַנצן האַרצן געווען מיט די העלדישע קאָמונאַרן, מיט אָט די טיטאַנען, „וואָס האָבן געשטורעמט די הימלען". ער האָט ענטוזיאַסטיש באַגריסט די עפּאָפּייע, וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן מיט זייער בלוט:

> צו וואָס פאַר אַ בויגעוודיקייט, צו וואָס פאַר אַ היסטאָרישער איניציאַטיוו, צו וואָס פאַר אַ קרבנות־גרייטקייט זיי זיינען עס פעאיק אָט די פּאַריזער! 1).

אויך דאָסמאָל האָט עס געדויערט לאַנגע יאָרן ביז די דעמאָקראַטיע איז געקומען צו זיך פון דעם קלאַפּ, וואָס די רעאַקציע האָט איר געגעבן, אויסשחטנדיק 30.000 פּאַריזער אַרבעטער, די עליטע פונעם פּראָווינציעלן פּראָלעטאַריאַט.

מיר האָבן פאַר קיין שום פּרייז נישט געטאָרט דערלאָזן עס זאָל זיך שאַפן אַן ענלעכע סיטואַציע. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין לענינס לערע: נישט לאָזן זיך באַהערשן פונעם אומגעדולד. אין 1920 האָט ער געשריבן צו די פראַנצויזישע אַרבעטער:

> די אַנאַרכיסטישע פּראָזעאָלאָגיע האָט שטענדיק פיל שאָדן געבראַכט אין פראַנקרייך.

דעם 11־טן יוני האָבן מיר אין דער פּיבערדיקער הויפּטשטאָט צונויפגערופן אַן אינפאָרמאַציע־פאַרזאַמלונג פון די פּאַרטיי־מיטגלידער. אין נאָמען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט האָב איך דערקלערט:

> פונקט ווי ס'איז וויכטיק צו קענען גוט אָנפירן מיט אַ שטרייק פאַר אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען, אַזוי איז אויך וויכטיק צו וויסן ווען אים צו ענדיקן. עס שטייט נישט איצט די פראַגע וועגן איבערנעמען די מאַכט.

1) קאַרל מאַרקס: בריוו צו קוגעלמאַן, אינעם ווערק: „דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך". ז. 80, „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1946.

עס האַנדלט זיך אין דערגרייכן, אַז די פאָדערונגען פון עקאָנאָמישן כאַראַקטער זאָלן באַפרידיקט ווערן, פאַרשטאַרקנדיק דערביי די מאַסן־באַוועגונג אין הינזיכט פון באַוווסטזיין און פון אָרגאַניזאַציע; מען דאַרף קענען ענדיקן אַ שטרייק, אַזוי שנעל ווי די פאָדערונגען ווערן באַפרידיקט. מען דאַרף קענען איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן, אַפילו ווען עס זיינען נאָך נישט נאָכגעגעבן געוואָרן אַלע פאָדערונגען, נאָר בלויז די סאַמע וועזנטלעכסטע, די וויכטיקסטע. מען דאַרף פאַרשטיין ווי אַזוי צוצוגרייטן די צוקונפט...

מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז די צוזאַמענגעשלאָסנקייט פונעם פאָלקס־פראָנט זאָל אַנגערירט ווערן, מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל איזאָלירן דעם אַרבעטער־קלאַס!

די קלאַנגען פונעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָבן באַגריסט אָט דעם אויספיר.

די דאָזיקע פּאָליטישע קלוגשאַפט האָט געבראַכט די געהעריקע פרוכטן. די קאָלעקטיווע אָפּמאַכן זיינען צאָלרייך געוואָרן אונטערגעשריבן; די זיג־רייכע אַרבעטער האָבן עוואַקויִרט די פאַבריקן מיט מוזיק און פאָנען אין דער שפּיץ.

דער פאָלקס־פראָנט איז נישט געווען די רעוואָלוציע; ער איז אויך נישט געווען עפּעס סתם אַ וואַל־אָפּעראַציע; ער האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר אַ פּראָגרעסיווער פּאָליטיק אין די ראַמען פון די רעפּובליקאַנישע אינסטיטוציעס.

אַלס רעאַליסטן האָבן מיר פאַרלאַנגט בלויז דאָס, וואָס איז מעגלעך געווען אין די באַדינגונגען פון געגעבענעם מאָמענט, כדי מיר זאָלן זיין וואָס צאָלרייכער עס צו פאָדערן און וואָס זיכערער עס צו דערגרייכן. אָבער דאָס, וואָס איז מעגלעך געווען, האָבן מיר פאַרלאַנגט מיט אַנטשלאָסנקייט. צי האָט דען זשיל געד נישט גערעדט וועגן „רעטונגס־מאַסמיטלען, וואָס זאָלן באמת דינען דעם וווילשטאַנד פון לאַנד און וואָס זאָלן גלייכצייטיק זיין אין הסכם מיט די איצטיקע פאַרהעלטענישן"?

בעת מיר האָבן דערקלערט, אַז „נישט אַלץ איז מעגלעך", האָבן מיר דערמיט געוואָרנט קעגן די איבערגעטריבענע אילוזיעס, נאָך וועלכע עס קומט אַ טראַגישע דערוואַכונג. פון די, וואָס האָבן באַהויפּטעט, אַז ס'איז מעגלעך צו דערגרייכן דאָס טעלערל פון הימל, האָבן מיר פשוט פאַרלאַנגט אונדז צו העלפן דורכפירן אין לעבן דעם געמיינזאַמען פּראָגראַם. מיר האָבן זיך באַמיט אין אַלע אומשטענדן צו רעדן צום שכל הישר, נישט פאַרגעסנדיק קיינמאָל, אַז כדי צו שלאָגן דעם פאַשיזם, איז נייטיק די ברייטסטע איינהייט.

די קלאָרע שטעלונג פון דער פּאַרטיי האָט אַרויסגערופן צו איר אַ פאַרשטאַרקטן צוטרוי. דער צופלוס פון נייע מיטגלידער האָט דערגרייכט אַ טעמפּ פון 1500 טעגלעך. די מיטל־קלאַסן האָבן געקאָנט פעסט־שטעלן דעם אונטערשיד צווישן אונדזערע טוער, וועלכע האָבן גערופן צו איינהייט, און די אויטאָבוסן־אונטערצינדער פון 6־טן פעברואַר, די העצער צו בירגער־קריג. וואָס שייך די טענות, אַז מיר פירן צו כאַאָס, האָבן די ראַדיקאַלן פון קלאַסישן נוסח געענטפערט, אַז זיי האָבן זיך אויס־געלערנט אונטערצושיידן צווישן די קאָמוניסטן, וועלכע זיינען די „היטער פון דער פרייהייט און די פאַשיסטן, וועלכע זיינען די ביטערע שונאים פון דער זעלבער פרייהייט".

* * *

אין יוני האָבן מיר גענומען די איניציאַטיוו צו פייערן די הונדערטסטע יאָרצייט פון רוזשע־דע־ליל. צערעמאָניעס זיינען פאָרגעקומען אין זאַל „פלעיעל" און אין שואַזי־לע־רואַ, אין מיין וואַלקרייז, ווו דער אָפיציר־מוזיקער האָט געהאָט פאַרבראַכט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

איך האָב אָנגעוויזן, אַז

...די „מאַרסעליעזע", דאָס איז דער אויסדרוק פונעם זשעני פון פראַנ־צויזישן פאָלק, וואָס לויכט מיט זיין העלסטן רום; דאָס איז דער אויסדרוק פון זיין טיפער צוגעבונדנקייט צו דער זאַך פון פרייהייט און פון וועלט־שלום 1).

אויך דאָ האָט אונדזער פּאַרטיי איבערגענומען די בעסטע רעפּובלי־קאַנישע טראַדיציעס; זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער ווירדיקער יורש פון די יאַקאָבינער פון 1792. צי איז זי נישט, פונקט ווי אָט די גרויסע פּאַטריאָטן, די אָרגאַניזאַטאָרין פון דער מאַסן־מאָביליזאַציע קעגן דעם פאַ־שיזם, קעגן די פּריווילעגירטע און די מאָדערנע טיראַנען, פאַר דער רעטונג פון דער רעפּובליק, וואָס איז אַן איין־און־אומצעטיילבאַרע ?

דאָס פרייהייט־ליד פון רוזשע־דע־ליל האָט דעם 14־טן יולי 1936, צו־גלייך מיטן „אינטערנאַציאָנאַל", הילכיק באַגלייט דעם מאַרש פון אַ מיליאָן מענער און פרויען, וואָס האָבן מאַניפעסטירט פון דער באַסטיליע ביזן נאַ־סיאָן־פּלאַץ.

די געשיכטע פון דער דריטער רעפּובליק איז פול מיט פאַרביסענע

1) מאָריס טאָרעז: „די מאַרסעליעזע", רעדע געהאַלטן צו דער הונדערטסטער יאָרצייט פון רוזשע־דע־ליל, דעם 26־טן יוני 1936, ז. 7.

און צביעותדיקע אַנשטרענגונגען פון דער ערגסטער רעאַקציע איינצו־האַלטן אין איר׳ע הענט די אַנפירנדיקע פּאָסטנס אין דער אַרמיי. די דרייפוס־אַפּערע איז בלויז אַן עפּיזאָד אינעם קאַמף צווישן בורזשואַזע קליקעס פאַר דער קאָנטראָל איבער דער אַרמיי. די רעאַקציע האָט אויס־גענוצט דעם גענעראַל בולאַנזשע און האָט שיר נישט דערפירט די רעפּוב־ליק צום אונטערגאַנג.

די קאָמוניסטן האָבן געהאַלטן, אַז די אַרמיי דאַרף זיין אימשטאַנד צו פאַרטיידיקן די זיכערקייט פון לאַנד, וועלכע איז באַדראָט דורכן פאַ־שיזם. כדי צו קענען צעשמעטערן דעם אויסערלעכן אַנגריף פון די שונאים פון דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטיע, האָט מען נישט געטאָרט דערלאָזן, אַז די אַרמיי זאָל ווערן דער קרבן פון זייערע פאַרבינדעטע פון אינעווייניק. די אַרמיי פון דער רעפּובליק דאַרף, לויטן געלונגענעם אויסדרוק פון זשאָרעס, „זיין צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דער נאַציע", זי דאַרף זיין פאַר־בונדן מיטן פאָלק, מיט זיינע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. דאַן, און בלויז דאַן, איז זי אומבאַזיגבאַר.

דאָס פאָלק פון פאַריז האָט אין פרימאָרגן פון 14־טן יולי 1936 באַ־גריסט דאָס מיליטער, וואָס האָט דעפילירט אויף אַוועני דע שאַנז עליזע. מען האָט געשריגן: „זאָל לעבן די רעפּובליקאַנישע אַרמיי! זאָל לעבן די פאָלקס־אַרמיי!" מען האָט געזען, ווי עס האָבן געפינקלט פון פרייד די אויגן פון די סאָלדאַטן, — וואָס האָבן אַזוי אָפט אויסצושטיין די שיקאַנעס פון זייערע רעאַקציאָנערע קאָמאַנדירן — און ווי עס האָבן געשטראַלט די פּנימער פון די רעפּובליקאַנישע אָפיצירן, וועלכע זיינען אַזוי פאַראַכטעט און געהאַסט דורך די פאַרשווערערישע קליקעס.

געוויסע לייט האָבן דאַן געמאַכט דעם אַנשטעל, ווי זיי וואָלטן אָפּגעחוזקט פון אונדזער „נעאָ־פּאַטריאָטיזם". דאָס זיינען די זעלבע, וואָס האָבן געהאַנדלט אין די אינטערעסן פון אויסלאַנד, און דערנאָך — כדי איינצוהאַלטן זייערע פּריווילעגיעס — האָבן זיי אויסגעליפערט אונדזער לאַנד צו היטלערן. און דאָס — אין דער צייט, ווען צענדליקער טויזנטער קאַמו־ניסטן זיינען העלדיש געפאַלן פאַרן פאַטערלאַנד. אונדזער ליבע פאַרן לאַנד, דאָס איז די ליבע פאַר זיינע רומפולע טראַדיציעס, דאָס איז דער ווילן עס צוריק צו דערהייבן צו זיין מיסיע פון אַ פאָקל־טרעגער. אונדזער ליבע פאַרן לאַנד דאָס איז די ליבע פאַרן פאָלק, וואָס מיר ווילן, עס זאָל זיין פריי און גליקלעך; דאָס באַדייט — פראַנקרייך פאַר די פראַנצויזן, און נישט פאַר די, וואָס האָבן דורך זייער עגאָאיזם, זייער גיריקייט און זייער גייסטיקער

נידערטרעכטיקייט, שוין פון לאַנג זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון דער נאַציאָ־נאַלער געמיינשאַפט.

דער פּאַטריאָטיזם פון די פּשוטע פאָלקס־מענטשן, דער פּאַטריאָטיזם פון זשאַן ד'אַרק, די פּויערטע פון פראַנקרייך, וואָס איז געלאָזט געוואָרן אויף הפקר דורך איר קעניג און פאַרברענט געוואָרן דורך דער קירכע — גייט אַדורך אונדזער גאַנצע געשיכטע ווי אַ לויכטנדיקער שטראַל.

לאַ ברויער, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן עלנטן גורל פון די לייב־אייגענע, האָט געשריבן:

„בישטאָ קיין פּאַטערלאַנד אונטער דעספּאָטיזם" 1).

די דעמאָקראַטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן דעראָבערט זייער פּאַטערלאַנד. „דער המון פון שוסטערס און שניידערס", וואָס האָט געוווּנען די שלאַכט פון וואַלמי מיטן אויסגעשריי „זאָל לעבן די נאַציע!", איז געווען באַהויכט דורכן מעכטיקן אָטעם פון רעוואָלוציאָ־נערן פּאַטריאָטיזם.

אַ יונגער ווילער האָט מיר געשריבן נאָך די וואַלן פון 1936: „איך האָב געשטימט פאַר די קאָמוניסטן, ווייל איך האָב ליב פראַנקרייך".

* * *

די דעראָבערונגען פון יוני 1936 האָבן פאַרבעסערט די לעבנס־באַדינ־גונגען פון די אַרבעטער. זיי האָבן זיי געבראַכט מער זיכערקייט; זיי האָבן זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו געניסן פון אַביסל פאַמיליע־פרייד אַדאַנק דער ניי־געוווּנענער פרייער צייט; זיי האָבן דערהויבן דאָס געפיל פון ווירדע און באַוווּסטזיין ביים פּראָלעטאַריאַט.

דער דאָזיקער סאָציאַלער פאָרשריט איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אַ קולטור־אויפשוווּנג. די 40־שעהדיקע אַרבעט־וואָך, די געצאָלטע אורלויבן, האָבן פאַרלייכטערט דעם צוטריט צו ספּאָרט און מאַסן־טוריזם. עס האָבן זיך פאַרמערט קלובן, קרייזלעך, שולן.

די רעאַקציע אָבער באַמיט זיך צו סאַבאָטירן די טעטיקייט פונעם פאָלקס־פראָנט. זי שטעלט זיך קעגן די לוין־העכערונגען, זי זאָגט ווייטער אָפּ אַרבעטער, זי פּראָוואָצירט שטרייקן. זי איבט אויס אַ שאַנטאַזש אויף דער רעגירונג, פאַרופנדיק זיך אויף די פינאַנציעלע שוועריקייטן, כדי

1) לאַ ברויער: „די כאַראַקטערס" (וועגן מאָנאַרך אָדער וועגן דער רעפּובליק).

צו דערגרייכן, אַז די רעפאָרמען, וואָס דאָס פראַנצויזישע פאָלק דערוואַרט, זאָלן ווערן אָפּגעלייגט, אויב נישט איינגאַנצן פאַרוואָרפן.

געוויס האָט מען אונטערן דרוק פון די פאָלקס־מאַסן פיל אויפגעטאָן. מען האָט אָנולירט די אומגערעכטע דעקרעט־געזעצן קעגן די מלוכה־אָנגע־שטעלטע, קעגן די אַרבעטער פון די עפנטלעכע אַמטן, קעגן די געוויסע פראָנט־קעמפער. מען איז געקומען צו הילף די קליינהענדלער, עפענענדיק פאַר זיי ברייטערע קרעדיט־מעגלעכקייטן. מען האָט געשאַפן פאַר די פּויערן דעם „תבואה־אַמט", וואָס האָט זיי געזיכערט אַ פעסטן פּרייז פון דורכ־שניטלעך 146 פראַנק אַ צענטנער פאַרן סעזאָן 1936—1937 און פון 180 פראַנק אַ צענטנער פאַרן סעזאָן 1937—1938, אַנשטאָט 70 אָדער אַפילו 60 פראַנק אין דער צייט פון לאַוואַל. אָבער אונדזער פּאַרטיי האָט גע־זאָגט: דאָס איז נישט גענוג.

די קליינהענדלער, די האַנטווערקער וואַרטן נאָך אַלץ אויף די פאַר־לייכטערונגען ביים אויסצאָלן זייערע חובות און שטייערן, אויף דער רע־דוקציע פון זייער דירה־געלט, אויפן רעווידירן די וועקסלען, וואָס זיי האָבן אונטערגעשריבן ביים איינקויפן זייערע געשעפטן. די פּויערן פאָדערן צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע חובות, איינצושטעלן דאָס לאַנדווירטשאַפטלעכע אייגנטום, אַן אַרענדע־סטאַטוט, אַ פאַרזיכערונג־קאַסע קעגן לאַנדווירטשאַפטלעכע אומגליק־פאַלן, קאָלעקטיווע אָפּמאַכן וואָס שייך דעם פאַרקויף.

די פּויערן, די קליינהענדלער און די האַנטווערקער פאָדערן דאָס רעכט צו געניסן פון פאַמיליע־אונטערשטיצונג. צוזאַמען מיט די אַרבעטער פאַרלאַנגען זיי עמעריטור פאַר אַלטע לייט, וואָס דער פאָלקס־פראָנט האָט צוגעזאָגט פאַר די, וואָס שאַפן דאָס רייכטום פון לאַנד און אויך דאָס פאַרמעגן פון זייערע עקספּלואַטאַטאָרן.

אין פּאַריז, אין סענט־עטיען, אין גאַנצן לאַנד האָבן מיר אויף רירנדיקע מאַניפעסטאַציעס גערעדט וועגן דער עלנט פון די זקנים, פאָדערנדיק, אַז כדי מען זאָל זיי קענען געבן דאָס נייטיקסטע, זאָלן די פּריווילעגירטע אַביסל אָראָפּנעמען פון דעם, וואָס זיי האָבן איבעריק. אין הסכם מיט דער ס. זש. ט. האָט די פּאַרטיי פּראָקלאַמירט :„אַ פּענסיע פאַר די אַלטע, אַרבעט פאַר די יונגע!"

די פעדעראַציע פון די בוי־אַרבעטער, די ס. זש. ט. האָבן נישט באַ־וויזן צו דערגרייכן, אַז מען זאָל אָנהייבן דורכפירן אַן ערנסטן פּראָגראַם פון עפנטלעכע אַרבעטן. אַזאַ פּראָגראַם האָט אַנטשפּראָכן די אינטערעסן

פון די אַרבעטער, וועלכע וואָלטן אַזוי אַרום באַקומען נייע קוואַלן פון באַשעפטיקונג, און פון די פויערן, וועלכע נויטיקן זיך אין וועגן, וואַסער, עלעקטריע.

אין סעפטעמבער 1936 האָט די בלום־רעגירונג דורכגעפירט די ערשטע דעוואַלואַציע, נישט געקוקט אויף אונדזער קעגנשטעלן זיך און טראָץ די פאַרזיכערונגען, וואָס זיינען קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן אינעם געמיינזאַמען פראָגראַם. דורך דער דעוואַלואַציע האָבן די אַרבעטנדיקע פאַרלוירן אַ באַדייטנדיקן טייל פון די דערגרייכונגען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעריסן אין יוני. דערנאָך איז געקומען די „פויזע", וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם פאַרויס־מאַרש פונעם אַרבעטער־קלאַס און האָט באַגינסטיקט די קאַפּיטאַליסטישע קאָנטער־אָפענסיווע. צולעצט, האָט אַ צווייטע דעוואַלואַציע, אין יוני 1937, שוין לחלוטין צונישט געמאַכט די לוין־העכערונגען, וואָס זיינען אויפגעצוווּנגען געוואָרן די פאַטראָנען מיט אַ יאָר צוריק.

דער דאָזיקער פינאַנץ־פּאָליטיק פון לעאָן בלום האָט די קאָמוניסטישע פאַרטיי אַנטקעגנגעשטעלט דעם פּראָגראַם פונעם פאָלקס־פראָנט אין זיין פאָרמול: „די רייכע מוזן צאָלן!"

לאָמיר דערמאָנען די מאָסמיטלען, וואָס זיינען געמיינזאַם פאָרגעזען געוואָרן:

אַ דעמאָקראַטישע רעפאָרם פון שטייערן־סיסטעם, וואָס זאָל באַשטיין אין אַ פאַרקלענערונג פון די שטייערן־לאַסטן, כדי צו דערגרייכן אַ ווירטשאַפטלעכע ווידעראויפלעבונג; שאַפן הכנסה־קוואַלן דורך מאָסמיטלען, געווענדן קעגן די גרויסע פאַרמעגנס (אַ פאַרשנעלערטע פּראָגרעסיווע העכערונג פון די שטייערן אויף די גרויסע איינקונפטן; רעאָרגאַניזאַציע פון ירושה־שטייער, טאַקסירונג פון די פאַקטישע מאָנאָפּאָל־רווחים, אויסמיידנדיק יעדע אויסווירקונג אויף די קאָנסומאַציע־פרייזן.

אַ סוף מאַכן צום שטייערן־שווינדל איבער די באַוועגלעכע גיטער דורך איינפירן אַ גאָמעגטלעכע שטייערן־קאַרטע.

קאָנטראָל איבערן אַרויספיר פון קאַפּיטאַלן און די שטרענגסטע רעפּרעסיווע מיטלען קעגן זייער אַרויסשמוגלען, וועלכע זאָלן דערגיין ביז צו קאָנפיסקירן די פאַרשטעקטע פאַרמעגנס אין אויסלאַנד אָדער זייער גלייכן ווערט אין פראַנקרייך.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי שלאָגט שוין פאָר פון לאַנג אַ דעמאָקראַטישע שטייערן־רעפאָרם. די פאַרטיי פאַרלאַנגט ווייטגייענדיקע שטייערן־הנחות פאַר קליינע הכנסות און אַ פּראָגרעסיווע צוגאַב־טאַקסע פאַר גרויסע הכנסות; זי פאָדערט ווירקזאַמע מאָסמיטלען, כדי צו טרעפן די הכנסה ביי איר קוואַל גופא. זי איז קעגן אַ העכערונג פון די אומדירעקטע שטייערן,

וועלכע דריקן אויפן פאַרברויכער און טרעפן גאָר באַזונדערס די אָרעמע. זי לייגט פאַר העכערן דעם אַלגעמיינעם הכנסה־שטייער און איינשטעלן אַ צוגאָב־טאַקסע פאַר די רווחים פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע געזעל־שאַפטן.

אויב די דאָזיקע מאָסמיטלען וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר נישט גענוגנדיק צו שאַפן דאָס גלייכגעוויכט פונעם בודזשעט, זעט פאַר די קאָמוניסטישע פאַרטיי אָן אויסעראָרדנטלעכן שטייער אויף די גרויסע פאַרמעגנס.

די אָנווענדונג פונעם קאָמוניסטישן פּראָגראַם וואָלט דערמעגלעכט געזונטע מלוכה־פינאַנצן; ער וואָלט צוגעשטעלט דאָס געלט, וואָס איז נייטיק צו רעאַליזירן די סאָציאַלע רעפאָרמען און דורכצופירן די עפנטלעכע אַרבעטן, וועלכע וואָלטן מאָדערניזירט און אינגאַנצן פאַרענדערט דאָס לאַנד.

קאפיטל 5.

# פראַנקרייך און ענגלאַנד
# פון דער היטלערישער געפאַר

דאָס ווערסאַילער אייראָפּע. — די שלום־פּאָליטיק פון ראַטנ־פאַרבאַנד. — די קריגס־פּאָליטיק פונעם היטלעריזם. — „מיין קאַמף". — אין שטראַסבורג. — דער שפּאַנישער קריג. — די נישט־אינטערווענץ. — אַנרי באַרביס. — וואַיאַן קוטיריע. — ראָמען ראָלאַן. — היטלער אַנעקסירט עסטרייך. — מינכען (28־טער סעפּטעמבער 1938). — דאָס פונאַנדערפאַלן זיך פון פאָלקס־פראָנט. — דער שטרייק פון 30-טן נאָוועמבער 1938. — אַ רייזע קיין אַלזשיר. — די קאַגולאַרן. — די 5־טע קאָלאָנע. — אונטערהאַנדלונגען אין מאָסקווע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פון שלום. זי איז אַנטשטאַנען פונעם קאַמף קעגן דער מלחמה, פונעם מעכטיקן ווילן, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויפן קאָנגרעס פון טור, אין 1920, נישט מער צו דערלאָזן עס זאָל זיך איבערחזרן די טראַגעדיע, ביי וועלכער עס האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן דער 2־טער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסן אין די שלאַכטן קעגן דער אָקופּאַציע פון רור־געביט (1923), קעגן די רויבערישע קאָלאָניאַלע מלחמות אין מאַראָקע און אין סיריע (1925).

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אויסדריקנדיק דעם שלום־ווילן פונעם פראַנצויזישן פאָלק, האָט שטענדיק מיט אַנטשלאָסנקייט געשטיצט די כוחות פון פרידן, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן אין גאַר דער וועלט די כוחות פון קריג.

אין אָט דעם אייראָפּע פונעם ווערסאַילער טראַקטאַט האָט דער קאַפּיטאַליזם פאַרפילפאַכט די סתירות און פאַרשאַרפט די אַנטאַגאָניזמען. דער פאַשיזם האָט אויפגערייצט די נאַציאָנאַלע שנאה צווישן פעלקער און גע־

טאָן אַלץ, כדי צוצוגרייטן די צווייטע וועלט־מלחמה. דער וועט־געלויף אויפן געביט פון באַוואָפענונג איז געוואָרן אַלץ האַסטיקער. די ברען־פונקטן האָבן זיך פאַרמערט. אויפן ווילערבאנער קאָנגרעס אין 1936 האָב איך געזאָגט:

> צוויי גרופן מלוכות עקזיסטירן זייט ביי זייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט: איין גרופע, וואָס געניסט פונעם סטאַטוס פון 1919 און וויל אים אויפהאַלטן; אַ מלחמה קאָן איר ברענגען מער שאָדן ווי נוצן. די אַנדערע — וואָס וויל מיטן כוח פון וואָפן, אומוואַרפן דעם סדר פון 1919. אינערהאַלב דער ערשטער גרופע ווערט דורך די קרייזן פון קריגס־אינדוסטריעלער און מיליטאַריסטן פאַרטיידיקט אַ פּאָליטיק פון נאָכגיביקייט אָדער פון מיט־שותפות לגבי די פלענער פון די פאַשיסטישע מלוכות...
>
> די דריי מלוכות, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין אַ נייער צעטיילונג פון דער וועלט (דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן) פאַרבינדן זיך אַלץ ענגער צווישן זיך. דער איטאַליענישער איבערפאַל אין אַפריקע (עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער מלחמה קעגן עטיאָפּיע) דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס ערשטער עטאַפּ פונעם באַוואָפנטן קאָנפליקט, צו וועלכן עס האָט דערפירט דער קאַמף פון די סאַמע אָנגרייפערישע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואָס ווילן אַזוי אַרום, מיט דער הילף פון האַרמאַטן, ענדערן די מאַפּע פון אייראָפּע און פון אַזיע 1).

די פאַשיסטישע מלוכות האָבן פאַרשטאַרקט זייער אָנגרייפערישקייט קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווייל דאָס סאָציאַליסטישע לאַנד איז שוין לויט זיין עצם מהות דאָס לאַנד פון שלום, דער בעסטער פאַרטיידיקער פון דעמאָקראַטיע און פון פּראָגרעס. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געמאַכט אומגעהייערע אָנשטרענגונגען, כדי צו ראַטעווען דעם שלום.

די ראַטן־רעפּובליק האָט גלייך נאָך איר אַנטשטיין, דעם 7־טן נאָוועמבער 1917, זיך געוואָנדן צו דער וועלט מיט אַ שלום־רוף. זי האָט פאָרגעלייגט די פעלקער, וואָס האָבן זיך געפונען אין קריג, תיכף אָפּצושטעלן די שחיטה. זי האָט פאָרגעשלאָגן צו שליסן אַ גערעכטן און דעמאָקראַטישן שלום. די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען האָבן געענטפערט אויף דער דאָזיקער ווענדונג מיט פאַרטאָפּלען די געוואַלט־טאַטן און פאַרברעכנס. די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט גאַנץ אוקראַינע און זיך דערנענטערט צו פּעטראָגראַד. די ערשטע אַרבעטער־ און פּויערן־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן שפּעטער געבילדעט די מעכטיקע רויטע אַרמיי, האָבן אָפּגעשטויסן די פאַרכאַפּער און אָפּגעהאַלטן, דעם 23־טן פעברואַר 1918, די זיגן ביי פּסקאָוו און נאַרוואַ. נאָך די דייטשן זיינען געקומען די געוועזענע פאַרבינדעטע פונעם צאַרישן רוסלאַנד און האָבן אָרגאַניזירט די אינטערווענץ. זיי האָבן צוגעגרייט

1) מאָריס טאָרעז: „אַ פּאָליטיק פון פראַנקרייכס גרויסקייט", ז"ז 44—45.

קאנטער־רעוואלוציאנערע פארשווערונגען, באוואפנט די ווייס־גווארדייאישע באנדעס, זיך באמיט אין משך פון יארן צו פארניכטן מיט כוח די מאכט פון די סאוויעטן. אט דעמאלט האבן עס אנדרעי מארטי און זיינע חברים, די מאטראזן און סאלדאטן פונעם שווארצן ים, געראטעוועט דעם כבוד פון פראנצויזישן פאלק, אפזאגנדיק זיך צו ווענדן זייער געווער קעגן דער ערשטער סאציאליסטישער רעוואלוציע.

נאך דעם ווי די סאוויעטישע רעגירונג האט אפגעשטויסן דעם אנגריף פון די 14 קאפיטאליסטישע מלוכות און באזיגט די קאנטער־רעוואלוציע, האט זי זיך גענומען עקשנותדיק און אומדערמידלעך צו דער אויפגאבע פון ארגא־זירן דעם שלום און די אלגעמיינע אנטוואפענונג. שוין אויף דער קאנפערענץ פון גענוא, אין 1922, פארלאנגען אירע פארשטייער צו באגרענעצן די באוואפענונגען. אין 1927 שלאגן זיי פאר א פלאן פון טיילווייזער אנטוואפ־פענונג, אבער ווידער אן דערפאלג. אין 1932 חזרן זיי איבער די פארשלאגן. נישט געקוקט אויף אלע אנשטרענגונגען פון דער סאוויעטישער רעגירונג האט זיך די קאנפערענץ געענדיקט מיט גארנישט.

די שלום־פאליטיק פון ראטנפארבאנד האט זיך געשטיצט און שטיצט זיך ווייטער אויף דער מעכטיקייט פון זיין סאציאליסטישער ווירטשאפט, וואס גייט כסדר פאראויס; אויף דעם אומפארגלייכלעכן כוח פון זיינע העלדישע ארמייען און אויף דער אקטיווער אונטערשטיצונג פון די פאלקס־מאסן אין גאר דער וועלט.

אין דער צייט, ווען דאס היטלערישע דייטשלאנד, פארשיכורט פונעם מיליטאריזם און נישט מאכנדיק לגמרי קיין סוד פון זיינע קריגערישע פלענער, האט זיך צוריקגעצויגן פונעם פעלקער־בונד, — האט דער ראטנ־פארבאנד אין אים זיך אנגעשלאסן אין 1934. דער ראטנפארבאנד האט פאר־געלייגט א סיסטעם פון קאלעקטיווער זיכערקייט, וועלכער וואלט אפגענומען דעם קאמף־חשק ביים אנגרייפער און נישט דערלאזט צום קריג. קאלעקטיווע זיכערקייט האט באדייט שלום פאר אלעמען, אומצעטיילבארער שלום.

דער פראנצויזיש־סאוויעטישער פאקט, וואס איז אונטערגעשריבן געווארן אין מאסקווע אין 1935, האט פארגעשטעלט מיט זיך איינעם פון די הויפט־זיילן פונעם דאזיקן שלום־סיסטעם. געוויס, האט נישט די ליבע פאר דער דעמאקראטיע און נישט דער ענטוזיאזם פאר סאציאליזם געפירט די פאר־שטייער פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע קיין מאסקווע. די ווידער־אויפגעלעבטע גערמאנישע געפאר האט זיי געצוווּנגען זיך אומצוקערן צו דער טראדיציאנעלער פאליטיק פון פראנקרייך, וואס איז דיקטירט דורך

דער געאָגראַפישער לאַגע, נישט געקוקט אויף דער פאַרשידנקייט פון די פּאָליטישע רעזשימען. אין 16־טן יאָרהונדערט האָט דער אולטראַ־קריסטלעכער פראַנסואַ דער 1־טער, זיך פאַרבונדן מיטן סולטאַן סולימאַן דעם 2־טן קעגן שאַרל דעם 5־טן; אין 17־טן יאָרהונדערט, האָט דער קאַרדינאַל רישעליע זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון פאַרשטענדיקן זיך מיט גוסטאַוו־אַדאָלף, דעם פּראָטעסטאַנטישן קעניג פון שוועדן; צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָט די „דריטע רעפּובליק" זיך באַמיט צו דערגרייכן אַן אַליאַנס מיטן צאַר ניקאָלאַי דעם 2־טן.

אין אָט דעם אייראָפּע, וואָס איז געווען באַדראָט דורך די ווילדע אַמבי־ציעס פון אַ פאַרכאַפּער, אַ פאַרשיכורטן פון לעבנס־רוים — איז דער פראַנ־צויזיש־סאָוויעטישער פּאַקט געווען אַן אינסטרומענט פון זיכערקייט פאַר פראַנקרייך, פון סטאַבילקייט און פון שלום. ווי נאָר ער איז אונטערגעשריבן געוואָרן, איז ער אָבער גלייך געוואָרן פאַרשריגן, באַקעמפט און אָפּגעוואָרפן דורך אונדזער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע: צוליב איר אַנטיקאָמוניזם האָט זי פאַרלוירן דעם זין פאַר די עלעמענטאַרסטע פראַנצויזישע אינטערעסן. דריי יאָר נאָכן אונטערשרייבן, איז דער פראַנצויזיש־סאָוויעטישער פּאַקט, וואָס איז באַוווסטזיניק איגנאָרירט געוואָרן דורך אונדזערע רעגירער און וואָס איז פאַר זיי קיינמאָל נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּשוט שטיקל פּאַפּיר, צעטראָטן געוואָרן אין מינכען. מיט דער בלינדקייט, מיט וועלכער יופּיטער באַשטראָפט די, וואָס ער וויל אומברענגען, האָט דער הערשנדיקער קלאַס פון אונדזער לאַנד, אַנשטאָט דער אונטערשטיצונג פון ראַטנפאַרבאַנד געוואָלט ליבערשט אַ פאַרשטענדיקונג מיט היטלערן — מעג אַפילו פראַנק־רייך דערפון אומקומען!

און קיינער וועט דאָך נישט זאָגן, אַז דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל מען האָט נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן די געהיימע כוונות פונעם טיראַן!

שוין אין 1925 האָט היטלער אין „מיין קאַמף" באַקאַנט געמאַכט די צילן און פּרינציפּן פון זיין אויסערן־פּאָליטיק. די דאָזיקע „ביבל" פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז געוואָרן פאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד אין מיליאָ־נען עקזעמפּלאַרן. די לערער האָבן זי אויסגעטייטשט אין די שולן, די באַאַמטע פון ציוויל־שטאַנד האָבן זי געשאָנקען אַלס חתונה־מתנה די יונגע פּאָרלעך, ווי אַ ליבלינג־בוך.

דער דיקטאַטאָר האָט דאָרט אַנטוויקלט זיין העגעמאָניע־טעאָריע, וואָס איז באַזירט אויף דער אַזוי גערופענער העכערקייט פון דער גערמאַנישער

ראַסע; אַז זי שטעלט עס מכלומרשט מיט זיך פאַר די „האַרן־ראַסע", וואָס איז באַרופן צו באַהערשן די וועלט.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין פאַראייניקן אין איין דייטשן רייך אַלע מענטשן פון „דייטשן בלוט", וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער דענישער, טשעכישער, עסטרייכישער, פוילישער, רוסישער אָדער פראַנצויזישער טע־ריטאָריע. היטלער האָט געוואָלט ווידער איינשטעלן די גרענעצן פון דער רוימיש־גערמאַנישער „הייליקער אימפעריע" און דערנאָך זיך אַ לאָז טאָן צו דעראָבערן דעם מזרח. ווי באַקאַנט האָט די גערמאַנישע „הייליקע אימפע־ריע" אַחוץ דייטשלאַנד אַריינגענומען אין זיך האָלאַנד, בעלגיע, פלאַנדריע, עלזאַס און לאָרען, די פראָווינץ פראַנש־קאָנטע — 15 פון אונדזערע היי־טיקע דעפּאַרטאַמענטן, — עסטרייך, איטאַליע, טשעכאָסלאָוואַקיע און דעם מערב־טייל פון פוילן. היטלער האָט געוואָלט גרינדן אַ מעכטיקע אימ־פעריע, פון לאַמאַנש ביז צום קאַספּישן ים, פון אַרקטיק ביזן מיטללענדישן ים.

כדי צו דערגרייכן אָט די צילן, כדי אונטערצוויאָכן אייראָפּע און די גאַנצע וועלט אונטער זיין אוממענטשלעכער הערשאַפט, האָט היטלער געהאַט אַ מיטל, אַן איין און איינציקן: קריג!

דער שלום שטייט פולשטענדיק אין סתירה מיטן כאַראַקטער פון נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליזם. די מענטשהייט, דערקלערט ער, איז אויסגעוואַקסן אין אומ־אויפהערלעכן קאַמף, דער אייביקער שלום וואָלט זי געפירט צום קבר — דער שלום, „אָט די אומזיניקייט, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו דער נאַטור און צום פאַרשטאַנד"... 1).

פון אָנהויב ביזן סוף פון זיין בוך, שפּרייט זיך אויס היטלערס ווילדע, משוגענע שנאה צו פראַנקרייך:

ווייל ס'איז נייטיק, אַז מען זאָל זיך ענדלעך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון פונעם דאָזיקן פאַקט: דער בלוטיקער פיינט, דער אומברחמנותדיקער פיינט פון דייטשן פאָלק איז און פאַרבלייבט פראַנקרייך. עס איז נישט וויכטיק ווער עס האָט רעגירט אָדער וועט רעגירן מיט פראַנקרייך, צי דאָס זאָלן זיין די בורבאָנען אָדער די יאַקאָבינער, די נאַפּאָלעאָנס אָדער די בורזשואַזע דעמאָקראַטן, די קלעריקאַלע רעפּובליקאַנער אָדער די רויטע באָלשעוויקעס 2).

די דאָזיקע באַהויפּטונג פון „מיין קאַמף" איז דערגאַנצט און „באַרעכ־טיקט" דורך ווילד־משוגעדיקע געדאַנקען:

1) היטלער: „מיין קאַמף", ז. 315. דייטשע אויסגאַבע, מינכען 1935.
2) דאָרט, ז. 699.

פראַנקרייך איז און פאַרבלייבט דער פײַנט, פאַר וועלכן מיר דאַרפן צומערסטן מורא האָבן. דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס פאַלט אַלץ נידעריקער אַראָפּ צו דער מדרגה פון נעגערס, גראָבט אונטער שטילערהייט די עקזיסטענץ פון דער ווייסער ראַסע אין אייראָפּע, דורך דער הילף, וואָס עס גיט די יידן אויף צו דערגרייכן זייער ציל פון וועלט־הערשאַפט 1).

דעם 5־טן דעצעמבער 1936, אין מיין רעדע אין דעפּוטאַטן־קאַמער קעגן דער פּאָליטיק פון דער מכלומרשטער „נישט־אינטערווענץ״, האָט איך ציטירט, כדי זיי צו שטעמפּלען, די דאָזיקע חוצפּהדיקע ווערטער פון היטלערן. איינער פון זיינע אַגענטן האָט מיר געפּרוווט איבעררייסן. דאָס איז געווען פיליפּ אַנריאָ, וואָס איז שפּעטער אַזוי טרויעריק באַרימט געוואָרן. איך האָב פאַרגעלייענט נאָך אַנדערע שטעלן פון „מיין קאַמף״.

אויף זייט 765 שרייבט היטלער:

אַ צווייטע מלחמה וועט קומען. מען דאַרף אָפּריער אַזוי איזאָלירן פראַנקרייך, אַז די דאָזיקע צווייטע מלחמה זאָל מער נישט פאָרשטעלן מיט זיך קיין קאַמף פון דייטשלאַנד קעגן דער גאַנצער וועלט, נאָר אַ פאַרטיידיקונג פון דייטשלאַנד קעגן פראַנקרייך, וואָס ברענגט אומאָרדענונג אין דער וועלט און שטערט דעם שלום.

און ער גיט צו:

איך שטרייך אונטער דעם דאָזיקן פּונקט. איך בין דורכאויס איבערגעצייגט, אַז אָט די צווייטע מעגלעכקייט דאַרף אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן פאַרווירקלעכט ווערן, אַז זי וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

צולעצט, אויף זייט 766 שרייבט היטלער:

דייטשלאַנד זעט אין פראַנקרייכס פאַרניכטונג נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ מיטל, כדי ענדלעך צו דערמעגלעכן אונדזער פאָלק די וויט־גרעסטע אויס־פּרייטונג אויף אַן אַנדער באָדן. מיר זיינען היינט צו טאָג 80 מיליאָן דייטשן אין אייראָפּע. אונדזער אויסערן־פּאָליטיק וועט בלויז דאַן קענען באַטראַכט ווערן אַלס אַ גוט געפירטע, אויב אין ווייניקער ווי אין הונדערט יאָר אַרום וועלן לעבן 250 מיליאָן דייטשן אויף דעם דאָזיקן קאָנטינענט.

אַזויפיל משוגעת און רציחה וואָלטן באַדאַרפט עפענען די אויגן פון יעדן איינעם און אויפשטעלן ווי איין מאַן אַלע פראַנצויזן קעגן דעם מטורף. דאָס איז אָבער נישט געשען. דער הערשנדיקער קלאַס פון אונדזער לאַנד, פאַרבלענדעט דורך דער מורא און דורכן האַס צום פאָלק, האָט געוואָנדן זיין בליק צו היטלערן ווי צו דעם זשאַנדאַרם פון אייראָפּע, וואָס איז בכוח אויפצוהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע פּריווילעגיעס און „אויסצוראָטן דעם באָלשעוויזם״.

1) היטלער: „מיין קאַמף״, ז. 704.

טראָץ דער נעבעכדיקייט און אומזיניקייט פון זיינע טעאָריעס האָמן היטלערס אויסרעכענונגען זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. דער אַנטי־קאָמוניזם איז געווען אַן אויסגעצייכנט שפרינג־ברעט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע פאַרשקלאַפונג־פּלענער. אין זיין אַנטי־באָלשעוויסטישן קרייץ־צוג, איז ער געווען אונטערגעשטיצט דורך די קאַפּיטאַליסטן פון פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע. דער פאַשיזם האָט אונטערגעגראָבן פון אינעווייניק די „פיינטלעכע" מלוכות. זיין פאַרכאַפּערישע מלחמה איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אַ פאַקטישן אינטערנאַציאָנאַלן בירגער־קריג, וועלכן ער האָט שנעל געוווּנען און מיט ווייניק מי, ווייל זיין 5־טע קאָלאָנע האָט אומעטום פאַראַליזירט דעם קעגנערס פאַרטיידיקונג, אַריינגעפירט זיינע מענטשן אין די רעגירונגס־קאַבינעטן און געעפנט דעם וועג פאַר זיינע מאָטאָריזירטע אַרמייען. דורך פאַראַט, פונקט ווי מיטן כוח פון געווער, האָט ער געהאַט בדעה אויפצושטעלן די נייע גערמאַנישע אימפּעריע און באַשטימען איר גורל אויף טויזנט יאָר...

דער אַנטיקאָמוניזם איז געווען דאָס טראַגישע פערד פון היטלערן:

איך בין שוין לאַנג גרייט — האָט ער געזאָגט — זיך צו שטעלן אין באַציאונג מיט מענטשן, וואָס וועלן שאַפן אַ נייע רעגירונג, אַ רעגירונג לויט מיין איינזען. אַזעלכע מענטשן וועלן מיר געפינען אומעטום. מיר וועלן אַפילו נישט דאַרפן זיי איבערקויפן. זיי וועלן קומען צו אונדז פון זיך אַליין, געשטויסן דורך אַמביציע, דורך פאַרבלענדקייט, דורך ענגהאַרציקער מחלוקת, דורך גאווה. און דער שלום וועט אונטערגעשריבן ווערן נאָך איידער די מלחמה וועט אויסברעכן... מיר וועלן אין איין און דערזעלבער צייט זיך באַנוצן מיט אונדזערע וואָפן און דעמאָראַליזירן דעם קעגנער. דורך אַ נערוון־קריג... מיר וועלן אַרויסרופן אַ רעוואָלוציע אין פראַנקרייך... איך וועל אָנקומען צו די פראַנצויזן ווי אַ באַפרייער. מיר וועלן זיך פאַרשטעלן פאַרן פראַנצויזישן קליינבירגער ווי די פאַרטיידיקער פון אַ יושרדיקער סאָציאַלער אָרדענונג און פון אַן אייביקן שלום. די דאָזיקע לייט ווילן מער נישט הערן און געדענקען פון קריג און פון דערהויבנקייט. איך, אָבער, וויל מלחמה און אַלע מיטלען וועלן גוט זיין פאַר מיר... די מלחמה, דאָס בין איך 1).

מיט די דאָזיקע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אויגוסט 1932 אין זיין ווילע פון בערכטעסגאַדען, האָט היטלער אַזוי אַרום אויפגעקלערט זיין טאַקטיק מיט דער גאַנצער פינקטלעכקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט לאַנג־דורכגעטראַכטע פּלענער: ער האָט זי איבערגעגעבן, שפּעטער בוכשטעבלעך אָנגעוואַנדן. שוין אינעם דאָזיקן פעריאָד זאָגט ער אָפן אַרויס פאַר זיינע היימישע מענטשן, אַז ער צילט צו טאָטאַלער הערשאַפט.

1) הערמאַן ראַושנינג: „היטלער האָט מיר געזאָגט", ז"ז 22—26.

אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן נישט באַהערשן אייראָפּע, וועלן מיר בלויז וועגעטירן. דייטשלאַנד, דאָס באַדייט אייראָפּע... מיר דאַרפן האָבן אייראָפּע און אירע קאָלאָניעס. דייטשלאַנד איז דערווייל נישט מער ווי אַן אָנהייב. עס איז נישטאָ מער אויפן קאָנטינענט קיין איין לאַנד, וואָס זאָל פאַרשטעלן מיט זיך איין פולקאָמע גאַנצקייט. אונדזער פולקאָמער רוים. דאָס איז אייראָפּע 1).

כדי צו זעטיקן אָט די ווילדע אַמביציע, שפּילט היטלער אויף די נידעריקסטע און העסלעכסטע אינסטינקטן, באַנוצט זיך מיט די צומערסטן מאַכיאַוועלישע און אומווירדיקע מיטלען. זיין פילאָזאָפיע שטעלט זיך אויפן אויפגעהעצטן דייטשן נאַציאָנאַליזם, אויפן אַנטיסעמיטיזם, אויף דער בלוט־דורשטיקייט און דעם האַס, אויפן מעכאַניזירטן געדאַנק און געפיל, אויף דער פאַראַכטונג צום מענטשן, אויף דער מעטאַדישער גרויזאַמקייט, אויפן גייסט פון רויב. דער תוך פון היטלעריזם דאָס איז די פאַרניכטונג פון אַלץ, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער ראַסע פון די אַרישע האַרן אין זייער מאַרש צו אומבאַגרענעצטער מאַכט. איינער פון די „טעאָרעטיקער" פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, ראָזענבערג, רעדט מיט באַ־גייסטערונג וועגן דעם „מיטאָס פון בלוט, וואָס צעפלאַקערט, אונטערן צייכן פונעם האַקן־קרייץ, די וועלט־רעוואָלוציע". די דאָזיקע „וועלט־רע־וואָלוציע" דאַרף עס ענדערן דעם לויף פון דער געשיכטע, אַ סוף מאַכן צו דער באַוועגונג, וועלכע טראָגט די מענטשהייט, זינט דעם רענעסאַנס דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דורך דער רוסישער רעוואָלוציע, צו אַ בעסערער און מער גערעכטער געזעלשאַפט. אָט די אַלע ווערטן פון הומאַניזם האָבן עס די מאַטעריזירטע באַרבאַרן געהאַט בדעה צו פאַר־ניכטן.

דער פאַרשאָלטענער נביא פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, נאָכדעם ווי ער האָט אומעטום געזייט חורבן און פאַרגאָסן טייכן בלוט און טרערן, איז פאַרשוווּנדן, אָבער די גיפטיקע באַצילן פונעם ראַסיזם עקזיס־טירן נאָך ווייטער און נישט בלויז אין דייטשלאַנד. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נעמלעך, ווו עס האַלט אָן די דיסקרימינאַציע צווישן ווייסע און שוואַרצע, איז דער ראַסיזם, אַ צעפלאַקערטער דורך די כוחות פון דער רעאַקציע, געוואָרן אַ דויערהאַפטע דערשיינונג.

דער פאַשיזם קען זיך אויך אָנשפּאַרן אויף אַנדערע „אידייען", כדי צו

1) הערמאַן ראַושנינג : „היטלער האָט מיר געזאָגט", ז. 42.



מאָריס טאָרעז און פּאַסיאָנאַריאַ

מאָריס טאָרעז, שמועסנדיק מיט דאָלאָרעס איבאַרורי (פּאַסיאָנאַריאַ) אויף צו־מאָרגנס נאָך מינכען. ער זעט שוין דעמאָלט פאָר אַלע קאָנסעקווענצן פון דער שענדלעכער קאַפּיטולאַציע. די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן באַשטעטיקט אין אַלע הינזיכטן זיין קלאָרזעעוודיקן אַנאַליז. אָט די טראַגישע פּערספּעקטיוון פאַר־כמורען זיין, געוויינלעך אַזוי־שטראַלנדיק, געזיכט.

דערגרייכן זיין ציל, אָבער אומעטום, ווו די טעאָרעטיקער אין דינסט פון די אָליגאַרכיעס פריידיקן ראַסיזם, עקזיסטירט די געפאַר פון פאַשיזם.

אַזוי אַרום האָט די קריגערישע פּאָליטיק פון היטלער־דייטשלאַנד זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער שלום־פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד, זיין סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערקייט און פון אומצעטיילבאַרן שלום. כדי בעסער צו צעשמעטערן אַלע זיינע קעגנער איינעם נאָכן אַנדערן, באַמיט זיך דער נאַצישער דיקטאַטאָר צו „לאָקאַליזירן די מלחמה״. ער וויל גיין עטאַפּנווייז: עסטרייך, מעמעל, די סודעטן, טשעכאָסלאָוואַקיע, דער פּוילישער קאָרי־דאָר, פראַנקרייך. ער גייט אויפפרעסן אייראָפּע אַ ביסן נאָך אַ ביסן. ער האָט אומגעוואָרפן די דייטשע רעפּובליק פון 1933, אונטערן אויסרייד פון באַשיצן דייטשלאַנד קעגן דעם קאָמוניזם; דער זעלבער אויסרייד דינט אים שפּעטער, כדי איינצושלינגען די וועלט. פאַכענדיק מיטן געשפּענסט פון דער „באָלשעוויסטישער געפאַר״, האָט ער בדעה צו גרופּירן הינטער זיך די רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע עלעמענטן פון אַלע לענדער, צו פאַר־ניכטן דעם פראַנצויזיש־סאָוויעטישן פּאַקט, צו איזאָלירן פראַנקרייך.

מיט ענגלאַנד שליסט היטלער דעם ים־אָפּמאַך דעם 18־טן יוני 1934, אינעם יאָרטאָג פון דער שלאַכט ביי וואַטערלאָ, כדי צו דערמאָנען די ענג־לענדער די געמיינזאַמע פאַרגאַנגענע קאַמפן קעגן פראַנקרייך. אין 1936 שרייבט ער אונטער מיט יאַפּאַן דעם „אַנטי־קאָמינטערן״־פּאַקט, אין וועלכן עס שליסט זיך אינגיכן אָן איטאַליע. מוסאָליני, וועלכער האָט פאַר־כאַפּט עטיאָפּיע אין 1935, כדי זי צו באַשיצן קעגן „דעם באָלשעוויזם און דער באַרבאַריי״, פאַרבינדט זיך מיט היטלערן, און דער ערשטער רעזולטאַט פון זייער שותפות איז, אַז ס'אונטערשטיצן דעם אויפשטענדלער פראַנקאָ קעגן דער שפּאַנישער רעפּובליק. כדי אָפּצורייסן די סודעטן פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע, שטיצט זיך היטלער גלייכצייטיק אויף דאַלאַדיע און טשעמ־בערליין, און אויף פּוילן פונעם פּולקאָווניק בעק. מיט אַ יאָר שפּעטער וואַרפט ער קעגן דעם זעלבן פּוילן זיינע האָרדעס, איידער ער גייט פאַר־כאַפּן פראַנקרייך. אַזוי אַרום שטופּט ער פאַרויס זיינע פיגורן אויפן אייראָ־פּעאישן שאָך־ברעט און פאַרווירקלעכט זיין פּראָגראַם פונקט נאָך פונקט, מעטאָדיש, באַזייטיקנדיק געוויסע קעגנער און נייטראַליזירנדיק אַנדערע, וועמען ער וועט באַזייטיקן שפּעטער.

וואָס האָבן אין משך פון דער דאָזיקער צייט געטאָן די יעניקע, וועמענס פאַרניכטונג ער האָט אָנגעזאָגט אין זיין בוך?

זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן. זיי האָבן נישט געוואָלט זען. זיי האָבן נישט געוואָלט הערן. זיי האָבן אָנגעוואָנדן די „נישט־אינטערווענץ". זיי האָבן היטלערן צוגעגעבן מוט אין זיין אַגרעסיע־פּאָליטיק קעגן אייראָפּע און קעגן דער וועלט.

אַזאַ פאַרבלענדקייט האָט געמוזט דערפירן פראַנקרייך אויפן ראַנד פון אָפּגרונט.

מיט יעדער קאַפּיטולאַציע פאַרלירט פראַנקרייך אַ פאַרבינדעטן, בעת דער שונא ווערט פאַרשטאַרקט. אַלס פּועל יוצא פון רעמיליטאַריזירן דעם ריין־געביט דעם 7־טן מערץ 1936, דערווייטערן זיך פון אונדז יוגאָסלאַוויע, פּוילן, רומעניע; די „נישט־אינטערווענץ" אין שפּאַניע צעמענטירט מיטן שפּאַנישן בלוט די אַליאַנס פון די פאַשיסטישע דיקטאַטאָרן; מינכען דערמעגלעכט צו באַזייטיקן טשעכאָסלאָוואַקיע און שאַפט, דורכן איזאָלירן דעם ראַטנפאַרבאַנד, די נייטיקע באַדינגונגען פאַרן דייטשן אָנגריף פון 1־טן סעפּטעמבער 1939, וואָס וועט אַרויסרופן דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה.

דער מאָראַלישער צוזאַמענברוך פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע האָט זיך אויסגעדריקט דורך אַן אַלץ שטאַרקערער אַפּהענטיקייט, געליימטקייט און פּחד. די בורזשואַזיע טראַכט בלויז וועגן אירע קלאַסן־אינטערעסן, וועגן אירע באַדראָטע פּראָפּיטן. אירע רעגירונגען זייַנען פּונקט ווי די רעגירונגען פון די טיערס און פון די טראָשיס אין 1870 — רעגירונגען פון נאַציאָנאַלער דעזערציע. פון איצט אָן איז בלויז דער אַרבעטער־קלאַס דער, וואָס טראָגט אויס די זאָרג פאַרן לאַנד און וואָס וואַכט איבער זיין זיכערקייט און אומאָפּהענגיקייט.

דעם 10־טן און 11־טן אָקטאָבער 1936 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געדאַרפט דורכפירן אַ פּראָפּאַגאַנדע־טורנעי אין עלזאַס און לאָרען. די לייט פון די 200 משפּחות און די היטלער־אַגענטן האָבן זיך שטאַרק באַמיט אויפצוהעצן די עלזאַסער קעגן די קאָמוניסטן. אויטאָנאָמיסטן, פייערקרייצלער, מאָנאַרכיסטן, אַנטיסעמיטן און רעאַקציאָנערן — זיי אַלע האָבן זיך פאַרבונדן קעגן אונדז. די פּרעפעקטן פון די דריי דעפּאַרטעמענטן האָבן איבערגעשיקט קיין פּאַריז ראַפּאָרטן, אין וועלכע זיי האָבן פאַרלאַנגט צו פאַרבאָטן אונדזערע מיטינגען. אונטערוואַרפנדיק זיך גערן די פאַשיסטישע באַפעלן, האָט בלום דערלויבט בלויז דריי פאַרזאַמלונגען. אָבער דאָס אַרבעטער־עלזאַס האָט שאַרף רעאַגירט. עס האָט זיך אָפּ־

גערופן דאָס גאַנצע עלזאַסער פאָלק — די אייניקלעך פון די פויערן פון „בונד־שו" 1), וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן די פּרינצן, די זין פון אָט דעם עלזאַס, וואָס האָבן דורכגעלעבט די גרויסע רעוואָלוציע, צוזאַמען מיט פראַנקרייך, און וועמעס פרייהייט־טראַדיציעס זיינען געבליבן איינגע־וואָרצלט טראָץ פופציק יאָר פון דייטשער אָקופּאַציע.

אין שטראַסבורג, בעת דער פּאַריזער האָט נאָך מיין רעדע, וועלכע האָט שפּעטער אַרויסגערופן אַזאַ רציחה ביים „פירער", געשטעלט צו אָפּ־שטימונג די רעזאָלוציע און געפרעגט: „ווער איז קעגן?" — האָט אינעם דאַזיקן ריזיקן זאַל, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט אַן ענטוזיאַסטישן עולם, אַ הילכיקע שטימע געענטפערט: „היטלער!"

היטלער האָט נישט בלויז פאַרשאָלטן דעם באָלשעוויזם; ער האָט אויך ווילד געהאַסט די דעמאָקראַטיע.

אונדזער פאָלק ווייסט אָבער, אַז פראַנקרייך איז געוואָרן מעכטיק און אַז איר רום האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט אַדאַנק דער גרוי־סער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע פונעם 18־טן יאָרהונדערט. דאָס פאָלק האָט היינטער די באַמבאַסטישע דעקלאַראַציעס אַרויסגעזען די צילן, וואָס היטלער האָט זיך באַמיט צו פאַרווירקלעכן. צי האָבן דען פיט און מע־טערניך, אָט די שונאים פונעם רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך, נישט באַ־הויפּטעט אין זייער צייט, אַז זיי קעמפן קעגן דער „אַנאַרכיע"; אַז זיי ווילן ראַטעווען די „קריסטלעכע ציוויליזאַציע"? אין דער ווירקלעכקייט האָבן פיט און מעטערניך געוואָלט אָפּשוואַכן פראַנקרייך, אָפּרייסן זיינע קאָלאָ־ניעס און זיינע טעריטאָריעס, זיך אָנזעטיקן מיטן פאַרכאַפּטן רויב. דאַסגלייכן זיינען היטלערס חרמות קעגן קאָמוניזם און דעמאָקראַטיע געווען בלויז אַן אויסרייד פאַר אינטערווענצן און דעראָבערונגען. „איירָאָפּע וועט מאָרגן זיין פאַשיסטיש" — האָט געהאַט פּראָקלאַמירט מוסאָליני.

דער פאַשיזם האָט דירעקט געפירט צום קריג. „אַ דייטש שטאַרבט נישט אין זיין בעט", האָט גערינג געזאָגט. און ער האָט צוגעגעבן: „איר האָט נישט קיין פוטער, איר האָט אָבער האַרמאַטן". די נאַציס האָבן אויפגע־שטעלט אַ סאָציאַלע אָרדענונג, וועגן וועלכער עס האָט אוודאי נישט גע־

1) געהיימער בונד פון פויערן און פּלעביייער, געשאַפן אין עלזאַס אין 1493, און וואָס האָט ביזן פויערן־קריג פון 1525 געקעמפט קעגן די פעאָדאַלן. דער „בונד־שו" האָט גענומען אַלס עמבלעם אַ פויערישן שוך מיט לאַנגע רימענס: פון דאַנען שטאַמט טאַקע זיין נאָמען.

חלומט אונדזער אַלטער פוריע: זיי האָבן געשאַפן דעם פּאַלאַנסטער 1) פון צוואַנג־אַרבעט, פון קערפּערלעכע שטראָפן, פון הונגער!

היטלער האָט געהאַט צו פאַרצייכענען כסדרדיקע זיגן. די אויסער־געוויינלעכע נאָכגיביקייט מצד די רעגירונגען פון פראַנקרייך און ענג־לאַנד, האָט אים דערמעגלעכט צו ברעכן אומבאַשטראָפט אַלע פּונקטן פון די אָפּמאַכן. ער האָט צוריק איינגעפירט דעם אָבליגאַטאָרישן מיליטער־דינסט און מען האָט אים קיין וואָרט נישט געזאָגט. אין מערץ 1936 רעמיליטאַריזירט ער דעם לינקן ברעג פון ריין און מען זאָגט אים ווידער גאָרנישט. עס בלייבט אים איצט בלויז צו ענדערן דעם טערי־טאָריאַלן סטאַטוס, איבערצורוקן די גרענעצן.

היטלער און מוסאָליני האָבן געהאָלפן צוגרייטן די פראַנקיס־טישע פאַרשווערונג קעגן דער שפּאַנישער רעפּובליק; ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, זיינען זיי אים געלאָפן צו הילף, דערקלערנדיק, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט דערלאָזן אויפצושטעלן אַ „סאָוויעטישע רעפּובליק" אין שפּאַניע. זיי האָבן די פאָלקס־רעגירונג, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די שפּאַנישע וואַלן פון פעברואַר 1936, באַצייכנט אַלס סאָ־וויעטישע. דער דאָזיקער אומפאַרשעמטער ליגן האָט זיי דערלויבט צו אינטערווענירן אין נאָמען פון זייער אַנטיקאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

דעם 25־טן אויגוסט 1936, האָב איך אין ביפּאַלאָ געמאַכט פאָלגנדיקע וואָרענונג:

> היטלער און מוסאָליני ווילן זיך פאַרזיכערן די הערשאַפט איבערן מערב־טייל פונעם מיטללענדישן ים. זיי ווילן, קעגנאיבער דעם גיבראַלטאַר, האַלטן אין די הענט דאָס שפּאַנישע מאַראָקע.

עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז דער היטלערישער גענעראַל־שטאַב האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ בליץ־אַטאַקע קעגן פראַנקרייך. שפּאַניע, אַ פאַרבינדעטע פון דייטשלאַנד און איטאַליע, האָט גע־דאַרפט דינען אַלס באַזע פאַר זייער ים־ און לופט־פלאָט. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַרומרינגלען פראַנקרייך, אין פאַרוואַנדלען עס אין אַ באַ־לאַגערט לאַנד. אָבער די פראַנצויזישע רעגירונג האָט דערויף פאַרמאַכט די אויגן. לעאָן בלום איז אַרויס מיט דער איניציאַטיוו פון דער „נישט־אינ־טערווענץ". ער האָט אויפגענומען מיט גרויס פּאָמפּע דעם ד״ר שאַכט,

1) געמיינשאַפטלעכער ישוב אינעם סיסטעם פונעם אוטאָפּיסט פוריע. (באַמ. פון איבערז.).

דעם שליח פון היטלערן. עס איז בלויז גערעדט געוואָרן וועגן פינאַנץ־פראָ־בלעמען — האָט מען פאַרזיכערט. אָבער ד״ר שאַכט האָט פאַרן נעמען דעם אַוויאָן אומצוקערן זיך קיין בערלין, דערקלערט, „אַז ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַנצווייזן אויף די געפאַרן פון דער קאָמוניסטישער פראָפּאַגאַנדע״. („לע טאַן״, 27־טער אויגוסט 1936).

דער פראָגראַם פונעם פאָלקס־פראָנט האָט אָבער בפירוש געזאָגט:

אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט אין די ראַמען פונעם פעלקער־בונד פאַר קאָלעקטיווער זיכערקייט, דורך קלאָר באַצייכענען דעם אַנגריי־פער און דורך אָנווענדן אויף אַן אויטאָמאַטישן און סאָלידאַרישן אופן סאַנקציעס אין פאַל פון אַן אַנגריף.

אָפּוואַרפן די געהיימע דיפּלאָמאַטיע; אינטערנאַציאָנאַלע שריט און עפנט־לעכע פאַרהאַנדלונגען, כדי צוריקצובריינגען קיין זשענעוו די מלוכות, וואָס האָבן זיך פון דאָרט דערווייטערט, נישט אָנרירנדיק דערביי די יסודותדיקע פּרינציפּן, אויף וועלכע ס'איז באַזירט דער פעלקער־בונד — די קאָלעק־טיווע זיכערקייט און דער אומצעטיילבאַרער שלום.

עס איז געווען אַ היפּשער מהלך צווישן דעם דאָזיקן פּראָגראַם און דער טרויעריקער פּאָליטיק פון איינזייטיקער נייטראַליטעט, וואָס איז גע־וואָרן אָנגעווענדעט צום שאָדן פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניע און פון פראַנקרייך.

שוין אין יולי 1936 האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז פראַנקאָס אויפשטאַנד באַדייט דער אָנגריף פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם. מיר האָבן געזאָגט, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ געפאַר, נישט בלויז קעגן דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פונעם שפּאַנישן פאָלק, נאָר אויך קעגן דער זיכער־קייט פון פראַנקרייך און קעגן דעם שלום.

מיר האָבן געשטעמפּלט די פּרעסע־קאַמפּאַניעס און די רכילות פון די פראַנצויזישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן אונטערגעשטיצט די שפּאַנישע פּעאַ־דאַלן, די מערדער פון באַדאַכאָז און גערניקאַ, און וועלכע האָבן געשאָנ־קען פראַנקאָן אַן ערן־שווערד. די בלאָקאַדע קעגן דער שפּאַנישער רע־פּובליק איז געווען אַ פאַרברעכן. מיר האָבן געפאָדערט אַוויאָנען און געווער פאַר שפּאַניע, כדי די שפּאַנישע אַרבעטער און פּויערן זאָלן קענען צוריקשטויסן די אויפשטענדלער, וועלכע האָבן באַקומען בשפע קריגס־מאַטעריאַל פון היטלערן און מוסאָליניץ. די מפּלה פון דער שפּאַנישער רע־פּובליק וואָלט געווען אונדזער אייגענע מפּלה. אין פולן הסכם מיט דער ס. זש. ט. האָבן מיר געפאָדערט דורכצופירן דעם פּראָגראַם פונעם פאָלקס־

פראַנס, אַנצוווענדן דעם פאַקט פונעם פעלקער־בונד, אָפּצוהיטן די עלע־מענטאַרע פּרינציפּן פון די אינטערנאַציאָנאַלע רעכט.

די פראַנצויזישע פאַשיסטן האָבן געטענהט, אַז מיר ווילן קריג. אַ ליגן! מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט פאַר אַ באַוואָפנטער אינטער־ווענץ אין שפּאַניע. פאַרקערט, מיר האָבן געפאָדערט, מען זאָל אַ סוף מאַכן צו דער פאַשיסטישער אינטערווענץ. מיר האָבן פּראָטעסטירט קעגן אָט דער פּאָליטיק פון מכלומרשטער נייטראַליטעט, וואָס האָט געשטעלט אויף איין פלאַך די קרבנות און די אַנגרייפער, די רעפּובליקאַנער און די בונטאָווטשיקעס און וואָס האָט כסדר נאָכגעגעבן דעם שאַנטאַזש פון די פאַשיסטישע דיקטאַטאָרן, וועלכע זיינען געווען זיכער, אַז זיי וועלן בלייבן אומבאַשטראָפט.

מיר האָבן געשטעמפּלט דעם „טראַגישן טעות”, פאַר וועלכן דער שפּאַ־נישער פּראָלעטאַריאַט האָט באַצאָלט מיט זיין בלוט 1).

די אַזוי גערופענע „נישט־אינטערווענץ”־פּאָליטיק איז געווען אַ מיאו־סער שווינדל. די כסדרדיקע קאָנצעסיעס און קאַפּיטולאַציעס האָבן געקענט בלויז צוגעבן מוט די פאַשיסטישע הערשער, וועלכע האָבן מיט יעדן טאָג אינטערווענירט אַלץ אָפענער. דער איטאַליענישער גענעראַל־שטאַב האָט עקספּעדירט גאַנצע דיוויזיעס און האָט פאַרעפנטלעכט טאָג־טעגלעך קאָמוניקאַטן וועגן די מלחמה־אָפּעראַציעס אין שפּאַניע. מוסאָליני האָט אַרויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס צו זיינע סאָלדאַטן אויפן שלאַכט־פעלד, אָבער דאָס האָט זיי נישט געשטערט צו אַנטלויפן פון די רעפּובליקאַנער מיט חרפּה אויפן פראָנט פון גוואַדאַלאַכאַראַ. היטלערס אַוויאַנען האָבן געזייט טויט און פאַרוויסטונג אין גאַנץ שפּאַניע; זיינע האַרמאַטן האָבן אין אַלמעריאַ געהרגעט פרויען און קינדער. פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן אָבער גע־שוויגן, זיך צוריקגעצויגן, געגעבן זייער הסכמה, פּונקט ווי אין דער צייט פון די איטאַליענישע רויבערייען אין אַביסיניע.

„אַ לעכערלעכע און טראַגישע שפּיל” — האָט דערקלערט דער אַרציבישאָף פון קענטערבערי. מען האָט געלאָזט פריי דאָס פעלד פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם, וועלכער האָט געמאַכט פון שפּאַניע אַ בית־עולם. די „נישט־אינטערווענץ” איז געווען אַ בפירושער פאַראַט פון דער דעמאָקראַטיע, פון דעם רעפּובליקאַנישן שפּאַניע און פון פראַנקרייך.

---

1) פונעם בריוו, וואָס די שפּאַנישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דעם 24־טן אָקטאָבער, איבערגעשיקט דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

איך וועל תמיד געדענקען די פראַגן, וואָס עס האָבן מיר געשטעלט די פרויען און קינדער אין וואַלענציע און מאַדריד: „וועט איר אונדז לאָזן אויסשחטן? וועלן עס די פראַנצויזישע אַרבעטער דערלאָזן? ניין, דאָס איז אוממעגלעך!" איך וועל תמיד געדענקען די קרעפטיקע שפּראַך פון די פרייהייט־סאָלדאַטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די מאַראָקאַנער און דייטשן, וועלכע זיינען געקומען פאַרכאַפּן שפּאַניע. אין אַ די טראַנשייען פון מאַדריד, ווו עס האָבן זיך געשלאָגן מיינע דריי שוואָגערס, וועלכע זיינען באַלד אין די ערשטע טעג פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע (דער עלטסטער פון זיי, מאַראָ פליקען, איז שפּעטער העלדיש געפאַלן ביי אַראַגאָן, איבערלאָזנדיק אַן אלמנה און צוויי יתומים) — האָט מען זיך אויף גאָרנישט באַקלאָגט. די הענט האָבן פעסט געדריקט די ביקסן, די אויגן האָבן געפינקלט, די שפּאַנישע קעמפער האָבן געזאָגט:

> מיר קעמפן פאַר דער פרייהייט, פאַר אונדזער און אייער אומאָפּהענגיקייט.
> מיר שטויסן היינט אָפּ דעם שונא, וועלכער וועט מאָרגן אייך באַדראָען.
> די שלאַכט, וואָס מיר פירן קעגן פאַשיזם, איז אייער אייגענע שלאַכט, דעמאָקראַטן פון אַלע לענדער!

וואָס פאַר אַן אומגעצוימטער מוט, וואָס פאַר אַ קרבנות־גרייטקייט ביי אָט די שפּאַנישע אַרבעטנדיקע, וועלכע האָבן געענטפערט מיט ענטוזיאַזם און צוטרוי אויף די פלאַמיקע רופן פון די צוויי ווונדערבאַרע קעמפער, כאָזע דיאַז און פּאַסיאָנאַריאַ!

איצט איז קלאָר, אַז די קאָמוניסטן זיינען געווען גערעכט. וויפל אומגליקן, וויפל ליידן וואָלטן געוואָרן אויסגעמיטן, ווען מען וואָלט אונדז דאַן געפאָלגט! און די רעפּובליקאַנער וואָלטן נישט געהאַט, נאָך היינט, אַ פאַרביטערטע האַרץ, צוקוקנדיק זיך ווי פראַנקאָ ווערט אויפגעהאַלטן ביי דער מאַכט קעגן דעם ווילן פון שפּאַנישן פאָלק, דורך די זעלבע כוחות פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די „נישט־אינטערווענץ".

די קאָמוניסטן האָבן נישט בלויז באַקעמפט בלומס פּאָליטיק, זיי האָבן רעאַגירט מיט מעשים. אַנדרעי מאַרטי האָט אָרגאַניזירט די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. דריי טויזנט פראַנצויזן רוען אויף אייביק אין דער שפּאַנישער ערד. די פרויען, די מיידלעך, מיט וועלכע עס האָט דאַן אָנגעפירט דאַניעל קאַזאַנאָוואַ, האָבן אונטערגענומען אַן אַקציע פון זאַמלען מילך

פאַר די שפּאַנישע קינדער. די אַרבעטער־ און דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געשאַפן געלט, שפּייז און האָבן אויפגענומען די פּליטים.

* * *

אין 1935 האָבן מיר געהאַט אַ ווייטיקפולע אבידה: אַנרי באַרביס, דער אָרגאַניזאַטאָר פון די אַנטי־פאַשיסטישע קאָנגרעסן פון אַמסטערדאַם (1932) און פון זאַל פּלעיעל אין פּאַריז (1933) איז פון אונדז אויף אייביק אַוועקגעריסן געוואָרן. אונדזער גרויסער פריינט איז געשטאָרבן אין מאָסקווע, קורץ נאָכדעם ווי ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער 7־טער און לעצטער קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אויף וועלכן ער איז בייגעווען. אינעם גרויסן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויער־שטוב, האָבן מיר געהאַלטן די לעצטע ערן־וואַך אַרום באַרביסן, בעת די סאָוויעטישע אַרבעטנדיקע, די אַרטיסטן, די געלערנטע האָבן פאַרביידעפילירט אָן אויפהער. מיט אַ וואָך שפּעטער האָט אַ ריזיקער פּאַריזער עולם, מענער און פרויען, באַגלייט דעם מחבר פון „פייער" אויפן „פער־לאַ־שעז", וווּ ער רוט קעגנאיבער דער קאָמונאַרן־וואַנט.

צוויי יאָר שפּעטער, אין אָקטאָבער 1937, האָבן מיר געהאַט אַ צווייטע גרויזאַמע אבידה. אַ געוויסן אָוונט, אין אַ טאָג פון קאַנטאָנאַלע וואַלן, בעת איך האָב זיך געקליבן צוצוגיין אין דער „הימאַניטע", כדי זיך צו דערוויסן די רעזולטאַטן, האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טעלעפאָן. מען האָט מיר גראָד טעלעפאָנירט פון דער צייטונג און מיר איבערגעגעבן וועגן דעם פּלוצלונגדיקן טויט פון וואַיאַן־קוטיריע. דאָס לשון איז מיר אָפּגענומען געוואָרן. איך האָב געהערט און נישט באַנומען די רייד.

פאָל האָט געהערט צו אָט דעם דור, וועלכן די מלחמה האָט אַזוי שווער געטראָפן. ער גופא, אַ פיל מאָל פאַרוווּנדעטער, איז געווען אַ קרבן פון אַ גאַז־אַנגריף. ער האָט געטראָגן אין האַרצן אַ האַס צו דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. ער האָט געשטעלט אין דינסט פון פאָלק זיין יוגנט, זיין ברען, זיי שאַרפע אינטעליגענץ, די אויסערגעוויינלעכע מעלות, מיט וועלכע די נאַטור האָט אים באַשאָנקען און וועלכע האָבן פון אים געמאַכט אַן ערשטקלאַסיקן זשורנאַליסט, אַ ליידנשאַפטלעכן און איבערצייגנדיקן אָראַטאָר. איך בין געווען מיט עטלעכע יאָר יינגער פון אים. זינט דער צייט פונעם „קאָמיטעט פאַרן 3־טן אינטערנאַציאָנאַל" האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אונדז אַ נאָענטע, ברידערלעכע פריינטשאַפט. אין

משך פון ערשטן פעריאָד פון זיין אומלעגאַלער טעטיקייט אין 1927 — 1929 האָט ער מיך אַ געווויסע צייט ביי זיך אויסבאַהאַלטן. אין דער תפיסה „סאַנטע" זיינען מיר געזעסן אין שכנותדיקע צעלעס.

אָט דער אינטערנאַציאָנאַליסט איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט, וואָס האָט אין זיין האַרצן פאַראייניקט פראַנקרייך און דעם קאָמוניזם:

> די צוגעבונדנקייט פון די קאָמוניסטן צו מאָראַלישע און גייסטיקע ווערטן, זייער פעאיקייט צו באַנעמען פאַרשידענע סיטואַציעס און די פאַרוויקלטסטע פּראָבלעמען; די פשטות פון זייער לעבן, דער אופן, ווי אַזוי זיי קענען איבערטראָגן ליידן, פאַרלירן זייער פרייהייט און, אויב נייטיק, שטאַרבן פאַרן גלויבן, וואָס זיי האָבן אינעם מענטש — דאָס אַלץ איז גורם, אַז דער קאָמוניזם זאָל ווערן אַ ליכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פונעם אייביקן פראַנקרייך, אַ ליכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער וועלט 1).

פאַל האָט מיטן זעלבן דערפאַלג זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע געביטן פון קונסט: ער איז געווען דיכטער, מאָלער, מוזיקער. איך זע אים ווידער פאַר מיינע אויגן אין אָט דעם קליינעם פאַרשטעלונג־זאַל, אין וועלכן דער פאָלקס־כאָר האָט פאַר אונדז געזונגען דאָס פריידיקע, אָפּטימיסטישע קאַמפּס־ליד, וואָס וואַיאַן האָט געווידמעט די יינגערע חברים: „פּאַרויס, יוגנט פון פראַנקרייך..." דאָס איז דאָס לעצטע לעבעדיקע בילד, וואָס איז מיר פון פאַלן געבליבן אין זכרון. עטלעכע טעג שפּעטער האָט דאָס פאָלק פון פּאַריז אים געמאַכט אַ רירנדיקע און גראַנדיעזע לוויה.

ראָמען ראָלאַן, וועלכער איז, ליידער, אויך פון אונדז אַוועק, איז אַזוי ווי באַרביס און וואַיאַן־קוטיריע געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון די קעמפער פאַר שלום. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך געהאַלטן „איבערן געראַנגל". ער איז אָבער געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין הייסע סימפּאַטיע פאַר דער סאָוויעטישער רע־וואָלוציע. ער האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אונטערדריקטע פעלקער אין זייער קאַמף קעגן דער קאָלאָניאַלער פאַרשקלאַפונג. ראָמען ראָלאַן האָט געגעבן דעם סיגנאַל פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע מענטשן פון גוטן ווילן. אין אַ פּאַטעטישן אַפּעל האָט ער גערופן דאָס ציוויליזירטע אייראָפּע צו בילדן אַ געשלאָסענעם פראָנט קעגן פאַשיזם: „לאָמיר זיך האַלטן האַנט ביי האַנט, לאָמיר אַלע געמיינזאַם פאַרהיטן דעם שלום!"

איך פלעג טיילמאָל באַזוכן ראָמען ראָלאַן אין ווילנעוו,ביים ברעג פון דער אָזיערע לעמאַן, וווּ ער האָט געוווינט. ער איז שטענדיק געווען

---

1) פּ. וואַיאַן־קוטיריע: „אין דינסט פון גייסט", 1936.

ליבלעך, גאַסטפריינטלעך. ער איז געווען הויך, בלאַס, שוואַך אין געזונט און שטענדיק מיט אַ פּלעד אויף די אַקסלען. זיינע גרוי־בלויע אויגן האָבן אויסגעדריקט צוגלייך ענערגיע, חכמה און גוטסקייט. עס האָט פון זיי אַרויסגעשטראַלט זיין ליבע צום פאָלק, זיין ליבע פאַרן אמת. מיר פלעגן מאַכן קליינע שפּאַצירן אין אָט דעם גרינעם טאָל, אונטער די הויכע אַלפּן־שפּיצן. מיר פלעגן רעדן וועגן קאַמף פאַר שלום, וועגן די דערגרייכונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן דער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי, צו וועלכער ער איז געווען שטאָלץ צו געהערן. מיר האָבן אויך גערעדט וועגן ליטעראַטור און קונסט. ער וואָלט גערן געוואָלט קענען מיין ייִדיש, האָט ער מיר אַ געוויסן טאָג געזאָגט.

שפּעטער פלעג איך אים קומען באַזוכן אין וועזלעי — ווו ער האָט זיך באַזעצט, כדי צו פילן פון דער נאָענט דעם פּולס פון פראַנקרייך. מיר פלעגן שפּרייזן איבער דער טעראַסע פונעם אַלטן, באַרימטן מאַנאַסטיר, ווו דער הייליקער בערנאַר האָט אַמאָל געפּריידיקט דעם קרייץ־צוג. און מיר האָבן דערמאָנט די אַמאָליקע געמיינדע וועזלעי, דעם לאַנג־יאָריקן קאַמף פון די בירגער פון אָט דער קליינער שטאָט, קעגן זייער מעכטיקן גלח און די ווילדע רעפּרעסיעס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין מערערע מאָל ביי פאַר־שידענע געלעגנהייטן. די ערד, אויף וועלכער מיר האָבן געטראָטן, איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן בלוט פון פיל מאַרטירער. אָבער אַנדערע זיינען אויפגעשטאַנען צום קאַמף און וועלן נאָך אויפשטיין, ביז ס׳וועט קומען דער טאָג פון גערעכטיקייט און גליק פאַר אַלעמען.

ראָמען ראָלאַן האָט אונדז אַמאָל אָנועקגעפירט קיין דאָרנעסי, לעבן קלאַמסי, אין דעם היימלאַנד פון קאָלאַ ברעניאָן. ער האָט אונדז דאָרט געוויזן דאָס הויז פון זיין משפחה; אין אָט דעם חנוודיקן דאָרף פון דער פּראָווינץ ניווערנע, האָט ראָמען ראָלאַן אַלס קינד, און שפּעטער אַלס יונגער סטודענט, פאַרבראַכט זיינע פעריען.

* * *

ווי מיר האָבן עס געהאַט פאַרגעזען, האָבן די צוריקצוגן פון די רעגי־רונגען פון פּאַריז און פון לאָנדאָן בלויז נאָכמער צעריצט די אַפּעטיטן פון פאַשיזם. דעם 14־טן מערץ 1938 איז היטלער אַריין קיין ווין און האָט אַנעקסירט עסטרייך. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו ענדערן מיט כוח די מאַפּע פון אייראָפּע.

אויף אַ מיטינג אין זאַל „מיטיאַליטע" האָב איך אין נאָמען פון אונ־

דזער פּאַרטיי אַנגעוויזן אויף דער געפאַר, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר פאַר פראַנקרייך דאָס פאַרנעמען עסטרייך. די פּאָליטיק פון נאָכגיבי־קייט, פון הנחות, פון פחדנותדיקע קאָמפּראָמיסן, מיט וועלכע מען האָט געענטפערט אויף די פּראָוואָקאַציעס און אויפן שאַנטאַזש פון די פאַשיס־טישע דיקטאַטאָרן, האָט געדראָט צו דערפירן פראַנקרייך צום אָפּגרונט. עס איז נאָך געווען צייט צוריקצושטויסן דעם אָנקומענדיקן קריג; אָבער ס׳איז געווען די העכסטע צייט.

די פאַשיסטן האָבן קעגן זיך דריי פערטל פון דער מענטשהייט און פאַר־מאָגן בלויז באַגרענעצטע מיטלען... די מלחמה וועט ווערן אַן אוממעגלעכע זאַך, אויב פראַנקרייך, ענגלאַנד, ראַטנפאַרבאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, און דאָס רעפּובליקאַנישע שפּאַניע — געשטיצט דורך די פאַראייניקטע־שטאַטן און כינע — וועלן זיך פאַראייניקן... עס איז נויטווענדיק צו אָרגאַניזירן דעם פראָנט פון שלום... פראַנקרייך דאַרף נעמען אויף זיך די דאָזיקע איני־ציאַטיוו. עס איז נייטיק, אַז פראַנקרייך זאָל רעדן הויך און קלאָר 1).

איך האָב צוגעגעבן, אַז כדי דורכצופירן אַזאַ פּאָליטיק, איז נייטיק די אייניקייט פון דער פראַנצויזישער נאַציע קעגן די פאַרקויפטע אַגענטן פון דער 5־טער קאָלאָנע, די משרתים פון היטלערן אין פראַנקרייך — אַט דעם ערב־רב פון פאַרשווערער, שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרן און באַנדיטן, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן באַגיין זייערע פאַרברעכנס.

נאָך דער דערפאַרונג פון עסטרייך האָבן מיר געקענט פאָרויסזען, אַז דער קומענדיקער קלאַפּ וועט זיין געווענדעט קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס איז שוין כמעט אינגאַנצן געווען אַרומגערינגלט. דאָס פאַרנעמען די בעמישע הויכפלאַך האָט באַדאַרפט דערמעגלעכן, אַז דאָס גערמאַנישע הינטערלאַנד זאָל זיין געשיצט אין מאָמענט, ווען „פראַנקרייך וועט — לויט די פאָרויסזעאונגען פון „מיין קאַמף" — ווערן פאַרניכטעט נאָכדעם, ווי עס וועט אַפריער איזאָלירט ווערן".

די געשעענישן האָבן באַשטעטיקט אונדזערע פאָרויסזעאונגען. עטלעכע חדשים נאָכן איינשלינגען עסטרייך, האָט היטלער פאַרלאַנגט די סודעטן. לויט זיין געוויינלעכער טאַקטיק האָט ער זיך באַנוצט מיט באַוואָפנטע פּראָוואָקאַציעס, מיט אַטענטאַטן, וואָס זיינען אויסגעפירט געוואָרן דורך געדונגענע מענטשן, מיט אָרגאַניזירטע אויפשטאַנדן, כדי צו האָבן דעם אויסרייד זיך אַריינצומישן אין די אינערלעכע ענינים פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע און צו פאַרלאַנגען די צעטיילונג פון לאַנד.

1) מאָריס טאָרעז: „האַנט ביי האַנט פאַרן געשלאָסענעם שלום־פראָנט", ז. 16.

דעם 28־טן סעפּטעמבער 1938 זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין מינכען אויף אַ קאָנפערענץ, היטלער און מוסאָליני פון איין זייט און טשעמבער־ליין און דאַלאַדיע פון דער אַנדערער זייט. היטלער האָט דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן זיג.

דער מינכענער אָפּמאַך האָט אינגאַנצן געענדערט די סטראַטעגישע און פּאָליטישע מאַפּע פון אייראָפּע. היטלער האָט צעשמעטערט איינעם פון די הויפּט־עלעמענטן פון פראַנצויזישן זיכערקייט־סיסטעם אין אייראָפּע; ער האָט פאַרכאַפּט אַ באַפעסטיקטע ליניע, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן לויטן מוסטער פון אונדזער מאַזשינאָ־ליניע.

דער מינכענער אָפּמאַך האָט אָפּגעטויט ביי די פעלקער, וואָס זיינען געוועזן פריינט פון פראַנקרייך, דעם צוטרוי, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט צו פראַנקרייכס וואָרט און אונטערשריפט, וועלכע זיינען אויף אַזאַ שענד־לעכן אופן פאַרלייקנט געוואָרן.

דער ראַטנפאַרבאַנד, אונדזער פריינט, אונדזער פאַרבינדעטער, איז באַוווסטזיניק באַזייטיקט געוואָרן פון די אייראָפּעאישע ענינים און געשטעלט געוואָרן אין אַ סיטואַציע, אין וועלכער עס איז אים אוממעגלעך געווען אונדז צו קומען שנעל צו הילף. דער פראַנצויזיש־סאָוויעטישער פּאַקט, דער פונדאַמענט פון דער קאָלעקטיווער זיכערקייט, די גאַראַנטיע פון אונ־דזער אומאָפּהענגיקייט, איז געוואָרן צונישט געמאַכט דורך דער פראַנצויזי־שער רעגירונג. מען האָט היטלערן צוגערעדט צו זוכן אין מזרח זיין לעבנס־רוים און פאַרצווזעצן זיין דראַנג נאָך אָסטען. מען האָט די נאַציישע האָרדעס אָנגעוויזן דעם וועג קיין אוקראַינע. מען האָט נישט געזען, אַז דער דאָ־זיקער וועג גייט דורך פּאַריז.

צראָפּגייענדיק פון אַוויאָן, נאָכן צוריקקער פון מינכען, האָט טשעמ־בערליין אויסגערופן: „איך ברענג אייך שלום אויף אַ גאַנצן דור".

די פאַשיסטן, וואָס זיינען געקומען באַגריסן דאַלאַדיען לענגאויס דער אַוועני שאַנז־עליזעי, האָבן געיובלט פון פרייד: „מינכען האָט געראַטעוועט דעם שלום! מינכען האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע!"

לעאָן בלום האָט פאַרגאָסן טרערן פון פרייד און האָט זיך פאַרכליניעט אין אַ „פּחדנותדיקער דערלייכטערונג". („לע פּאָפּולער", 1־טער אָקטאָבער 1938).

דעם 7־טן אָקטאָבער 1938 האָב איך פאַר אַ ריזיקער מאַסע, פאַרזאַמלט אין וועלאָדראָם ד'היווער, אויפגעהויבן אין נאָמען פון אונדזער פּאָלק אַ

פייערלעכן פראָטעסט קעגן דער פאַרשווערונג פון מינכען. אין 1871 האָט פראַג מוטיק געהאַט פראָטעסטירט קעגן דעם פראַנקפורטער אָפּמאַך. די פראַנצויזישע גרויס־בורזשואַזיע, וואָס האָט אויסגעליפערט דאָס פאָטער־לאַנד פון יאָהאַן הוס צום היטלערישן שייטערהויפן, האָט עס פאַרגעסן. דאָס פראַנצויזישע פאָלק, אָבער, האָט עס גוט געדענקט.

אין מיין באַשולדיקונג־אַקט קעגן דעם אומפאַרגעבלעכן שריט פון פאַר־לאָזן אונדזער טשעכאָסלאָוואַקישן פאַרבינדעטן, האָב איך דערוויזן, אַז דאַ־לאַדיע האָט דורכגעפירט דעם „גרעסטן פאַראַט, וואָס אַ רעגירונג איז ווען־נישט־איז באַגאַנגען קעגן פראַנקרייך, קעגן שלום און קעגן דער דעמאָ־קראַטיע".

אָפּוואַרפנדיק דעם אויסוואַל : „קאַפּיטולאַציע אָדער מלחמה", האָב איך ווידער דערמאָנט, אַז די הויפּט־גאַראַנטיע פאַרן שלום און פאַר דער זיכערקייט פון פראַנקרייך ליגט אין פראַנקרייכס גייסטיקן איינפלוס און אינעם צוזאַמענגרופּירן אַרום אים די פרייע פעלקער, וואָס זיינען באַדראָט דורכן פאַשיזם.

די דאָזיקע פרייע פעלקער וואָלטן אויף דער איניציאַטיוו פון פראַנקרייך געקענט פאַרשטעלן דעם וועג דער מלחמה, דורך אַ מעכטיקער קאָאַליציע. די דאָזיקע קאָאַליציע איז אָבער אויפגעריסן געוואָרן דורך טשעמבערליין און דאַלאַדיע.

> מען האָט זיך באַנוצט מיט געמיינעם בלאָף, מיט שענדלעכן שאַנטאַזש, וואָס האָבן געצילט צו שאַפן אַ מהומה אין דער עפנטלעכער מיינונג און פאַרצושטעלן ווי גאָר נאָענט די געפאַר פון קריג, כדי אַז די עפנטלעכע מיינונג זאָל אָננעמען די קאַפּיטולאַציע ווי אַ ישועה.

דאָס רופן אין מיליטער די רעזערוויסטן, די איבונגען פון פאַסיווער פאַרטיידיקונג, די פאַראָרדענונג צו עוואַקוירן פאַריז און ליאָן — האָבן געדאַרפט דערמעגלעכן פאַרצושטעלן שפּעטער אַלס זיגער די טרויעריקע מיט־שותפים פון מינכענער פאַרברעכן.

איך האָב געפאָדערט ווידעראַמאָל אַן אמת־פראַנצויזישע רעגירונג, וואָס זאָל זיין טריי דעם פאָלק, טריי דער זאַך פון שלום און פרייהייט.

אין דעפּוטאַטן־קאַמער האָט גאַבריעל פּערי געשטעמפּלט דעם שענדלעכן דיקטאַט.

> רופט עס נישט אָן מיטן נאָמען שלום ! — האָט אויסגערופן אונדזער חבר — דער שלום האָט קיין שום שייכות נישט מיט אָט דעם זיג פון קלאַסן־עגאָאיזם... איר האָט איבערן קערפּער פון אַ פרייַ פאָלק געחתמעט די מפלה, מיר וועלן טראָגן און קעגן אייך געווינען די שלאַכט פון שלום.

נאָך דער דיסקוסיע, האָבן בלויז 75 דעפּוטאַטן, צווישן זיי 73 קאָמו־ניסטן, געשטימט קעגן מינכען. אַלע אַנדערע פּאַרטייען, אַחוץ אונדז, האָבן געגעבן זייער הסכמה אויף דער קאַפּיטולאַציע און אויף דער מפּלה...

און די געשעענישן האָבן זיך ווייטער אַנטוויקלט לויטן ריטם, וועלכן מיר האָבן געהאַט פאָרויסגעזען...

טשעכאָסלאָוואַקיע האָט געצוווּנגענערהייט געמוזט אָוועקגעבן ציעשין דעם „פּוילן פון די פּולקאָווניקעס". די פּוילישע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים האָבן, שטיצנדיק היטלערן, געגראַבן מיט די אייגענע הענט דעם קבר פאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט. פּוילן, אינגיכן וועט קומען דיין ריי...

* * *

מינכען האָט דערפירט צום ענדגילטיקן פונאַנדערפאַל פונעם פאָלקס־פראָנט. פון ערשטן מאָמענט אָן האָבן די סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע פי־רער, צוליב מורא פאַרן שוווּנג פון די מאַסן, זיך געשטעלט אַלס הויפּט־ציל אים צו צוימען, אָפּצושוואַכן און צעברעכן. זיי האָבן פאַרהאַנדלט מיט די רעאַקציאָנערע כוחות, פּראָקלאַמירט די „פּויזע", פאַראָרדנט די נישט־אינ־טערווענץ. פאַרלאָזנדיק איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, האָבן זיי לסוף אינגאַנצן איבערגעריסן מיטן פּראָגראַם פון פאָלקס־פראָנט און פאַראַטן דעם מאַנדאַט, וואָס זיי האָבן אין אַפּריל 1936 באַקומען פון פאָלק.

און באמת: די מינכען־פּאָליטיק האָט אויפן אינערן־געביט באַדייט — אַן אָנגריף קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס, קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו באַקעמפן מיט אַלע כוחות די היטלערישע געפאַר. די פּריווילעגירטע קלאַסן האָבן אין היטלערן געזען דעם בעסטן פאַרטיידיקער פון זייערע עגאָאיסטישע אינטערעסן.

עמיל בירע האָט צומאָרגנס נאָך מינכען געשריבן:

> אַ געוויסע פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע אָליגאַרכיע האָט, צוליב אירע קלאַסן־אינטערעסן און אירע פּראָפיטן, געפירט אין אונדזער דעמאָ־קראַטיע אַ דעפעטיסטישע שפּיל.

די גרויסע פאַטראָנען האָבן קיינמאָל נישט געהאַט בדעה אויף אַן אמת אויפצוהאַלטן און אָפּצוהיטן די נייע סאָציאַלע געזעצן, וואָס דער אַרבע־טער־קלאַס האָט געהאַט אויפגעצוווּנגען אין 1936. זיי האָבן דעזאָר־גאַניזירט דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן פון לאַנד, כדי צו שטערן די אָנ־ווענדונג פון די דאָזיקע געזעצן. זיי האָבן בוכשטעבלעך געפאָלגט די עצה,

וואָס מוסאָלינים פאַרשטייער אינעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט האָט געגעבן זייער דעלעגאַט לאַמבער־ריבאָ:

> דאָס איינציקע מיטל צו האַלטן אין צוים דעם אַרבעטער־קלאַס איז: פאַרמאַכן די פאַבריקן און אָפּשטעלן דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן.

די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַרויסגעפירט זייערע קאַפּיטאַלן; די אינדוס־טריעלער האָבן געהאַמעוועט די אַרבעט אין זייערע אונטערנעמונגען; זיי האָבן פּראָוואָצירט קאָנפליקטן, שטרייקן; זיי האָבן דערקלערט צאָלרייכע לאָקאַוטן, באַזונדערס אין די קריגס־פאַבריקן. דאָס אַלץ, כדי צו „באַשול־דיקן" די פראַנצויזישע אַרבעטער אין פוילקייט און כדי צו קענען זאָגן, אַז דאָס גאַנצע בייז שטאַמט פון דער 40־שעהדיקער אַרבעט־וואָך.

דאַלאַדיע און זיין פינאַנץ־מיניסטער פּאָל רעינאָ האָבן געוואָלט אַ סוף מאַכן צו „דער וואָך מיט צוויי זונטיקן" 1). רעגירנדיק בלויז דורך דעקרעט־געזעצן, האָבן זיי שווער געטראָפן די אַרבעטער, די מלוכה־באַ־אַמטע, דעם וויניקער פאַרמעגלעכן טייל פון די מיטל־שיכטן.

קעגן די דעקרעט־געזעצן פון נויט, האָט די ס. זש. ט. באַשטימט אַ גענעראַל־שטרייק אויפן 30־טן נאָוועמבער 1938. די באַוועגונג נעמט אָן אַ ברייטן פאַרנעם, ווי דאָס באַווייזן די שאַרפע רעפּרעסיע־מיטלען. אין רעזולטאַט פונעם שטרייק פאַרמאַכט דאַלאַדיע די פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, און די גרויסע פאַטראָ־נען דערקלערן אַ לאָקאַוט הונדערטער טויזנטער שטרייקנדיקע: 40.000 אַרבעטער ווערן אָפּגעזאָגט אין די אַוויאַציע־פאַבריקן, 32.000 אַרבעטער ווערן באַזייטיקט דורך לאָקאַוט אין די רענאָ־פאַבריקן, צענדליקער טויזנטער — אין לעוואַלואַ, קאַלאָמב, אַרזשאַנטוי, קורבעוואָ, קלישי, סענט־אואַן; 100.000 אין מאַרסעיל, וווּ הונדערטע מעטאַל־פאַבריקן ווערן פאַרמאַכט; 100.000 אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע; 80.000 מעטאַל־אַרבעטער און קוילנגרעבער אין די דעפּאַרטעמענטן נאָר און פאַ־דע־קאַלע... אָט אַזוי האָט עס דאַלאַדיע, אין אָנבליק פון דער וואַקסנדיקער היטלערי־שער געפאַר, ווידער־באַוואָפנט דאָס לאַנד און עס געשטעלט צוריק צו דער אַרבעט!

אין דער זעלבער צייט, ווען די רעגירונג האָט סאַבאָטירט די פּראָ־דוקציע און די נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג, האָבן די פאַטראָנען זיך באַמיט צו צעברעכן די סינדיקאַטן. די פאַבריק־דעלעגאַטן, וואָס זיינען געזעצ־

1) די וואָך מיט 2 רו־טעג (באַמ. פון איבערז.).

לעך אויסגעוויילט געוואָרן דורך די אַרבעטער, זיינען געוואָרן אָפּגעזאָגט. שאַרל מישעלס, דעפּוטאַט פון פּאַריז, וואָס איז שפּעטער געפאַלן פון די היטלערישע קוילן אין שאַטאָבריאַן, האָט פון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע מיט קראַפט געשטעמפּלט די אַנטי־אַרבעטער־ און אַנטי־פראַנצויזישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג פון די מינכען־לייט, די קברנים פונעם פאָטערלאַנד.

אינעם זעלבן טאָג, ווען דאַלאַדיע־רעינאָ האָבן געוואָרפן זייערע פּאָליציייאישע כוחות קעגן די שטרייקנדיקע, זיינען זייער כאַראַקטעריסטישע מאַניפעסטאַציעס פאָרגעקומען אין רוים. אין איטאַליענישן פּאַרלאַמענט האָבן פאַשיסטישע דעפּוטאַטן — אויפגעהעצטע דורך אַ רעדע פון פירשט טשיאַנאָ, מוסאָליניס איידעם און אויסערן־מיניסטער — זיך אויפגעשטעלט פון זייערע בענק און ווענדנדיק זיך צום פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר, מינוטן־לאַנג געשריגן: „טוניס! קאָרסיקע! סאַוואָ!״ די איטאַליענישע צייטונגען זיינען אַרויס מיט גראָבע זלזולים קעגן אונדזער לאַנד. זיי האָבן באַהויפּטעט, אַז „דייטשלאַנד באַטראַכט זיך נישט אַלס באַפרידיקט און אַז „איטאַליע האָט וויכטיקע אינטערעסן און רעכט, וואָס וועלן מוזן גענומען ווערן אין אַכט״.

דעם 6־טן דעצעמבער 1938 האָט דער דייטשער אויסערן־מיניסטער ריבענטראָפּ אונטערגעשריבן אין פּאַריז אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן ביידע רעגירונגען זיינען זיך מתחיב צו באַראַטן וועגן אַלע פראַגן, וואָס זיינען נוגע ביידע לענדער. די קליקע דאַלאַדיע־באָנע האָט איבערגעלאָזט דייטשלאַנד „פרייע הענט אויפן מזרח״, דאָס הייסט — האָט געשטויסן צו אַ מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד. אַ כאַראַקטעריסטישער פּרט: בעת ריבענטראָפּס וויזיט, זיינען פראַנצויזישע מיניסטאָרן געווען אויף אַזוי ווייט נידערטרעכטיק, אַז זיי האָבן אַנטיילגענומען אין מאַלצייטן לכבוד היטלערס שליח, וו דער איינטריט איז געווען פאַרבאָטן פאַר די „נישט־אַרישע״ מיניסטאָרן מאַנדעל און זשאַן זעי, וועלכע זיינען ביידע שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער אָקופּאַציע.

די מזלדיקע דאַטע פון מיטן־מערץ האָט אויפגערייצט דעם אַפּעטיט פון דער היטלערישער רויב־חיה און פון איר איטאַליענישן שותף. דעם 15־טן מערץ 1939 וואַרפן זיך היטלערס פאַנצער־דיוויזיעס אויף פּראָג. טשעכאָסלאָוואַקיע הערט אויף צו עקזיסטירן. אַן אַמפּוטירטע, אַן איינגעשרומפּענע, ווערט זי פאַרוואַנדלט אין „פּראָטעקטאָראַט בעמען־מערן״. ליטע מוז דאַן אָפּטרעטן מעמעל היטלערן. דעם 7־טן אַפּריל פאַרכאַפּט מוסאָליני אַלבאַניע.



## ביי די קוילנגרעבער

מאָריס טאָרעז, וויצע־פּרעמיער, קומט דעם 28־טן פעברואַר 1946 קיין אָבי און גייט אַראָפּ אין דער שאַכטע 8 פון עסקאַרפּעל (נאָרד־דעפּאַרטעמענט), כדי צו באַטראַכטן די אַרבעט־באַדינגונגען פון די קוילנגרעבער. מיר זעען אים נאָכן אַרויפקומען פון דער שאַכטע. ביי זיין רעכטער זייט: אַנרי מאַרטעל. ראַטמאַן פון רעפּובליק־ראַט, סעקרעטאַר פון דער קוילנגרעבער־פעדעראַציע. ביי זיין לינקער זייט: זשאַן פּרעוויל, דעמאָלט וויצע־שעף פון זיין קאַבינעט; אַנרי דעל־פּאָס, קוילנגרעבער, דעמאָלט דירעקטאָר פון די נאַציאָנאַליזירטע גרובנס פון נאָרד און פּאַ־דע־קאַלע; קאָנסטאַנטען אַטעם, קוילנגרעבער־דעלעגאַט פון שאַכטע 8; אָגיסט לעקער, דעפּוטאַט, דעמאָלט אונטערשטאַט־סעקרעטאַר פאַר קוילן־פּראָ־דוקציע.

**די רעגירונגען פון פּאַריז און לאָנדאָן, וואָס האָבן זיך געהאַט באַרימט, אַז זיי האָבן „געזיכערט דעם שלום אויף ווייניקסטנס איין דור", האָבן וויטער געשוויגן. די קאַטאַסטראָפע האָט זיך דערנענטערט מיט ריזן־שריט. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן.**

**אין יאַנואַר 1939 האָב איך געמאַכט אַ שטודיר־ און פּראָפּאַגאַנדע־רייזע אין אַלזשיריע. פון אָראַן ביז אַלזשיר און ביז באָן האָט אַן ענטוזיאַסטישער עולם אויפגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן די אויפקלערונגען וועגן אונדזער פּאָליטיק. מיר האָבן גערופן צו אייניקייט צווישן דער באַפעלקערונג פון אַלזשיריע און דעם אַרבעטער־קלאַס פון פראַנקרייך, אין דער זעלבער שלאַכט פאַר פרייהייט און שלום, קעגן פאַשיזם און קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג. איך האָב דערקלערט פאַר 15.000 אַלזשירער:**

> דער שלום פון דער וועלט און די אומאָפּהענגיקייט פון פראַנקרייך קענען נאָך געראַטעוועט ווערן, אָבער מיטן באַדינג, אַז אונדזער רעגירונג זאָל פאַרלאָזן דעם געפערלעכן וועג, אויף וועלכן זי איז אַרויף מיט 30 חדשים צוריק, צום גרעסטן אומגליק פאַר אונדזער לאַנד!

**איך בין אַרויסגעטראָטן קעגן די שענדלעכע און לעכערלעכע טעאָריעס פון ראַסיזם:**

> מיר, קאָמוניסטן, ווייסן נישט פון קיין ראַסן. מיר ווילן בלויז קענען פעלקער... ווו, למשל, געפינט זיך איצט אין אייער לאַנד די מכלומרשטע „אויסדערוויילטע ראַסע", אָט די, וואָס זאָל קענען באַהויפּטן: מיר קומט די אויסשליסלעכע הערשאַפט; אָט די, וואָס זאָל קענען זאָגן: „די דאָזיקע ערד איז געווען די ערד פון מיינע אבות אַליין, און זי דאַרף דעריבער געהערן צו מיר?... צי געפינען זיך דען נישט דאָ צווישן אייך די אייניקלעך פון אָט די אַמאָליקע נומידישע שבטים, וואָס זיינען שוין געווען אויף אַזוי ווייט ציוויליזירט, אַז זיי האָבן פאַרוואַנדלט זייער ערד אינעם שפּייכלער פון אַלטערטימלעכן רוים; די אייניקלעך פון אָט די בערבערן, וואָס האָבן געגעבן דער קאַטוילישער קירכע דעם הייליקן אויגוסטין, דעם בישאָף פון היפּאָן, אין דער זעלבער צייט ווי דעם אָפּטריניקן דאָנאַט; די אייניקלעך פון אָט די קאַרטאַגענער, פון אָט די רוימער, פון אַלע די, וואָס האָבן אין משך פון פיל יאָרהונדערטער געבראַכט זייער ביישטייער צום פונאַנדערבלי פון אַ ציוויליזאַציע, וועגן וועלכער עס זאָגן נאָך היינט עדות אַזויפיל שפּורן, ווי די רואינען פון טעבעסאַ און מאַדאָר, וואָס מיר האָבן באַזוכט מיט עטלעכע טעג צוריק? עס געפינען זיך דאָ אויך די זין פון די אַראַבער, וואָס זיינען געקומען הינטער דער פאָן פונעם נביא, די זין פון די טערקן, וואָס זיינען אַריבער צום מאַכמעדאַנישן גלויבן און וואָס האָבן דערנאָך זיך באַוויזן, ווי נייע דעראָבערער; יידן, וואָס זיינען זינט יאָרהונדערטער באַזעצט אויף דער דאָזיקער ערד. אָט די אַלע האָבן זיך צונויפגעמישט אויף אייער ערד פון אַלזשיר, און צו זיי זיינען צוגעקומען גריכן, מאַלטער, שפּאַניער, איטאַליענער און פראַנצויזן. און וואָס פאַר אַ פראַנצויזן! פראַנצויזן פון אַלע אונדזערע פּראָווינצן, אָבער גאָר

באַזונדערס פון די פראַנצויזישע טעריטאָריעס פון קאָרסיקע און סאַוואָ, און אויך פון דער פראַנצויזישער ערד פון עלזאַס, וואָס זיינען געקומען אַהער אין 1871, כדי נישט צו ווערן קיין פּרייסישע בירגער.

עס איז פאַראַן אַן אַלזשיריאַנער נאַציע, וואָס אויך זי שאַפט זיך אינעם געשמעלץ פון צוואַנציק ראַסן 1).

* * *

אין גאַנץ פראַנקרייך האָבן די דייטשן פאַרפלאָצט זייערע אינטריגעס. זיי האָבן אינספּירירט — און פאַקטיש אָנגעפירט — די טעטיקייט פון די פאַשיסטישע גרופּעס, בעמלעך פון די קאַגולאַרן, וואָס זיינען רעקרוטירט געוואָרן טיילווייז צווישן דעם אָנפירנדיקן פּערסאָנאַל פון די גרויסע אונ־טערנעמונגען, טיילווייז צווישן די רעאַקציאָנערע קאַדערן פון דער אַרמיי. די קאַגולאַרן האָבן באַקומען געווער פון היטלערן און מוסאָלינין. זיי זיינען באַגאַנגען צאָלרייכע מאָרדן און דורכגעפירט מערערע פּראָוואָקאַ־ציעס, ווי צום ביישפּיל, די פּראָוואָקאַציעס אין קלישי און אויף רי דע פּרעסבור, ווו זיי האָבן אויפגעריסן די געביידע פון פאַטראָנען־פאַרבאַנד, כדי דערנאָך אַרויפצוואַרפן די שולד פונעם דאָזיקן פאַרברעכן אויף די אַרבעטער־טוער. די קאַגולאַרן זיינען געווען אין פאַרבינדונג מיט די גע־דונגענע באַנדעס פונעם פאַרעטער דאָריאָ, וועלכער האָט שפּעטער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער לעצטער מדרגה פון נידערטרעכטיקייט, און אָנגעטאָן דעם דייטשן אוניפאָרם, אין וועלכן ער איז דערהרגעט געוואָרן אין דייטש־לאַנד.

אין פּאַריז האָבן די נאַציס געפירט זייער טעטיקייט פראַנק און פריי. זיי האָבן זיך שוין געפילט, ווי די באַלעבאַטים פון אונדזער הויפּט־שטאָט. דער שפּיאָן אַבעץ, היטלערס שפּעטערדיקער אַמבאַסאַדאָר ביי פּעטענען, פלעגט ווערן אויפגענומען מיט פּאָמפּע אין די סאַלאָנען פון דער „העכע־רער געזעלשאַפט". מען האָט זיך נאָך אים געיאָגט, ווי נאָך אַ מענטשן, וואָס פאַרטיילט כבודים און פּאָסטנס. ער האָט געהאַט געגרינדעט דעם קאָמיטעט „פראַנקרייך־דייטשלאַנד", וואָס האָט רעקרוטירט זיינע אָנהענ־גער אין די קרייזן פון געשעפטס־לייט, צווישן פּאָליטיקאַנער און לי־טעראַטן. די דאָזיקע פאַקטישע אָנפירונג פון דער 5־טער קאָלאָנע האָט אונ־טערגעקויפט די פּרעסע, געשטיצט די היטלער־פּאָליטיק און אויסגע־טראָטן דעם וועג פאַר דער אינוואַזיע. דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט

1) מאָריס טאָרעז: „דאָס אַלזשעריאַנער פאָלק, פאַראייניקט אַרום פראַנק־רייך", ז. 12.

„פראַנקרייך־דייטשלאַנד" איז געווען סקאַפּיני, וועלכער איז שפּעטער בעתן קריג באַאויפטראַגט געוואָרן צו פאַרפירן די אומגליקלעכע קריגס־געפאַנגענע; גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען דער פאַרעטער דע ברינאָן, דער שפּעטערדיקער ווישי־אַמבאַסאַדאָר אין... פאַריז און פּרעזידענט פון „אַנטי־באָלשעוויסטישן לעגיאָן", וואָס האָט זיך געשלאָגן קעגן אונדזערע פאַרבינדעטע אויפן מזרח־פראָנט. צווישן די „פּראָמינענטע" מיטגלידער פונעם קאָמיטעט האָט מען געקענט געפינען: פראַנסואַ פּיעטרי, פּעטענס שפּעטערדיקער אַמבאַסאַדאָר ביי פראַנקאָן; אַנרי העי, וואָס האָט רעפּרעזענטירט ווישי אין די פאַראייניקטע שטאַטן; בערזשערי, דער ווישי־אַמבאַסאַדאָר אין אַנקאַראַ; אַבעל באָנאַר, מיטגליד פון דער „פראַנצויזישער אַקאַדעמיע", וואָס איז געוואָרן פּעטענס מיניסטער; זשאַן גואַ, פּרעזידענט פון „נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון די פראָנט־קעמפער"; זשיל ראָמען, דער שריפטשטעלער און באַקאַנטער מינכען־מענטש.

כדי איינצושטעלן זייער הערשאַפט איבערן פאָלק פון פראַנקרייך, האָבן די קאַגולאַרן און אַנדערע פאַשיסטן אויסגעקוקט מיט אומגעדולד די מלחמה, די מפּלה און די אינוואַזיע. אַ צייטונג, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן „קאָמיטעט פון אַנטיסאָוויעטישער פאַראייניקונג", האָט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע שורות, וואָס זיינען געווען, ווי אַן אַנזאָג פונעם פּעטעניזם און ווישיזם:

> מיר זוכן ווייטער עקשנותדיק דעם געהעריקן מאַן. מעגלעך, אַז ער וועט אַרויסקומען פון די געשעענישן? מעגלעך, אַז די טראַגישע שעהן, וואָס עס קען אונדז אויסקומען מאָרגן איבערצולעבן, וועלן אים דערלויבן זיך צו אַנטפּלעקן? אויב דאָס דאַרף אַזוי געשען, טאָ זאָל עס געשען — אַפילו פאַרן פּרייז פון אָפּגיין אין בלוט, אַפילו אויב מיר זאָלן דאַרפן דורכמאַכן דעם גרויל פון אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס צווישן מענטשן פון זעלבן בלוט.

די קאָמוניסטן האָבן אויפגעדעקט אָט דעם אַנוווקס פונעם פאַראַט אין פראַנקרייך; זיי האָבן דעמאַסקירט די פאַרעטער און די שפּיאָנען, וועלכע האָבן גאָר שנעל, נאָכן צוזאַמענברוך פון 1940, זיך שוין באַוויזן אָן אַ שלייער. ליסיען סאַמפּע, וועלכער איז אויך שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך די היטלעריסטן, האָט אין דער „הימאַניטע" זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויפן אַרעסט פון אַ שעף פון דער אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונג אין „טאָן" און פון אַ שעף פון דער אַנאָנסן־אָפּטיילונג אין „פיגאַראָ", וועלכע האָבן פאַראַטן דאָס לאַנד — דער ערשטער פאַר 3 און אַ האַלבן מיליאָן פראַנק, דער צווייטער פאַר אַ מיליאָן. די רעגירונג האָט צוגעצויגן צום געריכט ליסיען סאַמפּע,

אונטערן אויסרייד, אַז ער האָט פאַרעפנטלעכט ידיעות וועגן אַן אויספאַר־שונג, וואָס איז נאָך אין גאַנג. דעם 28־טן יולי 1939 דריקט אויס גאַבריעל פערי אין געריכט זיין סאָלידאַריטעט מיט סאַמפּע; ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער נידערטרעכטיקייט פונעם אויסערן־מיניסטער זשאָרזש באָנע, וועלכער האָט צוגעזאָגט דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר, פירשט וועלטשעק, „אָנ־צולערנען די קאָמוניסטן". דער דאָזיקער פּראָצעס — דערקלערט פערי — איז פאַרפירט געוואָרן קעגן אַ פּראָוואָקאַציע, אַ פּאַטריאָט, אויפן באַפעל פון אָטאָ אַבעץ. ער ענדיקט זיין עדות־זאָגן מיט פאָלגנדיקע ווערטער :

> אַזוי לאַנג ווי געוויסע מיניסטאָרן וועלן זיך געפינען אין דער רעגירונג וועט אוממעגלעך זיין אָפּצוריינִיקן דאָס לאַנד פון די שפּיאָנען.

ליסיען סאַמפּע איז געוואָרן באַפרייט.

די קאָמוניסטן האָבן אויך געשטעמפּלט אַזעלכע מענטשן, ווי פּאָל פאָר, גענעראַל־סעקרעטאָר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און בעלען, סע־קרעטאַר פון דער ס. זש. ט., וועלכע האָבן דורכגעפירט אַ שפּאַלטערישע אַרבעט לטובת היטלערן. זיי האָבן געהאָלפן צעשפּליטערן די נאַציאָנאַלע כוחות. זיי האָבן געפּרעדיקט אַ שרעקעוודיק־ווייגענדיקן און רעאַק־ציאָנערן פּאַציפיזם, וואָס האָט געצילט צו אַנטוואָפענען אידעאָלאָגיש און פּראַקטיש דעם אַרבעטער־קלאַס און אַלע ערלעכע פראַנצויזן, קעגנאיבער אַ שונא, וואָס איז געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס און וואָס האָט געלויערט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט, כדי זיך צו וואַרפן אויף פראַנקרייך, ווי אויף אַ גרייטן רויב. אויף אַ לערער־קאָנגרעס האָט אַ סאָציאַליסט געוואָגט אויסצושרייען : „בעסער קנעכטשאַפט איידער טויט".

די דאָזיקע „פּאַציפיסטן" זיינען געווען הייסע מיטהעלפער פון דער אַזוי גערופענער „נישט־אינטערווענץ"־פּאָליטיק. זיי זיינען געווען איינ־שטימיק מיט די „קאַנאָנען־הענדלער", וואָס זיינען געוואָרן דעפעטיסטן, און מיט די פאַשיסטן — די אָפענע (פון מין דע לאַ ראָק) און די באַ־האַלטענע (פון מין דעאַ) — אויף צו דערשטיקן ווי אַמשנעלסטן דאָס רעפּו־בליקאַנישע שפּאַניע, די לעצטע אויפגעשטעלטע דאַמבע קעגן דער היט־לערישער כוואַליע, וואָס האָט זיך שפּעטער צעגאָסן איבער גאַנץ אייראָפּע.

די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע האָט זיך שנעל פאַרערגערט. די אַר־בעטנדיקע, די דעמאָקראַטן, האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן זיך אַנטקעגנצו־שטעלן דעם אַנגרייפער. די פראַנצויזישע און ענגלישע רעגירונגען זיינען

געווען געצוווּנגען צו שיקן מיליטערישע מיסיעס קיין מאָסקווע. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געשלעפּט. דאַלאַדיע און טשעמבערליין האָבן נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. זיי האָבן געמאַכט אַ זשעסט פאַר דער עפנטלעכער מיינונג; זיי זיינען אָבער געווען אַנטשלאָסן צו דערפירן די קאָנפערענץ צו אַ דורכפאַל. די מיליטערישע מיסיעס האָבן נישט געהאַט קיין שום ממשותדיקע פולמאַכטן. ווי נאָר מען איז געקומען צו אַן אויסגלייך וועגן אַ געוויסן פונקט, האָט מען אים גלייך פונדאָסניי גענומען איבערדיסקוטירן.

די סאָוויעטישע רעגירונג האָט פאַרלאַנגט, אַז די רויטע אַרמיי זאָל באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן ממשותדיק קעגן די דייטשן, אין פאַל פון אַ היטלערישן אַנגריף. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט נישט געהאַט קיין געמיינזאַמע גרענעץ מיט דייטשלאַנד. עס איז, אַלזאָ, נייטיק געווען, אַז זיין אַרמיי זאָל קענען דורכגיין פוילן. אָבער די פּוילישע רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט אָפּגעזאָגט דער רויטער אַרמיי דאָס רעכט דורכצוגיין דאָס לאַנד. פון דער אַנדערער זייט האָבן די רעגירונגען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד נישט געוואָלט אויסברייטערן אויך אויף די באַלטישע לענדער די גאַראַנטיע, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט מיט רעכט פאַרלאַנגט פאַר זיינע גרענעצן. דאָס הייסט, אַז דאַלאַדיע און טשעמבערליין האָבן איבערגעלאָזט די באַלטישע מלוכות אויפן חסד פון היטלערס אַנעקסיע־אַפּעטיטן. ליטע האָט שוין געהאַט באַקומען דעם ערשטן קלאַפּ. דער פאַנגערמאַניזם האָט לויט זיין טראַדיציאָנעלער פּאָליטיק, שוין פון לאַנג פאַר זיך געפאָדערט די באַלטישע לענדער; נישט באַשיצן זיי — האָט באַדייט : איבערלאָזן זיי די נאַציס.

דער ציל פון פראַנצויזיש־ענגלישן מאַנעוור איז געווען אַ קלאָרער: דערפירן די היטלערישע אַרמייען, דורך פוילן און דורך די באַלטישע לענדער, ביז צו די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד; שטויסן היטלער־דייטשלאַנד צו אַ קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד, און די רעגירונגען פון פּאַריז און לאָנדאָן זאָלן בשעת מעשה זיך נישט רירן פון אָרט, — ווי דאָס האָט אונדז שפּעטער באַוויזן דער „מאָדנער קריג״.

אין אַנבליק פון אָט דער צווייפּנימדיקייט פון דער פראַנצויזישער און ענגלישער רעגירונג, און פון דער קעגנערשאַפט מצד דעם פּולקאָווניק בעק און זיין קליקע, האָט די סאָוויעטישע רעגירונג — זייענדיק באַדראָט דורך אַ קריג, וואָס וואָלט אויסגעבראָכן קעגן איר אין די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען — באַשלאָסן צו צעשטערן די פּלענער פון אירע

פיינט. דעם 23־טן אויגוסט 1939 האָט זי, אויסמיידנדיק די געפאַר, געשלאָסן מיט דייטשלאַנד אַ נישט־אַנגריף־פּאַקט.

די זעלבע, וואָס האָבן אין מינכען באַזייטיקט דעם ראַטנפאַרבאַנד און פאַראַטן די זאַך פון קאָלעקטיווער זיכערקייט; די זעלבע, וואָס האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו סאַבאָטירן די פאַרהאַנדלונגען אין מאָסקווע; די זעלבע, וועמענס באַהאַלטענער, און אָפטמאָל אָפילו אָפענער, ווונטש איז געווען, אַז היטלער זאָל פאַרכאַפּן און צעשמעטערן דעם ראַטנפאַרבאַנד — אָט די אַלע האָבן איבערנאַכט מיט אַ פרומער מינע גענומען שרייען: „אַ סקאַנדאַל!", „אַ פאַראַט!" בלויז פאַרעטער, קורצזיכטיקע מענטשן אָדער עם־הארצים האָבן געקענט אויפגעבראַכט ווערן פון דער האַנדלונג פון ראַטנפאַרבאַנד. צווישן די רעגירונגס־לייט, פּאָליטיקער, זשורנאַליסטן, האָט קיינער אויפריכטיק נישט געקענט באַהויפּטן, אַז ער באַגרייפט נישט דעם באַדייט און די אויסווירקונג פונעם פּאַקט, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין מאָסקווע. פאַרן ראַטנפאַרבאַנד איז עס געווען אַן אָטעם־פּויזע, וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו פאַרשטאַרקן זיין באַוואָפענונג. דער פּאַקט האָט פולשטענדיק געענדערט די סיטואַציע. ער האָט צעקלאַפּט דעם פראָנט פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, מיט וועלכן מען האָט געדראָט דעם ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט דערפירט צו דער שפּעטערדיקער איזאָלירונג פון די פאַשיסטישע מלוכות; ער האָט צוגעגרייט קעגן זיי די קאָאַליציע פון די דעמאָקראַטישע מלוכות, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אומדערמידלעך, אָבער אָן דערפאָלג, גערופן אויפצושטעלן, כדי אויסצומיידן די קאַטאַסטראָפע.

קאפיטל 6.

# די מלחמה

**די „מאָדנע מלחמה". — אויפן קאַמף־פּאָסטן. — אויסערן געזעץ. — פּלאַרימאַן באַנט און עטיען פאַזשאָן. — דער פּראָצעס פון די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן. — דער צוזאַמענברוך, אַ רעזולטאַט פונעם פאַראַט. — פראַנקרייך ווערט אויסגעליפערט היטלערן. — דער סוף פון אַ קריפּל־פּאַרלאַמענט. — די „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע" פון ווישי. — אונדזער רוף פון 10־טן יולי 1940. — די קאָמוניסטן אין די פאָדערשטע רייען פונעם ווידערשטאַנד. — דער ראַטנפאַרבאַנד אין קריג. — די שחיטות אויף ערובניקעס. — „הרגעט נישט מער קיין דייטשן!" — די פראַנצויזישע פרייטישער און פאַרטיזאַנער (פ. ט. פּ. פ.) — די פּאַרטיי פון די דערשאָסענע. — סטאַלינגראַד. — די אויפלייזונג פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. — די לאַנדונג. — די פאַרבינדעטע דריקן אויס אָנערקענונג פאַר די פּ. פ. אי. 1). — דער פּראָגראַם פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. — „זיך פאַראייניקן, קעמפן, אַרבעטן!"**

די קאַטאַסטראָפע איז געקומען. די מלחמה, וועלכע האָט שוין געהאַט פאַרטרונקען אין בלוט אַביסיניע, שפּאַניע, אַלבאַניע, כינע, האָט זיך איצט אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע און ביסלעכווייז מיטגעשלעפּט אויפן וועג פון פאַרניכטונג און טויט, אַלע פעלקער פון דער וועלט.

די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן אין רעזולטאַט פון דער פאַרטיפונג פונעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און פונעם איבער־

1) איניציאַלן פון „פראַנצויזישע אינערלעכע קרעפטן" — דער נאָמען פון אַלע מיליטערישע ווידערשטאַנד־כוחות בעת דער אָקופּאַציע (באַמ. פון איבערז.).

ברוך אינעם גלייכגעוויכט צווישן די וויכטיקסטע אימפּעריאַליסטישע גרויס־מאַכטן. איר אוממיטלבאַרע סיבה איז געווען די אַנגרייפערישקייט פון די פאַשיסטישע מלוכות, וועלכע האָבן געוואָלט איינשטעלן זייער העגעמאָניע איבער דער וועלט, פאַרשקלאַפן אַלע פעלקער אונטער זייער יאָך, פאַרניכטן אין אַלע לענדער, אַזוי ווי אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע, די לעצטע שפּורן פון דער דעמאָקראַטיע.

די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע האָט געהאַט דירעקט אונטערגעשטיצט די פאַשיסטישע אַנגרייפער, אַנווענדנדיק לגבי היטלער־דייטשלאַנד און זיינע פאַרבינדעטע אַ פּאָליטיק פון נאָכגיביקייט און פון מיט־שותפות, וואָס האָט שפּעטער געפונען אַ נייעם אויסדרוק אין דעם, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן די „מאָדנע מלחמה" („דראָל דע גער").

די רעגירונגען פון פּאַריז און פון לאָנדאָן האָבן דערקלערט קריג דייטשלאַנד. אָבער די 120 פראַנצויזישע דיוויזיעס און די 10 ענגלישע האָבן נישט אונטערגענומען קיין שום ערנסטע אַקציע קעגן די 23 דייטשע דיוויזיעס, וועלכע זיינען דורך היטלערן אויפגעהאַלטן געוואָרן אויפן מערב, אין דער צייט ווען זיינע הויפּט־כוחות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף פּוילן.

די דאַלאַדיע־רעגירונג האָט געהאַלטן די אַרמיי אומאַקטיוו אין די קאַזעמאַטן פון דער מאַזשינאָ־ליניע. זי האָט געלאָזט דערשטיקן פּוילן. אין משך פון לאַנגע חדשים פון אומטעטיקייט, האָט זי דערמעגלעכט היטלערן איבערצוואַרפן זיין חיילות אויפן מערב, פאַרענדיקן די באַוואָפענונגען און צוגרייטן זיין אַנגריף־דיספּאָזיטיוו קעגן אונדזער לאַנד. אין דער אמתן האָט די רעגירונג פון פראַנקרייך, וואָס איז געווען אין קריג קעגן דייטש־לאַנד, געטראַכט בלויז וועגן קריג קעגן... פ.ס.ס.ר.!

אונדזערע רעגירונג־לייט האָבן נישט געוואָלט דערצערענען היט־לערן: זיי האָבן זיך אַרומגעטראַגן מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן לייכט דורכקומען מיט אים אין מאָמענט, ווען ער וועט אָנפאַלן אויפן ראַטנ־פאַרבאַנד. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט ביי יעדער געלעגנהייט, כדי אַוועק־צושיקן אַרמייען ווייט פון לאַנד, מיט דער מיסיע פון אָן עווענטועלן אָנגריף קעגן ראַטנפאַרבאַנד — אַ פאַרברעכערישער פּלאַן, וואָס האָט שפּעטער צו־געאיילט דעם צוזאַמענברוך.

די פינלענדישע מלחמה איז אויסגעבראָכן אין דעצעמבער 1939 אין רעזולטאַט פון די פּראָוואָקאַציעס פון די פינלענדישע ווייסגוואַרדייער. די פראַנצויזישע פּרעסע איז געווען איבערגעפּולט מיט האַס קעגן ראַטנפאַר־באַנד. לעאָן בלום האָט אין „פּאָפּילער" פון 6־טן דעצעמבער 1939 גע־

שריבן: „אין משך פון יאָרן האָט די היטלער־געפאַר, זעט אויס, פאַרשטעלט פאַר די אויגן פון אייראָפּע די רוסישע געפאַר". דער טרויעריקער העלד פון דער „נישט־אינטערווענץ" האָט דאַסמאָל געפאָדערט פאַר פינלאַנד „אַוויאָנען, אַרטילעריע, אַמוניציע פון אַלע מינים" („לע פּאָפּילער", 24־טער דעצעמבער 1939). זשואָ איז געווען פאָרזיצער פונעם „הילפס־קאָמיטעט" פאַר פינלאַנד.

דעם 12־טן מערץ 1940 האָט דאַלאַדיע געמאָלדן אין דעפּוטאַטן־קאַמער, אַז אַן עקספּעדיציע־קאָרפּוס פון 50.000 מאַן ווערט אַרויסגעשיקט קיין פינלאַנד. דער אַוויאַציע־מיניסטער, גי לאַ שאַמבר, האָט אייניקע וואָכן פאַר דער דייטשער אָפענסיווע אַראָפּגענומען פון אונדזער מאַגערן לופט־פלאָט 15 יאַגד־אַוויאָנען, כדי זיי צו שיקן די פינלענדישע ווייסגוואַרדייער. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די רויטע אַרמיי האָט דורכגעבראָכן די פינלענדישע מאַנערהיים־ליניע און איז געגאַנגען אויף העלסינקי. צווישן פ.ס.ס.ר. און פינלאַנד איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד.

אין סיריע האָט ווייגאַן, אין דער שפּיץ פון אַן אַרמיי פון 150.000 מאַן, זיך געגרייט אָנצופאַלן אויף קאַווקאַז. אין אַ בריוו פון 17־טן אַפּריל 1940 האָט ער גערעדט וועגן באָמבאַרדירן באַקו און די סאָוויעטישע פּעטראָלגעביטן אין חודש יוני... אין אָט דעם חודש יוני, אין וועלכן ער האָט שפּעטער אויפגעצווונגען דער רעגירונג פון באַנקראָטניקעס און קאַפּיטולאַנטן דעם שענדלעכן וואָפנשטילשטאַנד פון רעטאָנד!

מען האָט געוואָלט אונטערצינדן די נאַפט־קוואַלן פון באַקו, אָבער מען האָט נישט געגעבן קיין איין האַרמאַטן־שאָס אויף דער אייזנבאַן־ליניע באַזעל־קאַרלסרוהע פון יענער זייט ריין!

די לייט פון די צוויי הונדערט פאַמיליעס, די שפּעטערדיקע קאָלאַבאָראַטאָרן, האָבן נישט בלויז געהאָפט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט היטלערן; זיי האָבן שוין געפירט מיט אים מסחרים. ווי ס'האָט אויפגעדעקט דער אַמעריקאַנער זשורנאַל „האַרפּערס מאַגאַזין" אין מערץ 1940, האָבן פראַנצויזישע אינדוסטריעלער פאַרקויפט די דייטשן מאַטעריאַלן צו פאַבריצירן באָמבעס און קאַנאָנען, וואָס זיינען געווען באַשטימט אויף אומצוברענגען פראַנצויזישע זעלנער.

אין דער צייט, ווען די סטראַטעגישע אויפפּאַסונג פונעם קריג „אויף ביידע פליגלען" (פינלאַנד—סיריע) האָט דערפירט צו אַ קלאָגעדיקן פיאַסקאָ, האָט די רעגירונג פאַרגעזעצט אין פראַנקרייך איר אַרבעט פון עקאָנאָמישער און אינדוסטריעלער דעזאָרגאַניזאַציע. צום סאַבאָטאַזש מצד די

דעפעטיסטישע פּאַטראָנען איז צוגעקומען די אומפעאיקייט, די אומאָרדע־נונג פון די מיניסטעריומס, די פאַרנאַכלעסיקונג און די אומפּאַרויסזעעוו־דיקייט פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע, די פאַרשווענדערישקייט פון די אַרסענאַלן. און דערהויפּט: די רעגירונגס־לייט, וועלכע האָבן נישט געפירט דעם קריג קעגן היטלערן, האָבן מלחמה געהאַלטן קעגן דעם אַרבע־טער־קלאַס און זיין קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

* * *

דעם 3־טן סעפּטעמבער 1939 בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין 3־טן סאַפּיאָרן־רעגימענט אין אַראַס. צוליב מיין פריערדיקן פאַך פון אַ שיפער בין איך צוגעטיילט געוואָרן אין אַן אָפּטיילונג פון וואַסער־טראַנספּאָרט, וואָס איז איינגעשטאַנען אין שאַני אויפן ברעג פון קאַנאַל פון סען־קאַנטען. די ערשטע וואָך, בעת מיר זיינען נאָך געווען אין פּאַמפּו, אַ דערפל אין דער פּראָווינץ פון אַרטואַ, האָבן מיך באַזוכט אייניקע חברים פון אַראַס. צווישן זיי זיינען געווען די מוטער און דער יינגערער ברודער פון רענעי קאַמפען, סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פעדעראַציע פון פּאַ־דע־קאַלע. זיי זיינען געקומען מיר צוזיסן געבן וועגן דעם, אַז עס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן רענעי, אַגיסט לעקער און סיפּריאַן קינע, — דער דעפּוטאַט, וואָס איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה דורך די מינ־כען־לייט און וועמען די ווישי־פאַרשויגען האָבן דערנאָך אויסגעליפערט צו די היטלעריסטן, וואָס האָבן אים דערמאָרדעט. שפּעטער איז רענעי קאַמפען, וואָס איז אַנטלאָפן פון קריגס־געפאַנגענשאַפט, געוואָרן דער קאָלאָנעל באַ־דוען. אַגיסט לעקער האָט צוזאַמען מיט קאַלאַן אָרגאַניזירט אין אַפּריל־מאַי 1941 דעם העראָאישן קוילנגרעבער־שטרייק פון פּאַ־דע־קאַלע. צוויי פון די ברידער קאַמפען, מאָריס און פּאָל, האָבן געקעמפט אין די רייען פון די פראַנצויזישע פריי־שיסער און פּאַרטיזאַנער. זיי זיינען אַריינגע־פאַלן אין די הענט פון די דייטשן. נאָך שרעקלעכע פּייניקונגען זיינען ביידע דערשאָסן געוואָרן. פּאָל איז עס געקומען מיך זען אין פּאַמפּו. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 16 יאָר. „נאָר נישט פאַרלירן דעם מוט! — האָב איך אים געזאָגט. וואָס עס זאָל נישט געשען — די צוקונפט געהערט צו אונדז”.

אין 1943 האָט מען אונדז איבערגעגעבן דעם לעצטן, אַזוי רירנדיקן בריוו פון פּאָלן. דער בריוו האָט זיך פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע וווּנ־דערבאַרע שורות:

איך וועל איינגיכן, צו 21 יאָר, פאַרלאָזן מיין יונג לעבן, כדי די קינדער פון פראַנקרייך זאָלן זיין פריי און גליקלעך. איך האָב נישט פאַראַטן די זאַך פון דער פאַרטיי. איך גיי אַוועק מיט אַ שמייכל אויפן פנים, מיט געזאַנג אויף די ליפן. דער טויט שרעקט מיך נישט.

אַדיע, מיין פרעכטיקע פאַרטיי! אַדיע מיין פרעכטיק לאַנד! איידער איך גיי שטאַרבן, שיק איך אייך איבער מיין גרוס.

זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פאַרטיי!
זאָל לעבן פראַנקרייך!

אין אַ גרויען, ווינטערדיקן נאָכמיטאָג, זיינען מיר אַוועק אין די גראָבנס פון דער אַלטער אַראַסער פעסטונג זיך פאַרנייגן פאַר די 193 אָנדענק־טאָוולען, וואָס טראָגן די נעמען פון די ברידער קאַמפּען, פון דעבאַרזש און פון נאָך 190 פּאַטריאָטן, אין גרעסטן טייל קוילנגרעבער־קאָמוניסטן, וואָס זיינען אויפן דאָזיקן אָרט דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן. און פאַר מיינע אויגן האָט אויפגעטויכט דאָס אָפענע און אויפריכטיקע געזיכט פונעם יונגן פּאָל קאַמפּען, וואָס שטייט פאַרן עקזעקוציע־סלופּ, צו וועלכן זיינע תּלינים האָבן אים צוגעבונדן.

פּאַמפּו איז נישט ווייט פון נאָאיעל, העכסטנס אַ 15 קילאָמעטער. אַ געוויסן פרימאָרגן איז מיין פאָטער געקומען זיך זען מיט מיר. מער האָב איך אים שוין נישט געזען. עטלעכע חדשים שפּעטער איז ער פון אונדז אויף אייביק אַוועק. די גאַנצע צייט, וואָס מיין פאָטער איז קראַנק געווען, און אַפילו ווען קרובים און פריינט האָבן געוואָכט איבער זיין טויטן־בעט, האָבן דאָלאַדיעס פּאָליציי־לייט זיך אַרומגעדרייט אַרום אונדזער קליינעם הויז. אינעם טאָג פון דער לוויה האָט די זשאַנדאַרמעריע זיך אַריינגעריסן אויפן בית עולם. דאָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די טויזנטער קוילנגרע־בער און די גאַנצע באַפעלקערונג. פריינט און קעגנער האָבן געהאַט גרויס אַכטונג פאַר מיין משפּחה.

די פּאָליציי האָט מיך געזוכט. דעם 26־טן סעפּטעמבער 1939 האָט די רעגירונג אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פאַרטיי. זי האָט געשטעלט אויסערן געזעץ אונדזערע טוער, אונדזערע אָרגאַ־ניזאַציעס. די אָנפירונג פון דער פאַרטיי האָט, דעריבער — ווי אַן אויסנאַם, וואָס האָט באַשטעטיקט דעם כלל, וועלכן איך אַליין האָב געהאַט אָנגעוואָנדן, אַז „די קאָמוניסטן גייען אין דער אַרמיי אין פאַל פון אַ מאָביליזאַציע" — אָנגענומען דעם ריכטיקן באַשלוס מיך אַריבערצופירן אויף אונטערערדי־שער טעטיקייט. עס איז געווען דער חוב פון דער פאַרטיי און פון איר אָנ־פירונג אָנצונעמען די געהעריקע מאָסמיטלען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן

צונישט צו מאַכן די פאַרשווערונג פון די היטלעריסטן, וועמענס ציל עס איז געווען צו פאַרכאַפּן און צו פאַרניכטן פראַנקרייך. די פּאַרטיי האָט, אינעם אויסשליסלעכן אינטערעס פון פראַנצויזישן פאָלק, געהאַט די פליכט אויפ־צוהאַלטן פאַר יעדן פּרייז די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געדאַרפט שפּילן אַן ערשטראַנגיקע ראָל אינעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. עס איז געווען דער חוב פון דער פּאַרטיי אָפּצוהיטן די זיכערקייט און די פּערמאַנענטקייט פון איר אָנפירונג און צו באַשיצן דאָס לעבן גופא פון אירע פירער.

דעם 4־טן אָקטאָבער האָב איך פאַרלאָזט שאַני, כדי ווידער צו פאַר־נעמען מיין קאַמף־פּאָסטן אין שפּיץ פון די קאָמוניסטישע טוער, וועלכע זיינען געיאָגט און גערודפט געוואָרן דערפאַר, ווייל זיי האָבן געשטעמפּלט די, וואָס האָבן שפּעטער אויסגעליפערט אונדזער לאַנד היטלערן. מיינע חברים פון רעגימענט, און די אָפיצירן בתוכם, האָבן — נישט געקוקט אויף דער ווילדער רכילות־קאַמפּאַניע און אויפן כסדרדיקן דרוק, וואָס איז אויף זיי אויסגעאיבט געוואָרן — געהאַט צו מיר די זעלבע אַכטונג און צוטרוי. איך האָב שפּעטער געהאַט דערפון פּילצאָליקע באַווייזן. נאָכן קריג האָב איך זיך גערן ווידער געטראָפן מיט מיין קאַפּיטאַן און זיינע צוויי לייטענאַנטן. איך האָב דערנאָך זיך דערוווּסט, אַז דער קאָלאָנעל, וואָס איז געווען קאָמענדאַנט פונעם מיליטערישן געביט פון שאַני, האָט געהאַט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען האָט אים געוואָלט צווינגען אויסצופירן אַ פּאָליצייי־ראָל בעת מיין אויפהאַלט אין דער אַרמיי.

דער אויסרייד פאַר פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען אונדזער טריישאַפט צו דער פראַנצויזיש־סאָוועטישער פריינטשאַפט. מען האָט אונדז אויפגעפּאָדערט זיך צו דעסאָלידאַריזירן מיטן חבר סטאַלין, זיך אָפּצוזאָגן פון אונדזער קאָמוניסטישן אידעאַל. דאָס פאָלק האָט שפּעטער זיך געקענט איבערצייגן, אויף ווי ווייט מיר זיינען געווען גערעכט. וואָס וואָלט געוואָרן פון פראַנקרייך, און פון דער וועלט אָן דעם ראַטנפאַרבאַנד, אָן זיינע רומפולע אַרמייען, אָן סטאַלינען ?

אין סעפּטעמבער 1939 האָט מען אונדז פאַרשטאָפּט דאָס מויל, כדי אונדז נישט צו דערלאָזן אַרויסצושרייען דעם אמת. די „הימאַניטע״ פון זשאָרעס און פון מאַרסעל קאַשען איז שוין פאַרהאַנגען געוואָרן נאָך פאַר דער מאָביליזאַציע. דאָס זעלבע ווילקירלעכע מאָסמיטל איז אָנגענומען גע־וואָרן קעגן דער צייטונג „סע סואַר״, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט זשאַן־רישאַר בלאָק און אַראַגאָן.

לעאָן בלום האָט אין „פּאָפּילער״ פון 27־טן סעפּטעמבער באַגריסט דעם גרויסן „זיג״ פון דער רעאַקציע און פון היטלערן איבער אונדזער פּאַרטיי, איבער איר פרעסע און אירע טוער:

איך האָב דאָס געפיל, — האָט ער געשריבן, — אַז די מערהייט פון אונדזער פּאַרטיי וועט האַלטן דאָס פונאַנדערלאָזן די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַר נאַטירלעך און געזעצלעך.

טראָץ די רעפּרעסיעס, די באַליידיקונגען, די רכילות, די רדיפות, האָט די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווייטער געלעבט און געקעמפט. די פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „אַרבעטער־ און פּויערן־גרופּע״. די „הימאַניטע״ איז דערשינען אומלעגאַל.

פלאָרימאָן באָנט, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „אַרבעטער־ און פויערן־גרופּע״, האָט דעם 1־טן אָקטאָבער 1939 געשיקט אַ בריוו צום פּאַרלאַמענט־פּרעזידענט העריאָ, כּדי צו פאַרלאַנגען צוזאַמענצורופן דעם פּאַרלאַמענט און עפנטלעך צו דיסקוטירן איבער די פּראָבלעמען פון דער אויסערן־פּאָליטיק. דאַלאַדיע האָט געענטפערט מיט פאַרפאָלגונגען קעגן די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן.

די אַרעסטירטע דעפּוטאַטן זיינען איינגעזעצט געוואָרן ווי קרימינעלע, צווישן אַלפאָנסן און פאַרברעכער. די אומגעזעצלעכקייט האָט איבערגעשטיגן אַלע גרענעצן. ברעכנדיק די עלעמענטאַרסטע כּללים פון דעמאָקראַטיע, האָט מען ביי 1.500.000 פראַנצויזן צוגענומען זייערע פאַרשטייער אין פּאַרלאַמענט. די מעכטיקסטע אַרבעטער־סינדיקאַטן זיינען אויפגעלייזט געוואָרן מיט דער ברכה פון זשואָ און פון בעלען. הונדערטער טוער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט איינגעזעצט פּיער סעמאַר. די תּפיסה־טויערן האָבן זיך פאַר אים געעפנט בלויז דעם טאָג, ווען ער איז געפירט געוואָרן צום היטלערישן עקזעקוציע־סלופּ... בענואַ פראַשאָנען איז געלונגען אויסצומיידן דעם אַרעסט; אין משך פון 5 יאָר איז ער געווען איינער פון די בעסטע פירער פון דער אונטערערדישער טעטיקייט.

די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין וועלכע מען האָט שוין אין 1938 געהאַט אַריינגעוואָרפן די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער, פאַרמערן זיך אין גאַנץ פראַנקרייך. מען פילט זיי אָן מיט פאַרדעכטיקע, מען אַרעסטירט טויזנטער אַרבעטער פאַרן איינציקן חטא פון באַקעמפן דעם אָרגאַניזירטן פאַראַט.

אונדזערע דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען נאָך אויף דער פריי, אַפּעלירן מוטיק און אין אַלע אומשטענדן צום פאָלק. דעם 30־טן נאָוועמבער האָט פלאָרימאָן באָנט, לויטן אויפטראַג פון דער פּאַרטיי, באַוויזן אַדורכצורייסן

די פּאָליציי־באַריערעס און צו פאַרנעמען אין פּאַרלאַמענט זיין פּלאַץ אַלס פאַרשטייער פון פאָלק. ביי די ווילדע געשרייען פון די מינכען־לייט און פון די פאַרעטער, פאָדערט ער, אַז די קאָנסטיטוציע־געזעצן זאָלן ווערן אָפּגעהיט. מען רייסט אים אַוועק פון זיין פּלאַץ, מען טרייבט אים אַרויס מיט געוואַלט אונטער אַ האָגל פון זידלערייען און קלעפּ. מען גיט אים איבער אין די הענט פון דער פּאָליציי. קאַרנאַוועו, אַ קראַנקער, וואָס איז געקומען אין פּאַרלאַמענט, כדי אונטערצושטיצן באַנטן, ווערט אויך אַרעסטירט ביים אַרויסגאַנג. פּאַרלאַמענטאַרישע אומבאַרירלעכקייט? — אַ פּוסט וואָרט!

דעם 9־טן יאַנואַר 1940 זיינען אַנוועזנד אויף דער זיצונג פון פּאַרלאַמענט פיר מאָביליזירטע קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן געהאַט באַקומען אורלויב. דאָס זיינען ריימאָן גיאָ, שאַרל מישעלס, פערנאַן גרעניע, אַנדרעי מערסיע. זיי ווערן אַרויסגעטריבן מיט קלעפּ דורך אַ באַנדע געמיינע פאַרשווינען, צווישן וועלכע פּעטען האָט עס שפּעטער אויסגעזוכט זיינע מיניסטאָרן. דער פאַשיסט קיאַפּ פאַרלאַנגט דעם 11־טן יאַנואַר אַ תיכּפדיקע דיסקוסיע איבער אַ פּראָיעקט מבטל צו מאַכן דעם מאַנדאַט פון די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן. עטיען פאַזשאָן, וואָס איז דעם זעלבן פרימאָרגן אָנגעקומען פון דער אַרמיי, שטעלט זיך קעגן אַט דעם אומגערעכטן פּראָיעקט. ער האָט קעגן זיך די איינשטימיקייט פון אַ פּאַרלאַמענט, וואָס יעדער שריט זיינער איז באַווירקט בלויז דורך האַס און דורך מורא. דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט שאַסיין, אַ שפּעטערדיקע אָנגעזעענע ווישי־פּערזענלעכקייט, פאָדערט פאַר די קאָמוניסטן אַ קויל אין נאַקן. זשאַרזש באַרטעלעמי, אַ צווייטער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט, פאָדערט פאַר זיי די גיליאָטינע. ער רופט אָן נאָמענטלעך קאַטלאַ; זיין ווונטש איז שפּעטער דערפילט געוואָרן.

ביז איצט פלעגט דאָס מבטל מאַכן אַ מאַנדאַט באַשלאָסן ווערן נאָר אין פאַל, ווען דער אַנטשפּרעכנדיקער דעפּוטאַט איז שוין געהאַט פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ דערנידעריקנדיקער שטראָף, וואָס איז גורם דאָס אָפּנעמען די פּאָליטישע רעכט. דאָסמאָל אָבער האָט די געזעצגעבערישע מאַכט, אָן קיין שום לעגאַלן גרונט, זיך גענומען דאָס רעכט מיט דער גאַנצער ווילקירלעכקייט מבטל צו מאַכן די מאַנדאַטן פון די, וואָס דאָס פאָלק האָט געוויילט.

עטיען פאַזשאָן האָט מיט קראַפט פּראָטעסטירט:

איר קענט היינט, הערן פון דער רעגירונג, אונדז רודפן, געוויסע פון אונדז איינזעצן, אַרויסטרייבן פון פּאַרלאַמענט, אָבער איר וועט נישט קענען

צעברעכן דעם ווילן פונעם פראַנצויזישן פאָלק, זיין ווילן אויפצוהאַלטן די סאָציאַלע דעראָבערונגען, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון זיינע פריערדיקע קאַמפן; זיין ווילן צו גיין נאָך ווייטער אויפן וועג פון סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פּראָגרעס. דער דאָזיקער פאָלקס־ווילן וועט קומען צום אויס־דרוק טראָץ אייערע דעקרעטן, טראָץ אייערע פאַרפאָלגונגען. און עס וועט קומען דער טאָג, ווען ער וועט זיין שטאַרקער פון אייך 1).

דאַלאַדיעס רעאַקציאָנערע דיקטאַטור האָט געעפנט דעם וועג פאַר פּע־טענס „נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע". אַנדרעי מאַרטי, וועלכער האָט אין אַ בריוו צו לעאָן בלום געהאַט דערמאָנט וועגן דער טעטיקייט פונעם סאָציאַ־ליסטישן פירער, וועגן זיין קאַריערע אַלס פאַרעטער פון אַרבעטער־קלאַס און פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן — איז פאַרמשפּט געוואָרן דורכן מילי־טערישן טריבונאַל אויף 4 יאָר תפיסה און אויף פאַרלירן זיינע ציווילע רעכט און זיין פראַנצויזישע נאַציאָנאַליטעט.

דעם 20־טן מערץ האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון די קאָמוניס־טישע דעפּוטאַטן. מיר זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין עובר זיין אויפן דע־קרעט פון 26־טן סעפּטעמבער 1939, וואָס האָט פונאַנדערגעלאָזט די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. מיר זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין „פאַר־שפּרייטן די לאָזונגען, וואָס שטאַמען דירעקט אָדער אומדירעקט פונעם 3־טן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל": דאָס שאַפן די „פראַנצויזישע אַרבע־טער־ און פויערן־גרופּע", דאָס רעדאַגירן און פאַרשפּרייטן דעם בריוו פון 1־טן אָקטאָבער 1939, וואָס „פּריידיקט דעם שלום אונטער דער אַפּוטרופּ־סות פון ראַטנפאַרבאַנד".

דער טעקסט פונעם בריוו איז, אגב, געוואָרן געענדערט, געפעלשט.

אין מיליטערישן טריבונאַל פאָדערן אונדזערע חברים צו פאַרהערן דאַ־לאַדיע, וואָס איז ערשט געוואָרן אויס פּרעמיער, און באָנע. ביידע זאָגן זיך אָפּ. די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן קעמפן מיט דער גרעסטער ענערגיע, שריט נאָך שריט. מען צווינגט זיי אויף אַ פּראָצעס ביי פאַרמאַכטע טירן, כדי צו דערשטיקן זייער שטים. זייער אַדוואָקאַט, מאַרסעל ווילאַר, דערמאָנט דעם טריבונאַל די ווערטער פון בלאַנקי:

> איך שטיי דאָ פאַר אייך, אָבער איך רעד נישט בלויז צו אייך אַליין: איך רעד צו פראַנקרייך, דאָס איינציקע העכסטע געריכט, וואָס איך אָנער־קען, און וועמענס אורטיילן אונטערליגן נישט קיין שום קאַסאַציע.

---

1) „זשורנאַל אָפיסיעל" פון 17־טן יאַנואַר 1940, נומער 4, ז. 43.

אונדזער חבר ווילאַר רופט אויס צום סוף:

> אַ ביטערן טעות האָבן די, וואָס האָבן געזייט ווינט און האָפן איצט,
> אַז איר וועט זיי ראַטעווען פון שטורעם.
> דער שטורעם וועט זיי אָבער נישט מיידן...

די פאַראָרדענונג צו פירן דעם פּראָצעס ביי פאַרמאַכטע טירן ווערט דאָך אַרויסגעגעבן. אין משך פון די געהיימע פאַרהערן האָבן די קאָמוניס־טישע דעפּוטאַטן צונישט געמאַכט די ליגנס און רכילות, וואָס זיינען צונויפגענומען געוואָרן אינעם באַשולדיקונגס־אַקט.

די עדות פון דער פאַרטיידיקונג האָבן, אַרויסווייזנדיק פיל מוט, זיך סאָלידאַריזירט מיט די באַשולדיקטע. מאַרסעל קאַשען, ביי וועמען מען האָט אָפּגענומען זיין סענאַטאָרן־מאַנדאַט, איז געקומען אויסדריקן זיין טיפע אָנערקענונג פאַר די ייִנגערע חברים זיינע. אונדזער טייערער פריינט, דער גרויסער שרייבער זשאַן רישאַר בלאָק, די פּראָפעסאָרן אַנרי וואַלאָן און מאַבלאַן, האָבן אויסגעדריקט פאַרן טריבונאַל זייער באַוווּנדערונג פאַר די קאָמוניסטן. פּאָל לאַנזשווען, דער רומפולער פאָרשטייער פון דער פראַנצוי־זישער וויסנשאַפט, אָט דער געלערנטער, וואָס האָט געהאַט דערקלערט: „וואָס מער איך באַרייכער מיין וויסן, אַלץ מער ווער איך קאָמוניסט״ — האָט פּראָ־קלאַמירט, אַז ער האָט דעם זעלבן אידעאַל, ווי די באַשולדיקטע און אַז ער גלויבט אַזוי ווי זיי אין דער מעגלעכקייט, אין דער נויטווענדיקייט איבער־צובויען די וועלט. אַ טאַלאַנטפולער בעלגישער אַדוואָקאַט, זשאַן פאַנטעין, האָט פאַרטיידיקט פלאָרימאָן באָנט.

פראַנסואַ ביאו האָט אין אַ לעצטער דערקלערונג מיט שטאָלץ פּראָ־קלאַמירט, אַז זיינע חברים און ער נעמען אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געשריבן און געטאָן.

> מיר האָבן ליב פראַנקרייך און דאָס, וואָס בויט פראַנקרייך: זיין פאָלק... מיר האָבן ליב דאָס פאָלק פון פראַנקרייך און מיר ווילן עס באַפרייען פון די, וואָס פירן עס צו שחיטות און חורבן... מיר זיינען אינטערנאַציאָנאַליסטן און דעריבער באַטראַכטן מיר יעדן זיג פון פּראָלעטאַריאַט, אין וואָס פאַר אַ לאַנד עס זאָל נישט זיין, אַלס אונדזער אייגענעם זיג... מיר באַטראַכטן דעם בוי פון סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד אַלס דעם ערשטן אַקט פון דער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס וועט באַפרייען די פעלקער פון אונטערדריקונג און פון מלחמה... מיר אַרבעטן פאַר דער באַפרייאונג פון אונדזער לאַנד. זאָל לעבן אַ פריי, גליקלעך און שטאַרק פראַנקרייך!

דער אורטייל? עס ווערן פאַרמשפּט צו 5 יאָר תפיסה, 5000 פראַנק שטראָף און צו פאַרלירן די ציווילע און פּאָליטישע רעכט, די פאָלגנדיקע 26

קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן, וועלכע געפינען זיך שוין אין טורמע: באַרעל,
באַרטאַליני, בענואַ, בערליאָז, ביאו, באָנט, קאַרנאַווען, קאַסאַנאָ, קאַסט,
קריסטאָפאָל, קרואַזאַ, דעמיזואַ, גאַאו, גרעזאַ, לאַרעפּ, זשאַרזש לעווי, לאַז־
רעי, מאַרטעל, מידאָל, מאָקע, מיזמאַ, פּעטי, פּראַשע, פּראַ, ראַשע, טושאַר.
דער זעלבער אורטייל אויך קעגן עטיען פאַזשאַן, וואָס איז ביז איצט
געווען פריי און וועלכער איז אין זיין סערזשאַנט־אוניפאָרם תיכף פאַר־
נומען געוואָרן דורך דער פּאָליציי. דער זעלבער אורטייל אויך קעגן ביין
חברים, וואָס האָבן באַוויזן אויסצומיידן דעם אַרעסט: קאַטלאַ, זשאַק דיקלאָ,
דיטיעל, מאַנמוסאַ, פּערי, ראַמעט, ריגאַל, טיאָן, טאַרעז. די שווער־פאַרווונ־
דעטע פון דער פאַרגאַנגענער מלחמה: ברען, דאַדאַ און זשאַן דיקלאָ זיינען
פאַראורטיילט, צוזאַמען מיט רענאָ זשאַן און פיליפּאָ, צו 4 יאָר תנאי־
תפיסה; דאַלאַדיע לאָזט זיי אַרעסטירן ביים אַרויסגיין פון טריבונאַל און
שיקט זיי גלייך אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אַנשטאָט דערפאָלגן אויפן מיליטערישן פראָנט, האָט די רעגירונג
אָפּגעהאַלטן דעם איינציקן זיג, צו וועלכן זי האָט געשטרעבט. צי האָט
דען דער אינערן־מיניסטער, דעם 20־טן מערץ 1940, ערב דעם פּראָצעס,
נישט געהאַט פאַרעפנטלעכט דעם פאָלגנדיקן קריגס־קאָמוניקאַט:

> די וואַל־מאַנדאַטן פונעם קאָמוניזם עקזיסטירן נישט מער. 300 קאָמו־
> ניסטישע שטאָט־ראַטן זיינען פאַרהאַנגען געוואָרן. בסך־הכל האָט מען ביי
> 2778 אויסגעוויילטע קאָמוניסטן אָפּגענומען די מאַנדאַטן. די צוויי טעג־
> לעכע צייטונגען, די „הומאַניטע", וואָס האָט געהאַט אַ טיראַזש פון אַ האַלבן
> מיליאָן עקזעמפּליאַרן און דער „סע סואַר" פון 250 טויזנט עקזעמפּליאַרן, זיי־
> נען פאַרמאַכט געוואָרן, ווי אויך 159 אַנדערע צייטונגען. 620 סינדיקאַטן זיינען
> פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן. עס זיינען פאַרגעקומען 11.000 רעוויזיעס און 675
> פּאָליטישע גרופּירונגען פון קאָמוניסטישער באַפּאַרבונג זיינען אויפגע־
> לייזט געוואָרן. אַחוץ דעם זיינען זייערע טוער פאַרפאָלגט געוואָרן. ביזן 7־טן
> מערץ זיינען 3400 פון זיי אַרעסטירט געוואָרן. פיל זיינען אינטערנירט גע־
> וואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. 8000 סאַנקציעס זיינען אָנגענומען
> געוואָרן קעגן די קאָמוניסטישע באַאַמטע.

די רעגירונג האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט די דאָזיקע שיינע
מעשים. אַ סאָציאַליסטישער מיניסטער, סעראָל, האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ,
וואָס זעט פאָר טויט־שטראָף פאַר פראַנצויזן, פאַרדעכטיקט אין קאָמוניס־
טישער פּראָפּאַגאַנדע; אין דער זעלבער צייט זיינען די פאַרעטער און די
היטלערישע שפּיאָנען געווען פריי צו טאָן אַלץ, וואָס זייער האַרץ האָט
בעגלוסט. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט היטלער אָנגעהויבן זיין אָפענ־
סיווע קעגן פראַנקרייך. זיין 5־טע קאָלאָנע און אַלע ווילד־צעיושעטע אַנ־

טיקאָמוניסטן האָבן געהאַט גוט געאַרבעט. דאָס אָפּגעשוואַכטע, צעטיילטע, אונטערגעמינעוועטע פראַנקרייך איז פאַרן נאַצישן פאַרכאַפּער געווען אַ לייכטער רויב.

די דייטשע אַטאַקע איז אָנגעהויבן געוואָרן דעם 10־טן מאַי 1940, איבער בעלגיע און לוקסעמבורג. די פראַנצויזישע אַרמיי, שוין צוזאַמען מיטן ענגלישן, בעלגישן און האָלענדישן צושטייער, האָט פאַרמאָגט אַ געוויסן איבערגעוויכט אין מענטשן. אָבער עס האָט איר געפעלט אַוויאַ־ציע, און אירע טאַנקן, וועלכע זיינען געווען פונקט אַזוי צאָלרייך ווי די דייטשע, און טיילמאָל פון העכערער קוואַליטעט, זיינען נישט אַלע געווען גרופּירט אין גרויסע פאַנצער־איינהייטן. די סטרוקטור און די סטראַ־טעגישע קאָנצעפּציע פון דער דייטשער אַרמיי זיינען אַרויסגעדרונגען פון די פאָרשריטן פון דער טעכניק. דער גענעראַל־שטאַב פון אונדזער אַרמיי האָט זיך געהאַלטן ביי דער אָפּגעלעבטער קאָנצעפּציע פונעם פּאָזי־ציע־קריג, אַזוי ווי דאָס איז געווען דער פאַל פון 1914 ביז 1918. ער האָט געגלויבט, אַז די מאַזשינאָ־ליניע איז נישט איינצוברעכן. אין זיין פאָרוואָרט צום בוך פון גענעראַל שאָווינאָ: „צי איז די אינוואַזיע מעגלעך?" האָט פּעטען געפּסקנט, אַז דאָס אָנווענדן טאַנקן און געפּאַנצערטע דיוויזיעס קאָן נישט האָבן קיין ווירקונג.

> דער אומאונטערבראָכענער פראָנט — האָט ער געשריבן — איז אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון דער פאַרשטאַרקטער צאָל כוחות, וואָס די באַוואָפנטע נאַציע שטעלט אויף די פיס.

ער האָט גערעדט וועגן דער

> באַריערע פון אויטאָמאַטישן געווער, קאָמבינירט מיט אַ נעץ פון שטעכל־דראָטן — אַ באַריערע, וואָס איז נישט דורכצוברעכן.

אונטערן דרוק פון די אַוויאָנען און פון די דייטשע טאַנקן זיינען אונדזערע ליניעס דורכגעבראָכן געוואָרן אין סעדאַן. דער שונא איז געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער סאָם; דערנאָך האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום צפון, אָפּשניידנדיק אונדזערע בעסטע דיוויזיעס, וואָס זיינען אומפאָר־זיכטיקערהייט געהאַט אַריינגעצויגן געוואָרן אין די שלאַכטן אין בעלגיע און האָבן זיך איצט צוריקגעצויגן צוזאַמען מיט די ענגלענדער אין דער ריכ־טונג פון דונקערק. אַ טייל מיליטער פון די פאַרבינדעטע האָט באַ־וויזן צו אַנטלויפן דורכן ים. דער גאַנצער קריגס־מאַטעריאַל איז פאַרלוירן געגאַנגען.

נאָך דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע האָט פּאָל רעינאָ אַראָפּגעזעצט דעם גענעראַל גאַמלען און אַוועקגעשטעלט דעם גענעראַל ווייגאַן אין דער שפּיץ פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. דער נייער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט דערפירט די מפּלה ביזן סוף. ווי אַזוי האָט דען דער מאַן, וואָס האָט געטראַכט וועגן אַ מאַרש אויף באַקו, געקענט שטערן דעם דייטשן מאַרש אויף פּאַריז?

דער רעאַקציאָנערער גייסט פונעם דאָזיקן גענעראַל, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַלע פאַראורטיילן פון זיין קאַסטע און וועלכער האָט געהאַסט דאָס פאָלק און די אַרבעטער־באַוועגונג (ער האָט געהאָט באַקעמפט די רויטע אַרמיי אין פּוילן בעת דער קאַמפּאַניע פון 1920) — איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ באַזונדערס בולטן אופן בעת די טראַגישע וואָכן, ווען די דייטשע פאַנצערס האָבן געיאָגט פון דער סאָם ביז די פּירענעען.

פּאָל רעינאָ האָט גענומען דע גאָלן אַלס אונטערשטאַט־סעקרעטאַר אין קריגס־מיניסטעריום. ער האָט פריער אַריינגעפירט פּעטענען אין זיין רעגירונג און באַשטימט דעם גענעראַל דענץ אַלס פּאַריזער מיליטערישן גובערנאַטאָר. דער דאָזיקער גענעראַל האָט זיך צוגעאײַלט צו פּראָקלאַמירן פּאַריז אַלס אָפענע שטאָט. און בעת אונדזערע אַרמייען האָבן געהאַלטן אין איין צוריקציען זיך, האָבן די מיניסטאָרן און גענעראַלן געקלערט בלויז וועגן נאָך מער רודפן די אַרבעטנדיקע און וועגן באַוואָרענען זיך קעגן דעם באַרעכטיקטן צאָרן פון פאָלק.

אין דער צייט, ווען די דייטשע סכנה האָט פון שעה צו שעה אַלץ מער באַדראָט פּאַריז, האָט אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט, דעם 6־טן יוני, איבערגעשיקט דער רעגירונג פאָלגנדיקע פאָרשלאָגן:

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט באַטראַכטן ווי אַ פאַראַט דאָס איבערלאָזן פּאַריז פאַר די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער. זי האַלט פאַר דעם ערשטן נאַציאָנאַלן חוב צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט. דערצו איז נייטיק:

1. פאַרענדערן דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה און פאַרוואַנדלען זי אין אַ נאַציאָנאַלער מלחמה פאַר דער אומאָפּהענגיקייט און פאַר דער פרייהייט;
2. באַפרייען די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן, ווי אויך די צענדליקער טויזנטער אַרעסטירטע און אינטערנירטע אַרבעטער;
3. תיכף אַרעסטירן די אַגענטן פונעם שונא, וואָס שוויבלען און גריבלען אינעם פּאַרלאַמענט, אין די מיניסטעריומס און אפילו אין גענעראַל־שטאַב, און אָנווענדן לגבי זיי די שטרענגסטע שטראָפן;

4. די דאָזיקע ערשטע מאָסמיטלען וואָלטן אַרויסגערופן דעם פאָלקס־ענטוזיאַזם און דערמעגלעכט אַ מאַסן־מאָביליזאַציע, וואָס דאַרף פאָראַרדנט ווערן תיכף ומיד;
5. מען דאַרף באַוואָפענען דאָס פאָלק און פאַרוואַנדלען פּאַריז אין אַן אומבאַזיגבאַרע פעסטונג.

מיר האָבן פאַרגעלייגט דער רעגירונג צו באַוואָפענען דאָס פאָלק און צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. די רעגירונג האָט געענטפערט מיט קאַפּיטולאַציע.

די קאָמוניסטן האָבן געוואָלט, אַז דער היטלערישער פאַרכאַפּער זאָל אין אונדזער הויפּט־שטאָט זיך אָנטרעפן אויף אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ווייגאַן איז אָבער געווען פון אַן אַנדערער מיינונג: „אויב די דייטשן גייען אַריין אין פּאַריז — האָט ער דערקלערט — איז אונדזער רעגירונג, פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט מחויב זיי אויפצונעמען".

דעם 12־טן יוני האָבן די מיניסטאָרן זיך פאַרזאַמלט אין קאַנזשעי, אין דער טורען־פּראָווינץ. ווייגאַן, וואָס איז פולשטענדיק באַהערשט

פון זיין ברענענדיקער שנאה צו די לינקע, צו די סאָציאַליסטן, צו די פריי־מויערער, צו דער דעמאָקראַטיע, צום פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים; פון אָט דער שנאה, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט ממש אין משוגעת, נאָכדעם ווי ער איז אין יאַנואַר 1935 באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרמיי 1),

זאָגט זיך אַרויס קעגן שאַפן אַ לעצטע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע אין ברעטאַניע און פאָדערט אַ תיכפדיקע און פולשטענדיקע קאַפּיטולאַציע. רעינאָ און פעטען האַלטן אים אונטער. אויף צומאָרגנס, אין טור, באַנוצט זיך דער גענעראַליסימוס מיט שאַנטאַזש און ליגן.

ווייגאַן, וואָס איז געקומען צו דער זיצונג פאַרשפּעטיקט, מעלדעט, ווענדנדיק זיך צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, אַז מאָריס טאָרעז האָט זיך באַזעצט אין עליזעי־פּאַלאַץ. מאַנדעל, וואָס האָט אָקאָרשט געהאַט גערעדט טעלעפאָניש מיטן פּאַריזער פּאָליציי־פּרעפעקט לאַנזשעראָן, לייקנט עס אָפּ. צי צווייפלט איר אין דער ריכטיקייט פון מיינע ווערטער? — ענטפערט אים דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי 2).

אַזוי אַרום, פאָכענדיק מיטן געשפּענסט פון דער פּאַריזער קאָמונע, באַמיען זיך די יורשים פון טיער און פון טראָשי צו געווינען זייערע קאָלעגן, וואָס וואַקלען זיך נאָך — פאַר דער פּאָליטיק פון אָפענער מיטאַרבעט מיט היטלערן.

1) פּערטינאַקס: „די באַגראַבער", ז. 281.
2) דאָרט, ז. 295.

דער פאַרברעכערישער מאַנעוור, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך פעטען און ווייגאַן, ווען לאַוואַל האָט אונטערגעשטיצט, האָט דערפירט צו דער קאַפּיטולאַציע פון 25־טן יוני, אין רעטאָנד. צוויי דריטל פון דער פראַנצויזישער טעריטאָריע זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן דייטשלאַנד. אונדזער אַרמיי איז געוואָרן אַנטוואָפנט, „מיטן אויסנאַם פון דעם מיליטער, וואָס איז נייטיק אויפצוהאַלטן די אָרדענונג״. דאָס גאַנצע געווער און די אַמוניציע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער נישט־אָקופּירטער טעריטאָריע, האָט געדאַרפט אָפּגעגעבן ווערן דייטשלאַנד, און אונדזער פלאָט — געשטעלט ווערן אונטער דייטשער קאָנטראָל. 400 מיליאָן און שפּעטער 550 מיליאָן פראַנק טעגלעך האָט מען באַדאַרפט צאָלן, כדי צו דעקן די הוצאות פונעם אָקופּאַציע־מיליטער. העכער אַנדערטהאַלבן מיליאָן קריגס־געפאַנגענע זיינען געבליבן אין די הענט פון די דייטשן.

די קליקע, וואָס האָט אויסגעליפערט פראַנקרייך צו היטלערן, האָט געפונען אין דער מיליטערישער מפּלה די לאַנג־געזוכטע געלעגנהייט איינצופירן אין פראַנקרייך דעם פאַשיזם. דער זיג פון דער רעאַקציע, וואָס איז געוואָרן דערמעגלעכט דורך די אויסלענדישע באַגנעטן און דערגרייכט אַדאַנק דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך געפונען געשמידט אין קייטן — דער דאָזיקער זיג איז עס געוואָרן אָט דער „געטלעכער סיורפּריז״, וואָס איז אַזוי באַזונגען געוואָרן דורכן טעאָרעטיקער פון „אינטעגראַלן נאַציאָנאַליזם״, שאַרל מאָראַס.

דעם 10־טן יולי האָט לאַוואַל אין קאַזינאָ־זאַל אין ווישי, ווייט פון די פאָלקס־מאַסן, דערשטיקט די רעפּובליק; ער האָט דערגרייכט, אַז דער קנעכטישער פּאַרלאַמענט זאָל אַרויסטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף זיך אַליין. דאָס איז געווען דער לעצטער אַקט פון די פּאַרלאַמענטאַריער, וואָס האָבן דערלאָזט, מען זאָל רעגירן דורך דעקרעט־געזעצן, וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז אָפּגעזאָגט פון אַלע זייערע געזעץ־געבערישע און קאָנטראָל־פולמאַכטן און האָבן אויף אַ ווילקירלעכן אופן צוגענומען די מאַנדאַטן ביי די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן.

די דריטע רעפּובליק איז אָפּגעשטאָרבן אָן גרויסן רום. אַ קאַפּיטולאַציע־מאַרשאַל האָט איר געהאָלפן שטעלן די ערשטע טריט און אַ צווייטער קאַפּיטולאַציע־מאַרשאַל האָט זי צו קבורה געבראַכט. פון מאַק־מאַהאָן ביז פעטען...

דעם זעלבן טאָג, ווען די פּאָליטיקאַנער פון דער בורזשואַזיע, באַגייענדיק די טראַדיציע פון די ווערסאַיל־לייט, האָבן ביז איבערן האַלדז

גערזונקען אין דער מפּלה און זיך געשטעלט אויף די קני פאַרן אַליינהער־שער, אינעם זעלבן טאָג האָבן די יורשים פון די קאָמונאַרן פּראָקלאַמירט זייער אומבויגזאַמען גלויבן אין גורל פון פראַנקרייך און אין זיג פון דער דעמאָקראַטיע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט, וועלכן עס האָבן אונטערגעשריבן זשאַק דיקלאָ און איך אַליין, און וועלכער איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין דער אומלעגאַלער „הומאַניטע״:

> פראַנקרייך — האָבן מיר געזאָגט — האָט געליטן אַ מפּלה; עס איז אָקופּירט און דערנידעריקט. אָבער פראַנקרייך, וואָס בלוטיקט נאָך אינ־גאַנצן — וויל לעבן פריי און אומאָפּהענגיק. קיינמאָל וועט אַזאַ גרויס פאָלק ווי אונדזערס, נישט ווערן קיין פאָלק פון שקלאַפן. פראַנקרייך וועט נישט ווערן אַ מין קאָלאָניזירט לאַנד. פראַנקרייך מיט איר רומפולער פאַר־גאַנגענהייט, וועט זיך נישט שטעלן אויף די קני פאַר אַ חברה לאַקייען, וואָס זיינען גרייט אויף די נידעריקסטע מעשים. נישט די באַזיגטע גענעראַלן, נישט די אַפעריסטן, נישט די פאַרדאָרבענע פּאָליטיקער קענען ווידעראויפ־לעבן פראַנקרייך. די גרויסע האָפענונג פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג ליגט אינעם פאָלק, און דער פראָנט פון פרייהייט, פון אומאָפּ־הענגיקייט און פון ווידעראויפלעבן פראַנקרייך קען געשאַפן ווערן בלויז אַרום דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז קאָמפּסלוסטיק, גרויסמוטיק און פול מיט צוטרוי און קוראַזש.

אין לאָנדאָנער ראַדיאָ האָט גענעראַל דע גאָל דערקלערט, דעם 18־טן יוני:

> איך, גענעראַל דע גאָל, ביי היינט צו טאָג אין לאָנדאָן, בעט אַלע פראַנצויזישע אָפיצירן און סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך אויף דער בריטי־שער טעריטאָריע, אָדער וואָס וועלן זיך דאָ געפינען, מיט אָדער אָן גע־ווער, ווי אויך אַלע פראַנצויזישע אינזשעניערן און אַרבעטער, ספּעציאַלי־זירטע אין דער וואָפן־אינדוסטריע, וואָס געפינען זיך אויף דער בריטישער טעריטאָריע, אָדער וואָס וועלן זיך דאָ געפינען — זיי זאָלן זיך שטעלן מיט מיר אין פאַרבינדונג.

אַזוי אַרום, האָט אויפן באָדן גופא פונעם פאָטערלאַנד — בעת אַלץ, אינ־סטיטוציעס און פּאַרטייען, איז אונטערגעגאַנגען אין אַן אַטמאָספער פון צעטומלטקייט און אומאָרדענונג, אָדער נאָך ערגער: פון פּחדנות און פאַראַט — בלויז אונדזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי, באַוויזן דורך די העכסטע אינטערעסן פון פראַנקרייך און פון פראַנצויזישן פאָלק, תיכף זיך פאַרנו־מען אויפן איינציקן וועג, וואָס האָט געפירט צו דער באַפרייאונג פון לאַנד.

מיט אומדערהערטער צביעות האָבן די ווישי־לייט גערעדט וועגן „נאַ־ציאָנאַלער רעוואָלוציע״. זיי האָבן אָן אויפהער איבערגעקייט זייערע ליג־

**נערישע פאַרמולן:** „אָרגאַניזאַציע און קאָנטראָל פון דער ווירטשאַפט אויף אַנטיקאַפּיטאַליסטישער באַזע, קאַמף קעגן די טרעסטן, צוריק צו ערד־אַרבעט, אָפּשאַפן דעם קלאַסן־קאַמף, אַ מלוכה איבער קלאַסן". אָבער הינטער דער פאַסאַדע פון דער „סאָציאַלער האַרמאָניע" — וואָס עס האָט געפּריידיקט פּעטען, האָט דאָס אַרבעטער־פאָלק מיט יעדן טאָג אַלץ מער אַנטדעקט די גרויזאַמע ווירקלעכקייט פון אונטערדריקונג און קנעכטשאַפט.

דער ליגן פון „נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע" האָט קודם כל דערלויבט די דייטשן צו אָרגאַניזירן דאָס סיסטעמאַטישע באַרויבן פון די רייכטימער פון פראַנקרייך. זיי האָבן גענומען אַלץ — תבואה, ווייך, בהמות, עסנוואַרג, אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, רוישטאָפן, אינדוסטריע־מאַשינען, אויטאָמאָבילן, וואַגאָנען, לאָקאָמאָטיוון...

דער אַנטיקאַפּיטאַליזם פון די ווישי־לייט, פּונקט ווי דער אַנטיקאַפּיטאַליזם פון אַלע פאַשיסטן, איז אַגב געווען בלויז געמיינע דעמאַגאָגיע. ס'איז קלאָר, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין סאָציאַליזם דאָרט, וווּ עס בלייבט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־אופן, וועמענס ציל עס איז צו פאַרמערן דעם קאַפּיטאַל, צו זוכן קאַפּיטאַליסטישע רווחים און וועלכער קען נישט אַנדערש עקזיסטירן, ווי דורך דער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש. די ווישי־לייט האָבן טאַקע געהאַלטן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע רווחים זיינען נוצלעך און נייטיק. פּעטען האָט עס בפירוש פּראָקלאַמירט אין זיין רעדע פון סענט־עטיען, דעם 1־טן מאַי 1941. וואָס שייך די טרעסטן און די פינאַנץ־אָליגאַרכיעס, איז זייער הערשאַפט געוואָרן אַן אומבאַגרענעצטע, אויב מען זאָל נישט נעמען אין באַטראַכט די היטלערישע קאָנטראָל. אין די עקאָנאָמישע אָרגאַניזיר־קאָמיטעטן פון ווישי האָבן זיך אָפּגעפונען אַלע גרויסע קאַפּיטאַליסטן אָדער זייערע שטעלפאַרטרעטער. פילצאָליקע פראַנצויזיש־דייטשע געזעלשאַפטן זיינען געגרינדעט געוואָרן. דער אָנפירנדיקער קלאַס האָט געשטעלט די פראַנצויזישע אינדוסטריע אין דינסט פון היטלער־דייטשלאַנד. די פישעס, די לעהידעס, די שניידערס, די בישעזס, די פּעיערימאָפּס, די פּאַנוועגס און אַנדערע פאָרשטייער פון די צוויי הונדערט משפחות, האָבן מיט דער פראַנצויזישער ווירטשאַפט געטאָן אַלץ, וואָס די דייטשן האָבן געפאָדערט. שפּעטער זיינען מיר עדות געווען, ווי גרויסע אונטערנעמער פון עפנטלעכע אַרבעטן האָבן געבויט דעם „אַטלאַנטיק־מויער". דאָס איז געווען מיט דער ברכה פון דער ווישי־רעגירונג. פון אָקטאָבער 1940 אָן, האָט פּעטען אָפיציעל אָנגעהויבן, אין מאָנטואַר, זיין פּאָליטיק פון מיטאַרבעט מיטן שונא.

די ווישי־לייט האָבן גערעדט וועגן צוריקקער צו ערד־אַרבעט. זיי האָבן געהאַרכזאַם דערפילט די פאָדערונגען פונעם דייטשן אימפעריאַליזם, וועלכער האָט, כדי אויפצושטעלן זיין העגעמאָניע אין אייראָפּע, געוואָלט פאַרכאַפּן פאַר זיך דעם מאָנאָפּאָל איבער דער אינדוסטריע און פאַרוואַנד־לען אַלע אַנדערע מלוכות אין אַגראַר־לענדער. וואָס עס פעלט אָבער צו־מערסטן דער פראַנצויזישער לאַנדווירטשאַפט אין נאָרמאַלער צייט, דאָס איז נישט קיין אַרבעטס־הענט, נאָר גראַד מאַשינען, קינסטלעכע באַמיס־טיקונג, אָפּגעקליבענע זריעה, קרעדיטן, גוטע וועגן, עלעקטריע, וואַסער אא״וו. פאַר דער מלחמה האָבן מיר פראָדוצירט מער תבואה, ווי מיר האָבן געדאַרפט פאַרן אייגענעם געברויך און מיר זיינען געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט, ווייט אַריבערשטייגנדיק אַלע אַנדערע לענדער, אין דער ווייַן־פראָדוקציע. דאָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין די יאָרן פון גוטער גערעטעניש האָט מען אומעטום גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַרדאַרבן די תבואה און אַרויסצורייסן די ווייַנשטאָקן.

די לאַגע אין די דערפער האָט זיך פאַרערגערט. די דייטשן האָבן רע־קוויזירט די תבואה, די בהמות, די פערד. 800.000 פויערן זיינען געווען אין געפאַנגענשאַפט. דער צוריקגאַנג פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט האָט זיך פאַרשנעלערט.

פּעטען האָט פּראָקלאַמירט „דאָס אָפּשאַפן פון קלאַסן־קאַמף״. אָבער זיין מאַכט, די מאַכט פון די צוויי הונדערט משפחות, איז געווען דער אויסדרוק פונעם פאַרביסענעם קאַמף פון די פּריווילעגירטע קעגן פראַנצוי־זישן פאָלק. די ווישי־לייט האָבן ליקווידירט די לעצטע אינדיווידועלע, מו־ניציפּאַלע און סינדיקאַלע פרייהייטן. אונטער דער אָנפירונג פון דער גע־שטאַפּאָ, האָבן זיי איינגעשטעלט אַ ווילקירלעכן פּאָליציי־רעזשים. אַלע שטאַפּלען פון דער אַדמיניסטראַציע און פון דער פּאָליציי זיינען באַזעצט געוואָרן מיט די רעאַקציאָנערסטע עלעמענטן פון דער אַרמיי און פון פלאָט. די אַרבעטנדיקע, די פּאַטריאָטן, זיינען געוואָרן פאַרפאָלגט, אַריינגעוואָרפן אין די תפיסות, מערדערלעך געשלאָגן, גיליאָטינירט, אָדער איבערגעגעבן די היטלערישע תלינים צום שיסן.

די „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע״ איז פאַרגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ מין „מאָראַלישע און גייסטיקע באַנייאונג״. אין דער אמתן, האָט די דאָזיקע „באַנייאונג״ פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ כאַראַקטעריסטישן צוריקגאַנג צו דער פאַרגאַנגענהייט. די שעדלעכע טעאָריע וועגן „רעליגיע, וואָס איז נייטיק פאַרן פאָלק״ איז קיינמאָל אַזוי אָפן נישט פּראָקלאַמירט געוואָרן, ווי אין

די צייטן פון ווישי. די קירכע איז אויפסניי געוואָרן אַ מלוכה־אינסטי־טוציע. פּעטען און זיינע מיניסטאָרן פלעגן מיט גרויס פּאַראַד בייוווינען די רעליגיעזע צערעמאָניעס. מען האָט פּראָקלאַמירט, אַז די מפּלה איז אַ פּאַרדינטע שטראָף פאַר אונדזערע חטאים. די קאַטוילישע צייטונג „די רע־פּובליק פון דרום־מזרח" האָט אַ געוויסן טאָג געשריבן: „די מפּלה פון פראַנקרייך איז פאַר אונדז אַ טובה, ווייל זי דערלויבט דעם מאַרשאַל אויס־צובעסערן די נשמה פון פראַנקרייך". אויב די מאַסע פראַנצויזן־קאַטאָליקן איז געבליבן טריי פראַנקרייך, האָבן אָבער די זיילן פון דער קירכע מיט אַ ברייטער האַנט אונטערגעשטיצט דעם פאַרעטער פּעטען אין זיין פּאָליטיק פון אונטערטעניקייט צום היטלעריזם. דער קאַרדינאַל זשערליע האָט אַ געוויסן טאָג אויסגעשריגן: „פּעטען — דאָס איז פראַנקרייך, און פראַנקרייך — דאָס איז פּעטען".

אַן אַלגעמיינער אַנגריף האָט זיך אָנגעהויבן קעגן דער וועלטלעכער שול, קעגן דער וועלטלעכער בילדונג, קעגן די וועלטלעכע לערער. די שול־פּראָגראַמען זיינען רעווידירט געוואָרן אין אַן ענג־רעאַקציאָנערן און אַנטי־פראַנצויזישן גייסט. מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון די לערן־ביכער פאַר געשיכטע אַלץ, וואָס איז געווען מסוגל צו שטאַרקן דעם פּאַטריאָטיזם. די גרויסע רעוואָלוציע איז געוואָרן באַשמוצט; בוווין, וואַלמי האָבן אויפ־געהערט צו זיין רומפול. דער אָבסקוראַנטיזם האָט טריאומפירט. ווישי האָט פאַרעפנטלעכט ראַסיסטישע, אַנטיסעמיטישע דעקרעטן — אינעם לאַנד, וואָס האָט דאָס ערשטע געגעבן די יידן פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע.

אַזוי האָט אויסגעזען אָט די „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע", קעגן וועלכער אונדזער פּאַרטיי האָט פונעם ערשטן טאָג אָן, גערופן דאָס פאָלק צו פירן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף.

די ענגלישע צייטונג „דיילי טעלעגראַף" האָט אונטערגעשטראָכן דעם 20־טן דעצעמבער 1940:

> די איינציקע פּאַרטיי, וואָס עקזיסטירט, הגם זי איז אומלעגאַל, איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, און מער ווי טויזנט פון אירע מיטגלידער זיינען אַרעסטירט געוואָרן דעם לעצטן חודש. זיי פאַרשפּרייטן אַנטי־דייטשע אויפ־רופן, וואָס אַפּעלירן צום פּאַטריאָטישן געפיל פון די פראַנצויזן.

שוין אין יולי 1940 זיינען 300 פון אונדזערע חברים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען גראַנדעל, טעמבאָ און פּולמאַרק, וואָס זיינען שפּעטער געפאַלן אין שאַטאָבריאַן — אַרעסטירט געוואָרן אין פּאַריז. אין אָקטאָבער איז פאַרהאַלטן געוואָרן שאַרל מישעלס, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע

קאָמוניסטן. דעם 11־טן נאָוועמבער 1940 זיינען די סטודענטן פון פּאַריז אַוועק לייגן בלומען אויפן קבר פונעם אומבאַקאַנטן זעלנער און מאַני־פעסטירן קעגן אָקופּאַנט. די היטלעריסטן האָבן געעפנט אַ שיסעריי; עס זיינען געווען פיל טויטע און פאַרוואונדעטע. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען זיך אין פראַנקרייך דערוווּסט, אַז נאָכדעם, ווי עלזאַס און לאָרען זיינען דורך פּעטען און לאַוואַל אָפּגעטראָטן געוואָרן היטלערן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן פאַרטרייבן פון די דערפער די עלזאַסער און לאָרענער פויערן. די אַרויסגעטריבענע האָבן געהאַט רעכט מיטצונעמען בלויז דאָס סאַמע נויטיקע און העכסטנס 5 טויזנט פראַנק פאַר אַ משפחה. אונדזער פּאַרטיי איז געווען די איינציקע, וועלכע איז אַרויס מיט אַן ענערגישן פּראָטעסט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אומלעגאַל איבערן גאַנצן לאַנד.

אין אַפּריל־מאַי 1941 האָבן די קוילנגרעבער פון די דעפּאַרטעמענטן נאָר און פּאַ־דע־קאַלע, טראָץ די גרויזאַמע רעפּרעסיעס, אָנגעהויבן דעם ערשטן גרויסן שטרייק קעגן אָקופּאַנט.

דעם 15־טן מאַי 1941 האָט אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט געמאַכט פאָלגנדיקע דערקלערונג:

> זייענדיק באַוויגן דורך דער אויסשליסלעכער זאָרג צו פאַרווירקלעכן די איינהייט פון דער נאַציע פאַר דער הייליקסטער זאַך פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און שטעלנדיק פאַר אַלץ די אינטערעסן פון לאַנד, דער־קלערט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פייערלעך, אַז כדי צו דערגרייכן דאָס שאַפן פון אַ ברייטן פראָנט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, איז זי גרייט אונטערצושטיצן יעדע פראַנצויזישע רעגירונג, יעדע אָרגאַניזאַציע און יעדן איינציקן, וועמענס אָנשטרענגונגען וועלן גיין אין דער ריכטונג פון אמתן קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון פראַנקרייך און קעגן די פאַרעטער, וואָס געפינען זיך אין דינסט פון אָקופּאַנט.

שוין סוף 1940 האָבן די קאָמוניסטן געשאַפן אַן עמבריאָן פון אַ מי־ליטערישער אָרגאַניזאַציע, צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון אומלעגאַלן קאַמף און פון פאַשיסטישן טעראָר.

דער היטלערישער אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד האָט סטימולירט ביי אונדז דעם ווידערשטאַנד און גאָר באַזונדערס — דעם אָרגאַניזירטן באַ־וואָפנטן קאַמף. די פּאַטריאָטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'האָבן זיך געשאַפן נייע כוחות־פאַרהעלטעניש און אַז די אָנהענגער פון דער פרייהייט און אומ־אָפּהענגיקייט פון די פעלקער זיינען איצט זיכער מיט זייער נצחון. ביז דעם דאָזיקן מאָמענט זיינען אַ סך פראַנצויזן —, אַפילו די, וואָס זיינען געווען

פײַנטלעך־געשטימט צום אָקופּאַנט — געבליבן סקעפּטיש; זײ האָבן גע־צװײפֿלט, צי פֿראַנקרײַך װעט זיך קענען באַפֿרײַען. נאָך דעם 22־טן יוני 1941, האָבן די פּאַטריאָטן זיך געזאָגט:

„מיר זײַנען נישט אַלײן; מיט אַזאַ פֿאַרבינדעטן, װי דאָס סאָװיעטישע פֿאָלק, קענען מיר זיך באַפֿרײַען, קענען מיר זיגן".

די שלאַכט קעגן אָקופּאַנט איז געװאָרן העפֿטיקער, סיסטעמאַטישער: סאַבאָטאַזש־אַקטן, אַטענטאַטן, מיליטערישע אַקציעס מערן זיך כסדר. דעם 3־טן יולי 1941, נאָך סטאַלינס רעדע, באַדעקט זיך די שטאָט סענט־עטיען מיט אױפֿשריפֿטן: „זאָל לעבן די רױטע אַרמײ! זאָל לעבן דעם ראַטנ־פֿאַרבאַנד!" אין פּאַריז האָבן דעם 14־טן יולי, אױף די גרױסע בולװאַרן און אין לאַטײַנישן קװאַרטאַל, זיך באַװיזן דעמאָנסטראַציע־צוגן. אין גאַנץ פֿראַנק־רײַך אַטאַקירט מען דײַטשע פּאַטרולן; אַמוניציע־סקלאַדן װערן אױפֿגעריסן. די קױלנגרעבער פֿון פּאַ־דע־קאַלע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון צװײ העלדן, שאַרל דעבאַרזש און זשיליען האַפּיאַ, װעלכע זײַנען שפּעטער דערשאָסן געװאָרן, שאַפֿן זײערע גרופּן פֿון פֿרײַשיסער און פּאַרטיזאַנער. זײ אַטאַ־קירן מיט גראַנאַטן די היטלערישע אָפּטײלונגען אין הענען־ליעטאַר, אין אַשעל, אין האַרן; זײ פֿירן אַראָפּ פֿון די רעלסן מיליטערישע צוגן און רײַסן אױף פֿאַבריקן. אין פּאַריז באַפֿאַלן אונדזערע פֿרײַשיסער די דײַטשן, אַפֿילו אױפֿן סאַמע קאָנקאָרד־פּלאַץ. בײַ דער מעטראָ־סטאַציע באַרבעס־ראָשעשואַר האָט דער, װאָס איז שפּעטער אַרײַן אין דער געשיכטע און אין דער לעגענדע אונטערן נאָמען פֿון קאָלאָנעל פֿאַביאַן, דערשאָסן דעם 23־טן אױגוסט 1941 אַ העכערן היטלערישן אָפֿיציר, מיט אַ רעװאָלװער װאָס איז צוגענומען געװאָרן בײַם שונא.

די גרױזאַמקײט פֿון די היטלערישע און װישי־רעפּרעסיעס האָט זיך פֿאַרטאָפּלט. די געשטאַפּאָ באַדעקט אַלע מױערן מיט דראָענדיקע אַפֿישן. זי גרײט צו מיט דער מיטהילף פֿון פֿראַנצױזן, ליסטעס פֿון ערזובניקעס. פּישע, פּעטענס אינערן־מיניסטער, רעגירט מיט דער הילף פֿון שפּיאָנען און פּאָליצײ־לײַט; ער גרינדעט ספּעציעלע טריבונאַלן, װאָס „משפּטן" אָן אַפּעלאַציע־מעגלעכקײט די פּאַטריאָטן, בײַ װעמען מען נעמט צו, אױף אַ װילקירלעכן אופֿן, אַפֿילו דאָס רעכט צו האָבן אַן אַדװאָקאַט. דער קאָ־מוניסטישער דעפּוטאַט זשאַן קאַטלאַ, אַ געװעזענער פֿראָנט־קעמפֿער פֿון װערדען, און אַנדערע חברים, װערן גיליאָטינירט. די ידיעה װעגן דער דאָ־זיקער באַרבאַרישער עקזעקוציע האָט מיך אױפֿגעטרײסלט. איך האָב נישט געקאָנט פֿאַרטרײַבן פֿון געדאַנק דאָס שױדערלעכע בילד; איך האָב געזען

דעם קאָפּ פון מיין חבר, פון מיין פריינט, אַט דעם קאָפּ, וואָס האָט פאַר־מאָגט אַזעלכע ענערגישע און שטאָלצע שטריכן — אָפּגעהאַקט דורכן מע־סער פון דער גיליאָטינע...

די היטלעריסטן האָבן אויסגעשאָסן די ערובניקעס. הונדערטער אָרעס־טירטע פּאַטריאָטן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין פּאַריז, ליל, באָרדאָ, נאַנט. דעם 22־טן אָקטאָבער 1941 האָבן די דייטשן דערשאָסן אין שאַטאָ־בריאַן 27 פּאַטריאָטן — 27 חברים, וועמענס נעמען עס זיינען אַריין אין דער געשיכטע. זיי האָבן זיך אַלע העלדיש געהאַלטן קעגנאיבער זייערע הענקער. דער דאָקטאָר טענין האָט אויסגעשריגן צו די נאַציס: „איך וועל אייך ווייזן, ווי אַזוי עס שטאַרבט אַ פראַנצויזישער אָפיציר". גי מאָקע, אַ 17־יאָריקער יוגנטלעכער האָט געענטפערט זיינע חברים, וועל־כע האָבן אים געוואָלט ראַטעווען: „איך בין גענוג דערוואַקסן, צו שטאַרבן צוזאַמען מיט אייך".

נאָך די שחיטות פון נאַנט און פון שאַטאָבריאַן, האָט דער גענעראַל דע גאָל, רעדנדיק אין לאָנדאָנער ראַדיאָ, באַפוילן „מער נישט צו הרגענען קיין דייטשן". די קאָמוניסטן האָבן דערויף געענטפערט: „לאָמיר נקמה נעמען פאַר די מאַרטירער! אַ טויט די אָקופּאַנטן! אַ טויט די פאַרעטער!"

מיר האָבן געוווסט, אַז פאַר פאַרשקלאַפטע פעלקער עקזיסטירט בלויז איין קריגס־געזעץ: פאַרטרייבן דעם אָקופּאַנט. גענעראַל דע גאָל האָט געפּריידיקט, מיר זאָלן וואַרטן ביז די פאַרבינדעטע אַרמייען וועלן אונדז באַפרייען. מיר, דאָקעגן, האָבן געזאָגט, אַז פראַנקרייך דאַרף אַליין, דורך קאַמף, צוהעלפן זיין באַפרייאונג. עס איז אוממעגלעך געווען, מיר זאָלן מיט כבוד דעראָבערן די פרייהייט, נישט מיטרייסנדיק אין קאַמף קעגן היטלע־ריזם אונדזער געאייניקט פאָלק, וואָס די פריישיסער און פאַרטיזאַנער האָבן באַגייסטערט מיט זייער ביישפּיל. „דאָס אָפּוואַרטן" האָט בלויז גע־קענט נוצן דעם שונא. דער באַוואָפנטער קאַמף פון די פראַנצויזישע פריי־שיסער און פאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געוואָרן רעקרוטירט, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דורך אונדזער פּאַרטיי, דורך אירע טוער: שאַרל טיאָן, קאַלאָנעל ראָל־טאַנגי, מאַרסעל פּרענאַן, לאָראַן קאַזאַנאָוואַ, פּיער ווילאָן, לעאָן מאָווע, וויקטאָר מישאַ, — איז געווען באַזונדערס ווירקזאַם. דאָס איז געווען די בעסטע צוגרייטונג צום נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד קעגן אָקופּאַנט.

גאַבריעל פּערי, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען געקעמפט מיט 20 יאָר צוריק אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער יוגנט און וועלכער האָט

אַזוי מוטיק געשטעמפּלט די טרויעריקע פּאָליטיק פון דאַלאַדיע־באָנע — איז געוואָרן אַרעסטירט אין פרילינג 1941. דעם 15־טן דעצעמבער האָבן אים די דייטשן דערשאָסן אויפן מאָן־וואַלעריען. עטלעכע שעה פאַר זיין טויט האָט ער געשריבן:

> צום לעצטן מאָל האָב איך געמאַכט מיין חשבון־הנפש: ער איז דורכאויס־צופרידנשטעלנדיק. אויב איך וואָלט באַדאַרפט נאָכאַמאָל אָנהויבן מיין לעבן, וואָלט איך געגאַנגען מיטן זעלבן וועג. איך האָב היינטיקע נאַכט פיל געטראַכט וועגן די ביז גאָר ריכטיקע ווערטער פון מיין טייערן פּאָל וואַיאַן־קוטיריע, וועלכער פלעגט זאָגן, אַז דער קאָמוניזם איז די יוגנט פון דער וועלט און אַז ער גרייט צו זינגעוודיקע מאָרגנס. אויך איך וועל באַלד גרייטן זינגעוודיקע מאָרגנס.

דעם זעלבן טאָג האָט אין קאָן ליסיען סאַמפּע באַצאָלט מיטן לעבן פאַר זיין ליבע צו פראַנקרייך און פאַר זיינע פאַרמלחמהדיקע מוטיקע קאַמפּאַניעס קעגן די קאַגולאַרן און אַנדערע אַגענטן פון היטלערן.

עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן די היטלעריסטן דערשאָסן פּיער סעמאַר, דעם פירער פון די באַן־אַרבעטער, דעם געוועזענעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונדזער פּאַרטיי, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן אין דער צייט פונעם „מאָדנעם קריג". די עטלעכע שורות, וועלכע ער האָט געשריבן פאַר זיין טויט, באַווייזן וואָס פאַר אַ הויכע מדרגה פון מוט און קלאָרזעעוודיקייט עס קענען דערגרייכן די, וועלכע זיינען באַהויכט מיטן קאָמוניסטישן גייסט:

> אין די לעצטע מינוטן איז מיין געדאַנק מיט אייך, קאַמפּס־חברים, מיט אַלע מיטגלידער פון אונדזער גרויסער פּאַרטיי, מיט אַלע פראַנצויזן־פּאַטריאָטן, מיט די העלדישע קעמפער פון דער רויטער אַרמיי און מיט איר פירער — דעם גרויסן סטאַלין. איך שטאַרב מיט דער פולער זיכערקייט אין פראַנקרייכס באַפרייאונג... אַדיע, טייערע פריינט, די שעה פון מיין טויט דערנענטערט זיך. אָבער איך ווייס, אַז די נאַציס, וואָס וועלן מיך שיסן — זיינען שוין באַזיגט, און אַז פראַנקרייך וועט באַווייזן פאָרצוזעצן דעם גרויסן קאַמף. זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד און זיינע פאַרבינדעטע! זאָל לעבן פראַנקרייך!

די גבורה פון אונדזערע העלדן און די צאָלרייכע העראָאישע מעשים פון די פּאַרטיזאַנער האָבן געשטאַרקט דעם קאַמפּס־ווילן פון די פאָלקסמאַסן. דעם 22־טן יוני 1942, אינעם יאָרטאָג פון דייטשן אָנגריף קעגן ראַטנפאַרבאַנד, אַנטלויפן 19 קאָמוניסטן, מיט זשאָרזש קאָניאָ בראש, פון דעם רוּאַיאַליע־לאַגער אין קאָמפּיען, דורך אַ טונעל, וואָס זיי האָבן דורכגעגראָבן אונטער די שטעכל־דראָטן. מיין ברודער לואי, וועלכער האָט

זיך געפונען צווישן די אַנטלאָפענע, ווערט צוריקגעכאַפּט. די היטלער־ריסטן דערשיסן אים.

דער שונא וואַרפט זיך מיט אכזריות אויף מיינע סאַמע נאָ־ענטסטע חברים: פּיער ריגאַ, מיין סעקרעטאַר, וועמענס העכסטע אַמ־ביציע איז געווען — ווי ער האָט עס אויסגעדריקט אין זיין לעצטן בריוו — אַז אויך ער זאָל זיין „אַ טראָפּן פון אָט דעם בלוט, וואָס וועט באַפרוכפּערן די ערד פון פראַנקרייך"; מור, דער אַדמיניסטראַטיווער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט; גינזבורג, דער ראַיאָן־סעקרעטאַר פון איוורי; דאַלידע, פון דער קאַדערן־סעקציע; מיינע אַלטע חברים פּראָפעסאָר און העצטזשעס; די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פעליקס קאַדראַס, ראַמיע, רעביער, וואַדלי; די גרויסע אינטעלעקטועלע: פּאָליצער, סאָלאָמאָן, פּיטאַר, פעלדמאַן, דעקורדמאַנש. די צוויי זין פון מאַרטעל, דער זון פון באַרעל ווערן דערשאָסן. דאַניעל קאַזאַנאָוואַ שטאַרבט אויף דעפּאָרטאַציע.

דער אָנדענק פון די מאַרטירער צינדט אָן מיט באַגייסטערונג נייע קעמ־פער. די פּריישיסער און פּאַרטיזאַנער שפּרייטן אויס זייערע נעצן, אַטאַ־קירן כסדר דעם שונא, באַפאַלן טראַנספּאָרטן, וואַרפן באָמבעס אויף די לאָקאַלן, וועלכע זיינען באַזעצט דורך די היטלעריסטן.

דעם 19־טן נאָוועמבער 1942, איז די רויטע אַרמיי, לויטן פּלאַן וואָס איז געוואָרן אָנגעצייכנט דורך סטאַלינען גופא, אַריבער אין אָפענסיווע ביי סטאַלינגראַד. אַן אַנטשיידנדיקער ווענדפּונקט אינעם קריג! אין דער צייט, ווען די סאָוועטישע סאָלדאַטן האָבן זיך געשלאָגן פאַר יעדן הויז, פאַר יעדן שטאָק אין די חורבות פון דער העלדישער שטאָט — האָבן די רוסישע דיוויזיעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין צפון און אין דרום פון סטאַלינגראַד, דורכגעבראָכן דעם פיינטלעכן פראָנט: זיי האָבן אַריינגע־נומען, ווי אין אַ צוואַנג אַ היטלערישע אַרמיי פון 330.000 מאַן און זי פולשטענדיק צעקלאַפּט; 90.000 דייטשן זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. פון די ברעגן פון דער וואָלגע הייבט זיך דאָן אָן אָט דער מאַרש אויף מערב, וועלכן קיין שום קראַפט האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן, און וועלכער האָט שפּעטער, נאָך שווערע און פאַרביסענע שלאַכטן, דערפירט די זיגער פון סטאַלינגראַד ביז קיין בערלין.

דער ווידערשטאַנד פון דער רויטער אַרמיי, די ריזיקע קרבנות פון סאָוועטישן פאָלק, האָבן דערמעגלעכט, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד זאָלן ווי געהעריק זיך קענען צוגרייטן. דעם 8־טן נאָוועמבער

1942 האָבן מיליטערישע כוחות פון די פאַרבינדעטע געלאַנדעט אין צפון־אַפריקע. דאָס איז נאָך נישט געווען דער צווייטער פראָנט, אויף וועלכן עס האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד די פעלקער, וואָס האָבן געשמאַכט אונטערן היטלערישן יאָך, און די קעמפער פון מזרח, וואָס האָבן ווייטער אין משך פון 18 חדשים אויסגעטראָגן די גאַנצע לאַסט פונעם קריג.

נאָך דער שלאַכט פון סטאַלינגראַד האָט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער בורזשואַזיע פאַרשטאַנען, אַז דער היטלעריזם איז פאַרלוירן, ער האָט דע־ריבער אויפגעגעבן די דייטשע קאָרט און גענומען שפילן די אַמעריקאַנער קאָרט. פלאַנדען און פישע זיינען אַראָפגעקומען קיין אַפריקע. באַקאַנטע ווישי־לייט זיינען אַנגעקומען קיין אַלזשיר און האָבן אינטריגירט, כדי צו פאַרנעמען — און האָבן טאַקע אויך פאַרנומען — אַפיציעלע פאָסטנס.

די לאַנדונג פון די פאַרבינדעטע האָט, ווי סטאַלין האָט עס געהאָט דערקלערט, געשאַפן „אַ באַזע פאַר אָרגאַניזירן אַ פראַנצויזישע אַרמיי קעגן היטלערן". עס איז מעגלעך געוואָרן צו פאַראייניהייטלעכן און צו אָרגאַניזירן אַלע פראַנצויזישע כוחות, כדי צוצואיילן די מפלה פון היט־לערישן דייטשלאַנד, מיט איין תנאי אָבער, אַז די קאַפיטולאַנטן און די געוועזענע קאָלאַבאָראַטאָרן זאָלן ווערן באַזייטיקט. די טוער פון דער אַלזשיריאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי, די 27 פראַנצויזישע קאָמוניסטישע דעפוטאַטן, וועלכע זיינען דעם 5־טן פעברואַר 1943 באַפרייט געוואָרן דורכן גענעראַל זשיראָ און צו וועלכע עס איז צוגעקומען אַנדרעי מאַרטי, די 400 טוער פון אונדזער פאַרטיי, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון אַפרי־קאַנער קאַטאָרגע — האָבן אויף אַ ווירקזאַמען אופן צוגעטראָגן זייער ביי־שטייער צום זיג.

דעם 25־טן נאָוועמבער 1942, צוויי טעג פאַרן דערטרינקען דעם פלאָט אין טולאָן, זיינען אַ פאַרשטייער פון אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט און אַ פאַרשטייער פון גענעראַל דע גאָל געקומען צו אַ הסכם וועגן אַ פראָגראַם פון געמיינזאַמער אַקציע, וואָס האָט פאַרגעזען אַן ענגע פאַרשטענדיקונג צווישן דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און די „פראַנצויזישע קעמפנדיקע כוחות", מיטן ציל צוצוגרייטן דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד. אין יאַנואַר 1943 איז פערנאַן גרעניע, אַנגעקומען קיין לאָנדאָן אַלס דעלעגאַט פון אונדזער צענ־טראַל־קאָמיטעט ביים פראַנצויזישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַ־פרייאונג. אין חודש מערץ האָט זיך אין פראַנקרייך געשאַפן דער „נאַציאָ־נאַל־ראַט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג", אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרטראַטן, צוזאַמען מיט די צוריק־אויפגעשטעלטע פאַרטייען, די אויפסניי

פּאַראַייניקטע ס. זש. ט.' די צענטראַלע קריסטלעכע סינדיקאַטן און די פאַרשידענע באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס פון ווידערשטאַנד.

אונדזערע צילן אין דעם פראַנצויזישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג האָבן זיך אויסגעדריקט אין פינף פּונקטן, וועלכע זיינען דערשינען דעם 3־טן דעצעמבער 1943 אין דער אומלעגאַלער „הי־מאַניטע", אונטערגעשריבן דורך זשאַק דיקלאָ. מיר האָבן פאַרלאַנגט: שאַפן אַ שטאַרקע אַרמיי און באַוואָפנען די פּאַטריאָטן; באַשטראָפן די פאַרעטער און אויסרייניקן די מלוכה־אַדמיניסטראַציע פון קאָלאַבאָראַטאָרן; אַ דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־גערעכטע פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין מסוגל אַרויסצורופן ענטוזיאַזם פאַרן באַפרייערישן קריג; אַ פּאָליטיק פון ברידער־לעכער אייניקייט צווישן דער מעטראָפּאָליע און די טעריטאָריעס מעבר־לים; אַ מער אַקטיווערע ראָל פון פראַנקרייך אין שויס פון די פאַראייניקטע נאַ־ציעס דורכן אַנטוויקלען אונדזערע קריגס־אָנשטרענגונגען. ערשט אין אַפּריל 1944 זיינען ביאו און גרעניע אַריינגעטראָטן אין „פראַנצויזישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג", אין הסכם מיטן ווּנטש פון די פאָלקס־מאַסן.

* * *

אין חודש מאַי 1943 האָב איך, אַלס ביוראָ־מיטגליד פון אינטערנאַ־ציאָנאַל, אָנטייל גענומען אין מאָסקווע אין די באַראַטונגען, בעת וועלכע עס איז באַשלאָסן געוואָרן פונאַנדערצולאָזן דעם קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל. במשך פון אַ פערטל יאָרהונדערט האָט דער קאָמוניסטישער אינ־טערנאַציאָנאַל אויף דער גאַנצער אויבערפלאַך פונעם ערד־קויל באַהויכט, אינספּירירט און אָנגעפירט דעם גרויסן קאַמף פון די עקספּלואַטירטע קעגן די עקספּלואַטאַטאָרן. קעגנאיבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַלסיפיצי־רער, איז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל געבליבן טריי דער דאָק־טרין פון מאַרקסן און האָט גרופּירט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין אמתע אַרבעטער־פּאַרטייען. אין דער ניי־געשאַפענער היסטאָרישער סיטואַציע, נע־מענדיק אין באַטראַכט די פאַרשידנאַרטיקייט פון דער אַרבעטער־באַווע־גונג אין די באַזונדערע לענדער, האָט דאָס ביוראָ אָפּגעשאַצט, אַז די פאָרם פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע אַנטשפּרעכט נישט מער די גע־באָטן פון קאַמף. מיר האָבן זיך אינספּירירט פונעםביישפּיל פון מאַרקס און ענגעלס, וועלכע האָבן אויפגעלייזט די קאָמוניסטן־ליגע (1852), און שפּעטער — דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, נאָכדעם ווי ער האָט דער־



## מאָרים טאָרעז אין דער היים

מאָריס טאָרעז מיט זיין פרוי און זיינע קינדער (1949). אויף זיינע קני — פּאָל; אויף די קני פון זשאַנעט ווערמערש — פּיער; שטייענדיק — מאָריס און זשאַן; לעבן זשאַנעט — די מוטער.

פילט זיין היסטאָרישע שליחות, לייגנדיק דעם פונדאַמענט פאַר דער גרינ־דונג פון די אַרבעטער־פּאַרטייען (1876). עס איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרצולייגן די אַנגעהעריקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן עס איינ־שטימיק אָנגענומען — אויפצולייזן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַלס אָנפירנדיקן צענטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַווע־גונג.

* * *

מיטן פאַרויסמאַרש פון דער רויטער אַרמיי איז דער באַוואָפנטער קאַמף קעגן די היטלעריסטן געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ העפטיקער. פאַרן יאָר 1943 האָבן די פּאַרטיזאַנער דורכגעפירט 2000 אַקציעס קעגן די אייזנבאַנען; די אַוויאַציע פון די פאַראייניקטע פאַרצייכנט אין דער זעלבער צייט 1600 אָנגריפן. די אַקציעס פון פ. ט. פּ., וועלכע זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף געגנט־אָנגעצייכנטע צילן, האָבן געקאָסט אָן אַ שיעור וויניקער מענטש־לעכע קרבנות און דערגרייכט זייער צוועק מיט מער דערפאָלג, ווי די אַוויאַציע־באָמבאַרדירונגען, וואָס האָבן געזייט טויט. דאָך האָט מען זיך אָפּ־געזאָגט צו געבן געווער און אויפרייס־מאַטעריאַל אונדזערע קעמפער. אין סעפּטעמבער 1943 באַפרייען די קאָרסיקאַנישע פּריישיסער און פּאַרטי־זאַנער, ביי דער ענטוזיאַסטישער אונטערשטיצונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, זייער אינדזל פונעם איטאַליענישן און דייטשן יאָך.

אין 1944 גיסן זיך צוזאַמען די פּריישיסער און פּאַרטיזאַנער מיט די אַנדערע באַוואָפנטע גרופּן אין שויס פון די „אינערלעכע פראַנצויזישע כוחות", וועמענס שעף פון גענעראַל־שטאַב עס איז געווען אונדזער חבר, גענעראַל זשוענוויל. די שלאַכט ווערט פיל ברייטער און ווירקזאַמער. זי העלפט באַדייטנדיק די פאַרבינדעטע אין זייער לאַנדונג. נאָכן 6־טן יוני זיינען מיר עדות פון אַ ברייטער פאָלקס־מאָביליזאַציע, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט פון ברעטאַניע ביז די אַלפּן און פון די פּירענעען ביז זשוראַ. גאַנצע דעפּאַרטעמענטן האָבן זיך אַליין באַפרייט. דאָס איז באמת געווען דער נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד. מיטן דערנענטערן זיך פון די פאַרבינדעטע אַרמייען און פון אונדזערע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געקומען פון אַפריקע — איז פּאַריז, אין לויף פון די אויגוסט־טעג 1944, אויפגעשטאַנען קעגן דעם אָקופּאַנט. אויך דאָ זיינען די קאָמוניסטן געווען אין די ערשטע קאַמפס־רייען.

דער גענעראַל אייזענהאָוער האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די הילף, וואָס ער האָט באַקומען פון די „פראַנצויזישע אינערלעכע כוחות״:

זינט דעם ערשטן יוני — דערקלערט ער אין אַ ספּעציעלן קאָמוני־קאַט — האָבן די „פראַנצויזישע אינערלעכע כוחות״ באַדייטנדיק פאַר־שטאַרקט דעם טעמפּ און דעם פאַרנעם פון זייער אַקטיוויטעט. די דאָזיקע אַרמיי האָט אונטערגענומען אַ ברייטע סאַבאָטאַזש־אַקציע. דאָס פאַרניכטן די אייזנבאַן־ליניעס איז געווען באַזונדערס ווירקזאַם. דייטשע מיליטערישע באַרגניזאַנען זיינען געוואָרן אַטאַקירט. עס זיינען פאַרנומען געוואָרן דער־פּער. עס זיינען פאַרגעקומען גאַסן־קאַמפן. עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן פיינטלעכע אָפּטיילונגען. די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן זיינען אין פולן גאַנג און אין געווויסע געגנטן זיינען די „פראַנצויזישע אינערלעכע כוחות״ די ערשטע אָנצוגרייפן.

ווידעראַמאָל האָט דאָס פאָלק געראַטעוועט פראַנקרייך.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ ליכטיקע צוקונפט עפנט זיך איצט פאַר אונדזער פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל געליטן, אַזויפיל געקעמפט, כדי גוט צו מאַכן די פעלערן און די פאַרברעכנס פון זיינע רעגירונגס־לייט. דער נאַציאָנאַל־ראַט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט אין זיין פּראָ־גראַם פון 15־טן מערץ 1944 פעסטגעשטעלט די פּרינציפּן, וואָס האָבן גע־דאַרפט דערמעגלעכן איינצופירן אַ ברייטערע דעמאָקראַטיע און האָט אָנ־געצייכנט די נייטיקע מאַסמיטלען, וואָס האָבן געדאַרפט אָנגעווענדעט ווערן גלייך נאָך דער באַפרייאונג. ער האָט געפאָדערט צו באַשטראָפן די פאַררעטער און צו קאָנפיסקירן זייערע פאַרמעגנס; ער האָט פאַרלאַנגט אומצוקערן דער נאַציע די גרויסע מאָנאָפּאָליזירטע פּראָדוקציע־מיטלען, די ענערגיע־קוואַלן, די מינעראַלע רייכטימער, די פאַרזיכערונג־געזעל־שאַפטן און די גרויסע בענק. ער האָט געפאָדערט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך באַטייליקן אין אָנפירן מיט דער ווירטשאַפט; רעכט אויף אַרבעט און רעכט אויף אָפּרו, אַ גענויעם פּלאַן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, אויפ־הייבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע, אַ געהעריקע עמעריטור פאַר די אַלטע לייט, אויסברייטערן די פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָ־נאָמישע רעכט אין פראַנקרייך און אין די קאָלאָניעס. אָט די אַלע רעפאָר־מען האָבן געדאַרפט דערמעגלעכן צו שאַפן אַ נייע רעפּובליק; זיי האָבן געדאַרפט געבן די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס דעם ווירקזאַמען כוח, וואָס עס האָט זיי געפעלט פאַרן קריג אויף אַנטקעגנצו־שטעלן זיך די שעדלעכע מעשים פון די קאַפּיטולאַנטן און פון די פאַררעטער.

קאָמיטעטן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג זיינען אויפגעשטעלט גע־וואָרן אין אַ לאָקאַלן און דעפּאַרטעמענטאַלן מאַסשטאַב; זיי האָבן פאַרטראַטן

די מאַכט־אָרגאַנען, וואָס פּעטען האָט געהאַט באַשטימט. ליידער, זיינען די דאָזיקע קאָמיטעטן נישט געוואָרן אויסגעקליבן דורכן קעמפנדיקן פאָלק; פּונקט ווי די אַמאָליקע קאָמיטעטן פון פאָלקס־פראָנט, זיינען זיי געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשטייער, וואָס די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַשטימט.

אַ געוואַלדיקער פיבער האָט אַרומגענומען דאָס לאַנד. אַלץ האָט גע־דורשט נאָך אַ נײַ לעבן. די כּוחות פון דער רעאַקציע האָבן זיך פאַר־שטעקט אין די מייז־לעכער. די, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרבונדן מיטן שונא, האָבן געציטערט ביים געדאַנק, אַז זיי וועלן זיין געצוווּנגען אָפּצוגעבן דין־וחשבון. זיי האָבן שוין דאָן אין געהיים געטאָן אַלץ, כּדי אָפּצוטויטן דעם שווּנג פון די פּאַטריאָטן, כּדי צו שעדיקן און ברעכן דעם גייסט פון פאָלק. איך האָב פון מאָסקווע געפילט זייער ווירקונג. דורך צביעות־דיקע מאַנעוורען האָבן זיי געפּרוווּט אָפּשלעפּן מיין צוריקקער קיין פראַנק־רייך. אָבער דער אומגעדולד און די אויפגעבראַכטקייט פון די פאָלקס־מאַסן האָבן גובר געווען די מאַנעוורען פון דער רעאַקציע. דעם 27־טן נאָוועמבער בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז.

דער קריג איז נאָך נישט געווען געענדיקט. דער דייטש האָט באַדראָט שטראַסבורג; ער האָט זיך באַפעסטיקט אין אָפּגעשניטענע פּאָזיציעס ביים ים־ברעג; ער האָט נאָך אַלץ פאַרנומען דונקערק, לאָריאַן, סען־נאַזער, לאַ ראָשעל... ווי נאָר איך בין אַרויס פון אַוויאָן, האָב איך זיך געגרייט ווידער רעדן צום פאָלק פון פּאַריז, וועמען איך האָב שוין געהאַט אַמאָל גע־וואָרנט קעגן די קאָנסעקווענצן פון דער טרויעריקער מינכען־פּאָליטיק.

דעם 30־טן נאָוועמבער 1944 אין אָוונט, האָב איך אין וועלאָדראָם ד'היווער, פאַר אַ ממש עלעקטריזירטן עולם, וואָס האָט אַפּלאָדירט, געזונ־גען, געלאַכט, געמאַכט אויסגעשרייען, בעת צענדליקער טויזנטער פּאַרי־זער האָבן אָנגעפילט די אַרומיקע גאַסן ביז צו די ברעגן פון דער סען — געווען ווידעראַמאָל די פראַנצויזן זיך צו פאַראייניקן, כּדי אַרויסצורייסן דעם נצחון. באַוואָפנען אונדזערע סאָלדאַטן, ווידעראויפבויען אונדזער אינדוסטריע, באַשטראָפן די פאַררעטער, שענקען צוטרוי דעם פאָלק, זיך שטיצן אויף דער סאָוויעטישער פריינטשאַפט, צוגרייטן און פאַרווירקלעכן מיט פאַראייניקטע הערצער און מוחות דעם ווידערגעבורט פון אונדזער פאָטערלאַנד, אַרבעטן אומדערמידלעך און זיך שלאָגן, כּדי אויפצובויען אַ דעמאָקראַטיש, פריי און אומאָפּהענגיק פראַנקרייך — אָט וואָס די קאָמו־ניסטישע פאַרטיי האָט פאַרלאַנגט פון פאָלק.

„זיך פאַראייניקן, קעמפן, אַרבעטן!" — אַט דאָס וועלן זיין פאַרן קומענדיקן פעריאָד די לאָזונגען פון אונדזער פאַרטיי. אין יאַנואַר 1945 האָב איך אויפן צענטראַל־קאָמיטעט אין איוורי אונטערגעשטראָכן די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט אויסצונוצן אַלע מעגלעכקייטן פון אונדזער לאַנד און צו פאַרשטאַרקן זיינע קריגס־אָנשטרענגונגען אויף צו דערגרייכן וואָס שנעלער דעם זיג. אויף אַלע געביטן — אויפן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, פּאָליטישן, גייסטיקן, קולטורעלן — האָבן מיר זיך געפונען פאַר אַ ריזיקער אויפגאַבע פון ווידעראויפבוי און באַנייאונג, וואָס האָט געפאָדערט פון אַלע פראַנצויזן אַן עקשנותדיקע אָנשטרענגונג. מען האָט נישט געטאָרט סתם איבערחזרן פאַרטיקע פאָרמולן וועגן פראַנקרייכס גרויסקייט. עס איז נייטיק געווען צו אַרבעטן אומדערמידלעך און זיך צו שלאָגן, אַזוי ווי מיר האָבן זיך געשלאָגן אויף צו פאַרטרייבן דעם אָקופּאַנט.

פאַביאַן, דער העלד פון די פּריישיסער און פאַרטיזאַנער, וועלכער איז געפאַלן אין עלזאַס, האָט מיט זיין לעבן און טויט אונדז געוויזן ווי אַזוי עס קעמפן די זין פון אונדזער פאָלק. זייער קרבן איז נישט געווען קיין אומזיסטער; ער וועט אויך אויף ווייטער אונדז באַהיטן.

אויפן אַנדערן עק שלאַכט־פעלד האָט די רומפולע רויטע אַרמיי אַלץ צעקלאַפּט אויף איר וועג און אַראָפּגערוימט די לעצטע שטערונגען. סוף אַפּריל איז זי אַריין אין בערלין, האָט צעשמעטערט די היטלערישע הידרע און אַרויסגעהאָנגען די סאָוויעטישע פאָן אויף אָט דער קאַנצלער־געביידע, פון וואַנען עס איז אַרויס די שרפה, וואָס האָט פאַרוויסטעט די וועלט.

זאָלן ווייניקסטנס די אַלע, וואָס וואָלטן וועלן איבערנעמען די היטלערישע פּלענער פון וועלט־העגעמאָניע, זיך אַריינעמען אין זכרון די דאָזיקע לעקציע פון דער געשיכטע!

קאפיטל 7.

# אונדזער שלאַכט

## פאַרן ווידערגעבורט פון פראַנקרייך, פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפהענגיקייט, פאַר שלום

דער 10־טער קאָנגרעס: ווידערגעבורט, דעמאָקראַטיע, איינהייט. — די הויכפלאַך גליער. — דער רוף פון וואַזיע. — די גרעסטע פּאַרטיי. — אין דער רעגירונג. — טריישאַפט צום פּראָגראַם פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. — פּרייזן, לוינען, רווחים. — די טעטיקייט פון די קאָמוניסטישע מיניסטאָרן. — די צוויי לאַגערן. — דער אַמעריקאַנער עקספּאַנסיאָניזם. — דער מאַרשאַל־פּלאַן. — דאָס קאָלאָניזירן פראַנקרייך. — אויס מיט די רעפּאַראַציעס. — דער אַטלאַנטיק־פּאַקט. — די צוגרייטונג פון אַ דריטן וועלט־קריג. — דער קאַמף פאַר שלום.

אונדזער לאַנד איז אַרויס פונעם קריג און פון דער אָקופּאַציע זייער אָפּגעשוואַכט. אין פראַנקרייך, פּונקט ווי אין גאַנץ אייראָפּע, האָט היטלער געלאָזן נאָך זיך חורבות, דחקות, ליידן און בלוט. מיר האָבן געדאַרפט צוריקאויפבויען אונדזערע שטעט און אונדזערע דערפער, צוריקאויפשטעלן די בריקן, לאָזן ווידער אין גאַנג אונדזערע פאַבריקן, ווידער באַאַרבעטן דעם גאַנצן אַקער־באָדן, מיט איין וואָרט: אונטערנעמען און דורכפירן מיט דערפאָלג אַ ריזיק ווערק.

און דאָך האָבן אונדזערע גרונט־אינדוסטריעס כמעט נישט געהאַט געליטן. אונדזערע קוילנגרובנס זיינען געבליבן גאַנץ, אין דער צייט ווען זין 1918 זיינען צוויי דריטל פון אונדזערע גרובנס פון נאָר און פּאַ־דע־קאַלע

געוואָן צעשטערט און פאַרפלייצט. די גרויסע אייזן־אינדוסטריע האָט פאַר־לוירן ווייניקער ווי 10 פּראָצענט פון איר פאַרמלחמהדיקן פּאָטענציאַל. עס איז מעגלעך געוואָן אַלץ צו לאָזן אין גאַנג; דאָס האָט זיך געווענדעט בלויז אין די אָנשטרענגונגען פון די פראַנצויזן.

כדי ווידער צו ווערן אַן אינדוסטריעלע און באמת־אומאָפּהענגיקע גרויסמאַכט, האָבן מיר געדאַרפט אַנטוויקלען אונדזער אינדוסטריע פון מאַשינען־געצייג און ווערן פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון אויסלאַנד. מען האָט געדאַרפט דערגאַנצן, באַנייען, מאָדערניזירן אונדזער אויסשטאַטונג, אונדזערע מאַשינען, כדי צו פאַרגרעסערן די אַרבעט־לייסטונג, צו פאַרלייכ־טערן די שווערע אַרבעט פון די מענטשן און פאַרקלענערן די קאָסטן־פּרייזן.

איך האָב אָנגעצייכנט אונדזער פּראָגראַם אויפן 10־טן קאָנגרעס פון אונדזער פּאַרטיי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַריז, פון 26־טן ביזן 30־טן יוני 1945. איך האָב דאָרט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט, אַ סוף צו מאַכן צום סאַבאָטאַזש פון די גרויסע פינאַנץ־ און אינדוסטריע־געזעלשאַפטן, דורך אמתע נאַציאָנאַליזאַציעס אין די לעבנס־וויכטיקסטע סעקטאָרן פון דער ווירטשאַפט. די וויכטיקסטע רייכטימער־קוואַלן פון לאַנד דאַרפן צוריק ווערן דאָס אייגנטום פון דער נאַציע; זיי וועלן דאַן ווערן אויסגענוצט אין די אינטערעסן פון פאָלק. די נאַציאָנאַליזאַציעס וועלן סטימולירן די ווירטשאַפטלעכע אויפלעבונג אין לאַנד; זיי וועלן שיצן די קליינע פּראָדוצירער און די קאָנסומענטן. די נאַציאָנאַליזאַציעס, האָבן מיר געזאָגט, זיינען נישט קיין סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם: דאָס זיינען מאָסמיטלען פון אַ דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, וואָס פיגורירן שוין מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט אין פּראָגראַם פון דער ראַדיקאַלער פּאַר־טיי. די נאַציאָנאַליזאַציע פון די בענק, פון די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, פון די קוילנגרובנס, פון דער עלעקטריע־אינדוסטריע, פון דער אייזן־אינדוסטריע, וועט דערמעגלעכן צו ראַציאָנאַליזירן און צו אַנטוויקלען די פּראָדוקציע און פריי צו מאַכן נייע אַרבעט־כוחות, מיטן באַדינג אָבער, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל נעמען אַן אַלץ גרעסערן אָנטייל אין דער אָנ־פירונג פון אָט די ווירטשאַפט־געביטן.

מיר האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל ליקווידירן די ירושה פון ווישי: איר גייסט, אירע מעטאָדן, אירע אינסטיטוציעס. מיר האָבן גע־וואָלט, מען זאָל שענקען צוטרוי די אַרבעטער, צוטרוי דעם פאָלק, אַז

רייפקייט, זיין פעאיקייט אָנצופירן מיט זיך אַליין.
דעם פאָלק, וואָס האָט אין קעגנזאַץ צו די רעגירונגס־לייט — לאָ יוצלחס
אַדער פאַרעטער — אָקאָרשט באַוויזן זיין פּאַטריאָטיזם, זיין פּאָליטישע

אין דער אויסערן־פּאָליטיק איז אונדזער הויפּט־זאָרג געווען : אָר־גאַניזירן דעם שלום און לייזן דאָס דייטשע פּראָבלעם. די קאָנפערענץ אין יאַלטאַ צווישן סטאַלין, רוזוועלט און טשערטשיל האָט פּראָקלאַמירט, אַז די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן וועלן ווייטער דורכפירן

> דעם אומבויגזאַמען ווילן צו פאַרניכטן דעם דייטשן מיליטאַריזם און דעם נאַציזם, כדי דייטשלאַנד זאָל קיינמאָל מער נישט זיין בכוח צו שטערן דעם שלום פון דער וועלט.

כדי אויסצוואָרצלען דעם היטלעריזם, איז נישט גענוג געווען צו פאַרניכטן די היטלערישע מלוכה און אָפּצושאַפן די נאַציסטישע געזעצן און אינסטיטוציעס; מען האָט געדאַרפט ליקווידירן די עקאָנאָמישע באַזע פונעם דייטשן פאַשיזם, עלימינירן אָדער קאָנטראָלירן די גאַנצע דייטשע אינ־דוסטריע וואָס קען דינען די קריגס־צוועקן, פאַרניכטן די דייטשע טרעסטן. בלויז דאָס דענאַציפיצירן און דאָס דעמאָקראַטיזירן דייטשלאַנד וואָלטן דערמעגלעכט צו אָרגאַניזירן דעם שלום און אָפּצוהיטן אונדזער זיכערקייט.

אַזוי אַרום האָבן מיר, שוין אין יוני 1945 געוואָרנט קעגן דער פּאָלי־טיק פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלן, וואָס וועלן זיכער — האָבן מיר פאָרויסגעזאָגט—איבערחזרן לגבי דייטשלאַנד די זעלבע פּאָליטיק ווי נאָך 1918. שוין אין יוני 1945 האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז אַזאַ פּאָליטיק וועט דערפירן צום אָפּזאָגן זיך פון אונדזערע רעכט אויף די קריגס־אָנטשע־דיקונגען, ווי דאָס איז שוין געשען נאָך יענעם קריג. און מיר האָבן פאַרלאַנגט פון די אַמעריקאַנער באַרעמהערציקע נשמות, זיי זאָלן לאָזן פאַר די קרבנות כאָטש אַ קליינעם טייל פונעם מיטלייד, וואָס זיי האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסצווייזן די תליינים...

אין מיין באַריכט אויפן קאָנגרעס האָב איך ברייט געשילדערט צו וואָס פאַר אַ פאַרנעם עס וואָלט געקענט דערגיין אונדזער סחורות־אויס־טויש מיט אַלע לענדער פון דער וועלט, נישט דאַרפנדיק דערביי מקריב זיין קיין האָר פון אונדזער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט.

מיר זייען שוין דאַן העפטיק אַרויסגעטראָטן קעגן אַ ריי באַאומרו־איקנדיקע סימפּטאָמען, קעגן געוויסע אַנטידעמאָקראַטישע טענדענצן, קעגן דער שלעכט־דורכגעפירטער רייניקונג, קעגן די באַמיאונגען צו שיינען

די ווישי־קאַדערן און די ווישי־אינסטיטוציעס, קעגן דעם פּאַראַטן די באַ־פרייאונג.

אין דער וועלט, וואָס גייט צו מער דעמאָקראַטיע, הייבט פראַנקרייך אָן צו באַקומען אַ מאָדנעם אויסזען. נישט דאָס האָבן געוואָלט די טויזנטער און טויזנטער פראַנצויזן, וואָס זיינען אומגעקומען פאַרן פאָטערלאַנד און פאַר דער פרייהייט, נישט דאָס וויל דאָס פאָלק... 1).

דער דעמאָקראַטיע פון שקלאַפן־אייגנטימער האָבן מיר אַנטקעגנגע־שטעלט די דעמאָקראַטיע, וואָס קאָנדאָרסע האָט דעפינירט: אַ דעמאָ־קראַטיע,

ווו דער ציל פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס דאַרף זיין אומ־אויפהערלעך צו פאַרבעסערן דעם סאָציאַלן, מאָראַלישן, אינטעלעקטועלן און פיזישן צושטאַנד פונעם צאָלרייכסטן און אָרעמסטן קלאַס.

קעגן די מאַנעוורען פון דער רעאַקציע, וואָס זיינען אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די סאָציאַליסטישע פירער, האָבן מיר ווידעראַמאָל פאַרגעלייגט אונדזער פּאָליטיק פון איינהייט:

מיר חזרן איבער, אַז דער ווידעראויפבוי פון פראַנקרייך איז נישט די אויפגאַבע פון איין פּאַרטיי און אויך נישט פון עטלעכע מלוכה־מענער; דאָס איז די אויפגאַבע פון מיליאָנען פראַנצויזן, מענער און פרויען; דאָס איז די אויפגאַבע פון דער גאַנצער נאַציע.

מיר האַלטן, אַז די בעסטע פּערספּעקטיוו פאַר אונדזער לאַנד איז צו האָבן ביים מלוכה־רודער במשך פון אַ לאַנגן פּעריאָד אַ רעגירונג פון ברייטער נאַציאָנאַלער און דעמאָקראַטישער איינהייט, אַ רעגירונג, וואָס וועט אַזוי אַרום שאַפן די בעסטע באַדינגונגען פון אויטאָריטעט און סטאַבילקייט און וואָס וועט זיך באמת שטיצן אויפן פאָלק ביים דורכפירן דעם פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַנייאונג, וואָס דאָס פאָלק פאַרלאַנגט 2).

די ברידערלעכקייט, וואָס איז אויסגעשמידט געוואָרן אין קאַמף קעגן דעם אָקופּאַנט, דאַרף אויפגעהאַלטן ווערן דורך אַ געמיינזאַמער אַרבעט.

דאָס בלוט פון קאַטאָליקן, פון קאָמוניסטן, פון פראַנצויזן פון אַלע פּאַרטייען און אַלע איבערצייגונגען, דאָס בלוט פון אַלע אונדזערע העלדן, פון אַלע אונדזערע מאַרטירער, האָט באַפרוכפּערט אונדזער ערד און האָט צעמענטירט אונדזער נאַציאָנאַלע איינהייט. נישט מיר, קאָמוניסטן, וועלן פאַרגעסן די דאָזיקע נאָבעלע לערע פון איינהייט און צערייסן דעם בונד, וואָס איז געשמידט געוואָרן אַדאַנק דעם קרבן פון אונדזערע בעסטע זין און טעכטער 3).

1) מאָריס טאָרעז: „אַ פּאָליטיק פון פראַנקרייכס גרויסקייט“, ז. 340.
2) דאָרט, ז. 343.
3) דאָרט, ז. 344.

מיר האָבן זיך אַנגעשטויסן אויף דער גיפטיקער און צביעותדיקער קעגנערשאַפט פון לעאָן בלום און פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער, וועלכע „האָבן גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פאַרגעסן".

דאָס בלוט פון אונדזערע דערשאָסענע האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעטריקנט אויף די עקזעקוציע־ווענט און אין די טויטן־גריבער, און שוין האָבן, גלייך אויפצומאַרגנס נאָך דער באַפרייאונג, די סאָציאַליסטישע רעדל־פירער ווידער אָנגעהויבן צו וואַרפן אויף אונדז די אויסגעדראָשענע רכילות, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט אין משך פון 20 יאָר. אַמאָל האָט די רעאַקציע באַשולדיקט זשאָרעסן, אַז ער איז „אין דינסט פון דייטשלאַנד". איצט האָט אונדז בלום באַשולדיקט, אַז מיר „דינען אַ פרעמדן נאַציאָנאַליזם" — אַ שענדלעכער בלבול, וואָס ווערט אָפּגעלייקנט דורך דער גאַנצער פּאָליטיק פון אונדזער פּאַרטיי, וועמענס איינציקער ציל איז דאָס גליק פון אונדזער פאָלק; פון אַ פּאַרטיי, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך און זעצט פאָר די דערהויבנסטע און איידלסטע טראַדיציעס פון פראַנקרייך.

אונדזער 10־טער קאָנגרעס האָט זיך פאַרענדיקט אין גרויס ענטוזיאַזם. אַלע האָבן דערזען די ברייטע פּערספּעקטיוון, וואָס עפענען זיך פאַר אונדז.

איידער איך בין צוגעטראָטן רעאַליזירן די באַשלוסן פונעם קאָנגרעס, האָב איך געוואָלט באַערן דעם אָנדענק פון די העלדן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די הויכפּלאַך גליער איז איינס פון אָט די באַרגיקע ערטער, ווו עס איז אין דער שוואַרצער נאַכט פון אונטערדריקונג געקומען צום אויסדרוק דער ווילן פון פראַנצויזישן פאָלק, זיך צו באַפרייען מיט געווער אין דער האַנט. גליער דערמאָנט אונדז דעם מסירת־נפש פון די יונגע פראַנצויזן, וואָס האָבן אויפגענומען אַן אומגלייכן קאַמף, מיט דער זיכערקייט, אַז עס זיינען פאַראַן מפּלות, וואָס זיינען אַ ביישטייער צו שפּעטערדיקע זיגן. גליער איז אַ לעבעדיקער עדות פון דער נויטווענדיקער איינהייט, ווייל די סאָלדאַטן פון דער „געהיימער אַרמיי" האָבן זיך דאָרט געשלאָגן זייט־ביי־זייט מיט אונדזערע „פריישיסער און פאַרטיזאַנער" און דער טויט האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן זיי.

אין אַ פּרעכטיקער געגנט, אונטער אַ הייסער יולי־זון, זיינען מיר אַרויף אויף אָט דער 1500־מעטערדיקער הויכפּלאַך, וואָס ליגט איינגעשלאָסן צווישן הויכע בערג. די קעמפער פון גליער האָבן דאָ געהאַט

אויסצושטיין אַוויאַציע־באָמבאַרדירונגען און שווערע אַנגריפן פון די מי־ליציאַנערן און פון די דייטשן. דאָס ליד פון די בערג־לייט: „בראַווע אַלאַ־בראַזשן" 1) איז מיר געקומען אויפן זכרון. עס איז נישט געווען קיין צופאַל, וואָס די דאָזיקע העראָאישע געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די אַלפּן־פעלזן. דער דעפּאַרטעמענט האָט־סאַוואָ האָט פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן צו ווערן דאָס אָרט פון פרייהייט־שלאַכטן, אַזוי צוליב זיין טאָפּאָגראַפישער געשטאַלטונג, ווי צוליבן קאַמפּס־גייסט פון זיינע איינוווינער. די סאַוואָ־תושבים האָבן נישט געקענט בלייבן אומטריי זייערע טראַדיציעס פון העלדישקייט און אומאָפּהענגיקייט.

מיר האָבן געזען אָט די באַרג־שטיבלעך, וואָס די נאַציס האָבן אונטערגעצונדן און אין וועלכע אונדזערע יוגנטלעכע האָבן געהאַט גע־לעבט און געקעמפט אַ גאַנצן ווינטער; מיר האָבן געזען די פעלזן, הינ־טער וועלכע זיי האָבן, קניענדיק, געשאָסן; די וואַד־פּאַסטנס, פון וואַנען זיי האָבן געקענט אַרומכאַפּן מיטן בליק אַלע שטעגן, וואָס האָבן צו זיי געפירט. די דייטשן האָבן קעגן די 500 פּאַרטיזאַנער פון גליער מאָביליזירט אַ גאַנצע דיוויזיע, מיט אַרטילעריע, אַוויאַנען און אָפּטיילונגען פון דער מיליץ. ווי ריטערלעכע פראַנצויזן, האָבן די קעמפער פון גליער גע־שאַנקען דאָס לעבן צוויי זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן באַוויזן שפּעטער צו אַנטלויפן און זיי אויסגעגעבן דעם שונא. אַזוי אַרום איז דעם פיינט גע־לונגען זיך אַרויפצובאַקומען אויף דער הויכפּלאַך. די פּאַרטיזאַנער האָבן אים אָבער איינגעהאַלטן ביז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, ווען עס איז לייכטער זיך צוריקצוציען. פיל פון די חברים זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן און פון די מיליציאַנערן און זיי־נען גלייך דערשאָסן געוואָרן. זיי זיינען געשטאָרבן, זינגענדיק די „מאַר־סעליעזע". אויפן בית עולם פון מאָרעט, ווו איך בין אַוועק זיך פאַרנייגן פאַר זייערע קברים, רוען 102 קעמפער פון גליער. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרקנעכטן. זייער רומפולער טויט האָט זיי געמאַכט אומ־שטערבלעך.

דעם 22־טן יולי בין איך געפאָרן קיין וואַזיע, אינעם האַרץ פון „שוואַרצן לאַנד". די קוילנגרעבער, געטריי זייער טראַדיציע, זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די אַרבעטער־שלאַכטן. זיי זיינען אַרויס אינעם ערשטן,

1) אַ גאַלישער שבט, וואָס האָט באַוווינט די אַלפּן־געגנט פון דאָפינע און סאַ־וואָ אין די צייטן פון יוליוס צעזאַר (באַמ. פון איבערז.).

גרויסן שטרייק קעגן די דייטשע אָקופּאַנטן און די פֿאַרעטער פֿון ווישי. פֿון דער אַרבעט פֿון די קוילנגרעבער איז אָפּהענגיק דער אַלגעמיינער ווויל־שטאַנד. אָן קוילן, אָן אָט דעם „ברויט פֿון דער אינדוסטריע", איז נישטאָ געוווג עלעקטריע, נישטאָ קיין שטאָל, נישטאָ קיין גוס־אייזן. אָן קוילן איז נישטאָ קיין בוי־מאַטעריאַל, קיין קליידונג, קיין טראַנספּאָרט. אָן קוילן איז די ווירטשאַפֿט פּאַראַליזירט...

דאָס פּראָבלעם פֿון קוילן איז נישט נײַ אין פֿראַנקרײַך. אין די בעסטע פֿאַרמלחמה־יאָרן האָבן מיר פּראָדוצירט 50 מיליאָן טאָן קוילן (55 מיליאָן אין 1929). אונדזער געברויך האָט דערגרייכט 75 מיליאָן: מיר זײַנען געווען געצוווּנגען צו אימפּאָרטירן 25 מיליאָן טאָן, דערונטער קאָקס פֿון רור־געביט.

די אינדיווידועלע אַרבעט־לייסטונג פֿון די קוילנגרעבער איז געפֿאַלן בעתן קריג. גלײַך נאָך דער באַפֿרייאונג איז זי געשטיגן: זי איז פֿון 600 קילאָ אַ טאָג אין אויגוסט 1944 דערגאַנגען ביז 880 קילאָ אין יאַנואַר 1945. דאָך האָט דער קוילן־קריזיס אָנגעהאַלטן. ער האָט געהאַט פֿילפֿאַכיקע סיבות.

קודם כל, די פֿאַרקלענערונג פֿון באַשעפֿטיקטן פּערסאָנאַל. וועלכער איז געפֿאַלן פֿון 300.000 אויף קנאַפּע 200.000. צום קריזיס פֿון אַרבעט־הענט איז צוגעקומען די פֿיזישע אָפּגעשוואַכטקייט פֿון די קוילנגרעבער אַלס רעזולטאַט פֿון פֿיר יאָר אונטערדריקונג און איבער־עקספּלואַטאַציע. די אָפּטע „אַפּוועזנהייט", די כלומרשטע „פֿוילקייט" פֿון די קוילנגרעבער, זײַנען געווען בלויז אַ רעזולטאַט פֿון זייער אויסערגעוויינלעכער מידקייט. עס איז קודם כל נייטיק געווען צו פֿאַרזיכערן די קוילנגרעבער אַ בעסערע דערנערונג, מלבושים און שיך.

די מענטשן זײַנען געווען מיד, אָבער אויך די מכשירים זײַנען געווען אָפּגענוצט, פֿאַרעלטערט, אַלט־מאָדיש. אונדזערע קוילנגרובנס זײַנען זייער ווייניק מעכאַניזירט, אין דער צײַט וואָס אין ראַטנפֿאַרבאַנד דערגרייכט די מעכאַניזאַציע 95 פּראָצענט.

די בײַזוויליקע מעשים פֿון דער רעאַקציע און אַ געוויסער סאַבאָטאַזש מצד די גרובן־פֿאַרוואַלטונגען, ווו עס האָבן זיך געפֿונען אַנגעשטעלטע, וואָס זײַנען טרײַ געבליבן זייערע אַמאָליקע באַלעבאַטים — האָבן נאָך מער פֿאַרגרעסערט די שוועריקייטן.

איך האָב נישט באַהאַלטן פֿאַר די קוילנגרעבער, אַז נישט געקוקט

אויף די איצטיקע שלעכטע באַדינגונגען, וועלן זיי מוזן פאַרטאָפּלען די אָנשטרענגונגען, כדי צו געווינען די קוילן־שלאַכט.

פּראָדוצירן! נאָכמער פּראָדוצירן! דערמעגלעכן אַזוי אַרום, אַז אַלע אונדזערע אינדוסטריע־צווייגן, וואָס זיינען אַזוי שווער געטראָפן, זאָלן ווידער געשטעלט ווערן אויף די פיס!

> דער גורל פון פראַנקרייך הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פונעם אָנשטרענג פון די קוילנגרעבער... עס האַנדלט זיך אין פּראָדוצירן פאַרן לאַנד, כדי פאַרצווזעצן דאָס באַפרייאונג־ווערק קעגן די מאַכינאַציעס פון דער רעאַקציע און פונעם פאַשיזם!

איך האָב אַפּעלירט צום שטאָלץ פון קוילנגרעבער, צו זיין קלאַסן־געפיל, צו זיין פּאַטריאָטיזם:

> די פוילע, די פאַרעווע, וועלן קיינמאָל נישט זיין קיין גוטע קאָמוניסטן, קיין גוטע רעוואָלוציאָנערן.

אויף אַ פּאַן פון קוילנגרעבער־שטיבלעך, פון פאַבריק־קוימענס, פון קוילן־בערגלעך, פון הילצערנע געשטעלן איבער שאַכטעס — זיינען געשטאַנען צונויפגעזאַמלט די מאַסע קוילנגרעבער, די פירער פון די סינדיקאַטן, די דירעקטאָרן פון די נאַציאָנאַליזירטע גרובנס, דעפּוטאַטן, ראַטמענער און די קאַדערן פון דער פּאַרטיי. טיף־גערירט האָב איך ווידער דערזען פאַר מיינע אויגן די טייערע פּנימער פון מיינע קאַמף־ברידער, און אין מיין זכרון זיינען אויפגעשווומען אַנדערע געשטאַלטן, וועלכע איך וועל שוין מער נישט זען... וואָס פאַר אַ פּאָליטישע רייפקייט און וואָס פאַר אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביי אָט די מענטשן, וועלכע מאַכן אַדורך דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן אין די טיפענישן פון דער ערד, כדי צו געבן פאַר אַנדערע וואַרעמקייט און ליכט!

איך האָב באַגעגנט מיין געוועזענעם קאַפּיטאַן פון 3־טן סאַפּיאָרן־רעגימענט, וואָס איז אין צַּוויל אַן אינזשיניער פון בריקן־ און שאָסייען־אַמט. עס זיינען אונדז געבליבן די בעסטע דערינערונגען איינער וועגן דעם אַנדערן.

דער רוף פון וואַזיע האָט געהאַט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. און נישט בלויז ביי די קוילנגרעבער פון נאָר און פּאַ־דע־קאַלע, נאָר אויך ביי די קוילנגרעבער פון אַלע אונדזערע באַסיינען. זינט יולי 1945 זיינען מיר געווען עדות פון אַ כסדרדיקן אויפשטייג פון דער פּראָדוקציע, פון געהעכערטער אַרבעט־לייסטונג.

* * *

די וואַלן פון אָקטאָבער 1945 האָבן באַשטעטיקט דעם פּאַרויסגאַנג פון אונדזער פּאַרטיי. דאָס פאָלק האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג דער קלאָרזעעוודיקייט און דעם פּאַטריאָטיזם פון די קאָמוניסטן. דאָס פאָלק האָט אונדז געגעבן איבער 5 מיליאָן שטימען און 150 דעפּוטאַטן אויף 545; מיר זיינען געוואָרן די ערשטע פּאַרטיי אין לאַנד.

הינטער אונדז זיינען געקומען, מיט איבער 4 מיליאָן שטימען יעדערע, די „רעפּובליקאַנישע פאָלקס־באַוועגונג” (מ. ר. פּ.) און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. צוזאַמען האָבן די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן געהאַט אַן אַבסאָ־לוטע מערהייט. איינאיינעם וואָלטן מיר געקענט צוטרעטן צו לייזן די אויפ־גאַבן פונעם ווידעראויפבוי פון לאַנד. די קאָמוניסטן און די סאָציאַליסטישע אַרבעטער האָבן געוואָלט די איינהייט. אָבער די סאָציאַליסטישע פירער האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט. די איינהייט האָט זיי תמיד צומערסטן גע־שראָקן.

די רעזולטאַטן פון ערשטן רעפערענדום האָבן געגעבן אַ באַגריף וועגן די שוועריקייטן, וואָס האָבן אויף אונדז געוואַרט. די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי האָט פאַרלאַנגט פון אירע אָנהענגער צו ענטפערן „יאָ” אויף דער ערשטער געשטעלטער פראַגע: „צי ווילט איר, אַז דער היינט־אויסגעוויילטער פּאַרלאַמענט זאָל זיין אַ קאָנסטיטואַנטע?” און „ניין” אויף דער צווייטער פראַגע וואָס שייך דער סטרוקטור פון די עפנטלעכע מאַכט־אָרגאַנען. די סאָציאַליסטישע פירער און זייערע פריינט פון דער מ.ר.פּ. האָבן אונטערגעשטיצט דעם גענעראַל דע גאָל און גערופן צו ענטפערן „יאָ” אויףביידע פראַגן. זיי האָבן באַקומען די מערהייט.

מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן דער מ. ר. פּ. מיר האָבן געהאַט אין זכרון די דערפאַרונג פון דער געשיכטע: מיר האָבן געוווּסט, אַז נאָך יעדער סאָציאַלער אויפטרייסלונג, נאָך יעדער ענדערונג אין די כוחות־פאַרהעלטענישן — און די ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז געווען אַזאַ מין ענדערונג — גרופּירט זיך איבער די רעאַקציע הינטער נייע שילדלעך, כדי בעסער אָפּצונאַרן און כדי צוצוגרייטן איר קאָנטער־אָפענסיווע. אין די סעקציעס פון דער מ. ר. פּ. זיינען געווען אמתע ווידער־שטענדלער, געוועזענע מיטגלידער פון דער קאַטוילישער אַרבעטער־יוגנט און פון די קריסטלעכע סינדיקאַטן, פול מיט אויפריכטיקן באַגער צו דינען דער זאַך פון די אַרבעטנדיקע. דאָס האָט אָבער נישט געענדערט דעם

פאַקט, אַז די מ. ר. פ. איז אַ פּאַראַוואַן, הינטער וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט סאָציאַלע כוחות, וואָס האָבן געשטיצט די ווישי־מאַכט. די שפּעטערדיקע וואַלן האָבן באַשטעטיקט אונדזער אָפּשאַצונג. די מ. ר. פּ. האָט אין זיי פאַרלוירן דריי פערטל פון אירע ווײלער, וואָס האָבן זייערע שטימען איבערגעוואָרפן אויף קאַנדידאַטן און גרופּירונגען מיט אַ מער אָפענעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער.

היות די לייזונג, וואָס איז צו יענער צייט געווען צומגינסטיקסטן פאַרן פראַנצויזישן פאָלק — אַ קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישע קאָאַליציע־רעגירונג — האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט רעאַליזירבאַר צוליב דעם סאָציאַליסטישן אָפּזאָג, זיינען מיר איינגעגאַנגען אויף דער פאָרמול פון אַ רעגירונג, וואָס האָט זיך געדאַרפט האַלטן ביים גייסט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אַזאַ רעגירונג האָט געטראָגן אין זיך ערנסטע חסרונות. אונדזער אָנוועזנהייט, אונדזער האַנדלונג, אונדזער איינפלוס האָבן אָבער געקענט ברענגען נוצן דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס און פון פאָלק; זיי האָבן געקענט דערמעגלעכן געוויסע רעפאָרמען און פאַרזיכערן, צוגלייך מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער נייער קאָנסטיטוציע, אַ פּאָליטיק פון שלום און פון פּראָגרעס.

לויט אַלע דעמאָקראַטישע כללים האָט די גרעסטע פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט געדאַרפט זיין פאַרטראָטן אין דער רעגירונג אויף אַן אופן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן איר פּאַקטישן איינפלוס אין לאַנד. אויב נישט דעם פּאָסטן פון פּרעמיער־מיניסטער, האָט זי, אין הסכם מיטן ווילן פון די ווײלער, געדאַרפט צום ווייניקסטן קריגן געוויסע אַנדערע אָנפירנדיקע פּאָסטנס. מיר האָבן פאַרלאַנגט פאַר די קאָמוניסטן איינעם פון די וויכטיקסטע מיניסטעריומס: אינערן־ענינים, אויסערן־ענינים אָדער נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג. דער גענעראַל דע גאָל, אָנכאַפּנדיק זיך אינעם בלבול פון לעאָן בלום, האָט געשטעלט אין צווייפל דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אונדזער פּאַרטיי און פון איר פּאָליטיק. אין אַ פאַרעפנטלעכטן בריוו צום גענעראַל דע גאָל, האָב איך אָפּגעענטפערט אויף אָט דער שווערער באַליידיקונג קעגן דער „פּאַרטיי פון די דערשאָסענע" 1). אויף דער טריבונע פון פּאַרלאַמענט האָט זשאַק דיקלאָ באַנייט אונדזער שאַרפן פּראָטעסט:

---

1) אַזוי ווערט אָנגערופן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועמענס 75 טויזנט מיטגלידער עס זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן די נאַציס (באַמ. פון איבערז.).

מיר וועלן נישט מסכים זיין צו זיין בירגער פון דער צווייטער מדרגה. מיר וועלן נישט מסכים זיין, אַז מען זאָל אונדז באַטראַכטן פאַר פּאַסיק צו געוויסע אויפגאַבעס און פאַר אומפּאַסיק צו אַנדערע...

אין דער זעלבער צייט האָט אונדזער פּאָליטישע ביוראָ פאַרגעשלאָגן דעם אַנפיר־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זיך צו פאַרשטענדיקן מיט אונדז וועגן שאַפן אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונג.

אונדזער שטרייט מיטן גענעראַל דע גאָל האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאָמפּראָמיס. פינף קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן זיינען אַריין אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק: שאַרל טיאָן, מיניסטער פאַר באַוואָפענונג; אַמברואַז קרואַזאַ, אַרבעט־מיניסטער; פראַנסואַ ביאו, מיניסטער פאַר נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט; מאַרסעל פּאָל, מיניסטער פאַר אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, און איך, אַלס שטאַטס־מיניסטער.

עס איז אײנגיכן קלאָר געוואָרן, אַז דע גאָל האָט כלל נישט בדעה צו רעגירן אונטער דער קאָנטראָל פונעם סוווערענעם פּאַרלאַמענט און מיטצואַרבעטן מיט מיניסטאָרן, וואָס זאָלן זיין עפּעס אַנדערש ווי פּשוטע אויספירער פון זיין ווילן.

דע גאָל — אַ בעל גאווה, אַ מענטש, וואָס האָט נישט ליב קיינעם, וואָס ווייזט אַרויס פאַרן פאָלק אַן „אייזערנע פאַראַכטונג", וואָס איז אַדורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון אייגענער העכערקייט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ סוויטע אַוואַנטוריסטן און בעלי הגיפה, וועמענס עצות ער פאָלגט אגב נישט — האָט זיך געהאַלטן פאַר אײנעם פון אָט די העלדן, וואָס זיינען אויסגעוויילט דורכן גורל צו ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. פראַנקרייך איז פאַר אים נישט דאָס פאָלק פון די פאַבריקן און פון די פעלדער; פראַנקרייך דאָס איז ער אַליין. בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט אין זיינע מיליטערישע ווערק פאָרויסגעזען דאָס אָנווענדן גרויסע מעכאַניזירטע איינהייטן — נישט דערגייענדיק יעדנפאַלס צו דער קאָנצעפּציע פון אַ מאַסן־אַרמיי, וואָס נעמט אַרום טאַנקן, אַרטילעריע און אינפאַנטעריע, אַ קאָנצעפּציע, וואָס האָט פאַרזיכערט די זיגן פון דער רויטער אַרמיי — האָט דע גאָל זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מלוכה־מאַן. זייענדיק ביי דער מאַכט, האָט ער אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע קאָמפּעטענץ אין די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע פּראָגן.

רוזוועלט האָט געהאַט אַ זייער שלעכטע מיינונג וועגן דע גאָלן און האָט שאַרף געאורטיילט זיין שטרעבונג צו דיקטאַטור. דער גענעראַל האָט

זיך גאַנץ שנעל אַנטפּלעקט אין זיין אמתן געשטאַלט — אַ רעאַקציאָנער, מיט אַלע פאָראורטיילן פון זיין קאַסטע און וואָס קייט איבער פאַרן אַרבעטער־קלאַס די תורה פון ווישיזם און קאָרפּאָראַטיזם: „אַ שטאַרקע מלוכה, די שותּפות צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט”.

פון ערשטן טאָג אָן זינט זיין צוריקקומען קיין פראַנקרייך, האָט דע גאָל פולשטענדיק איגנאָרירט דעם לאַנד־ראַט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער האָט אַרויסגעוויזן פאַראַכטונג פאַר די יונגע אָפיצירן פון די פ.פ.אי. ער האָט זיך געשטיצט אויף די אַלטע קאַדערן פון דער אַרמיי און פון דער מלוכה־ביוראָקראַטיע. ער האָט געהאַט גערעדט וועגן צוריקגעבן דאָס וואָרט דעם פאָלק פון פראַנקרייך; אָבער ווען דאָס פאָלק פון פראַנקרייך האָט זיך אַרויסגעזאָגט, האָט ער גענומען זיין הוט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

אויף וואָס האָט דע גאָל געהאָפט, דעמיסיאָנירנדיק דעם 26־טן יאַנואַר? ער האָט געהאָפט אַרויסצורופן אַ כאַאָס אין לאַנד און דערנאָך צוריקצוקומען, ווי אַ נייער „שליח פון גורל”, וואָס וועט דאַסמאָל האָבן אין זיינע הענט די ברייטסטע פולמאַכטן. נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט ער אונטערגענומען איבערן לאַנד אַ ברייטע העץ־קאַמפּאַניע, געוואָנדן הויפּטזאַכלעך קעגן די קאָמוניסטישע אַרבעטנדיקע. די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט אים געבראַכט די צושטימונג און די סימפּאַטיעס פון די געוועזענע קאָלאַבאָראַטאָרן און פון די פריערדיקע מינכען־לייט. די רעאַקציאָנערע קאָאַליציע, וואָס ציט זיך פון די פּעטעניסטן ביז אייניקע פון די ראַדיקאַלע פירער, און אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן דעפּוטאַטן פון דער מ.ר.פּ. און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט באַקומען דעם נאָמען „ראַסאַמבלעמאַן די פּעפּל פראַנסע” („צונויפזאַמלונג פון פראַנצויזישן פאָלק”) 1). זיך שטיצנדיק אויף געדונגענע מענטשן, וואָס האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — ווי דאָס איז געשען אין גרענאָבל — זיך דערלויבט צו שיסן אויף פּאַטריאָטן און צו מאָרדן געוועזענע ווידערשטענדלער, האָט דע גאָל אַלץ מער און מער זיך אַנטפּלעקט אַלס דער מאַן פון פאַרשווערונג און געוואַלט.

עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, קעגן וועלכן די פינאַנץ־אָליגאַרכיע האָט מאָביליזירט אַלע אירע כּוחות. דער דאָזיקער פּראָיעקט האָט פּראָקלאַמירט די סוווערעניטעט פון פאָלק — אַ סוווערע־

1) באַקאַנט אונטער די איניציאַלן ר. פּ. פ. (באַמ. פון איבערז.).



(בילד פון ק. גלעב, געווידמעט מאָריס
טאָרעזן צו זיין 50־טן געבוירנטאָג)

ניטעט, וואָס איז איין־און־אומצעטיילבאַר, פּערמאַנענט און אומאָפּטרעט־באַר. ער האָט די פאַראייניקונג מיט די פעלקער פון די טערי־טאָריעס מעבר־לים געשטעלט אויף דער באַזע פון אַ פרייוויליקער צו־שטימונג. ער האָט געגעבן דעם פאָלק די ברייטסטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע רעכט — רעכט פון פרוי און קינד, רעכט אויף בילדונג, אַרבעט און זיכערקייט.

דער בונד פון דער מ.ר.פּ. מיטן גענעראַל דע גאָל און אַלע אַנדערע רעאַקציאָנערע כוחות האָט דערפירט צום דורכפאַל פון דער פּאַרגע־שלאָגענער קאָנסטיטוציע. מען האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ צווייטע קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג. מיר האָבן געהאַט צו פאַרצייכענען אַ נייעם פאָרשריט; די סאָציאַליסטן האָבן געליטן אַן ערנסטן דורכפאַל, פון וועלכן עס האָט דערהויפּט געוואָסן די מ.ר.פּ., וואָס האָט באַקומען, אגב, אויף זייער אַ קורצער צייט, די גרעסטע צאָל דעפּוטאַטן. די היינטיקע קאָנסטיטוציע טראָגט נאָך אויף זיך דעם שטעמפּל פון די דאָזיקע ערשטע ענדערונגען אין די כוחות־פאַרהעלטענישן. עס איז אונדז נישט געלונגען אויפצוהאַלטן, קעגן דער קאָאַליציע פון די סאָציאַליסטן און דער מ.ר.פּ., די טיילן פונעם פּראָיעקט, וועלכע האָבן געגעבן דער פריערדיקער קאָנ־סטיטוציע אַ פיל מער דעמאָקראַטישן אינהאַלט.

ביי די אַלגעמיינע וואַלן פון נאָוועמבער 1946 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַקומען 5 און אַ האַלבן מיליאָן שטימען אין דער מעטראָפּאָליע, איבערשטייגנדיק די מ.ר.פּ. (5.033.430 שטימען) און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (3.454.080 שטימען). מיר זיינען געוועזן די גרעסטע פּאַרטיי, מיט אונדזערע 186 דעפּוטאַטן — קאָמוניסטן און נאָענט־שטייענדיקע צו אונדז. מיר האָבן פאַרטראַטן 30 פּראָצענט פון אַלע וויילער.

לויטן אויסגאַנג פון די אַלגעמיינע וואַלן האָט אונדזער פּאַרטיי גע־דאַרפט אָנפירן מיט דער רעגירונג. דער צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער איז זיך צונויפגעקומען אין פּיטאָ, האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם, וואָס אַלע רע־פּובליקאַנער האָבן געקענט אָננעמען, און וואָס וואָלט געזיכערט דעם ווי־דעראויפבוי פון פראַנקרייך.

אונדזער פּראָגראַם פאַר דער רעגירונג־טעטיקייט איז אויפגעפּאַסט גע־וואָרן אין גייסט פון פולשטענדיקער טריישאַפט צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג : אַ דרייסטע פּאָליטיק פון סאָציאַלן פּראָגרעס; אויסברייטערונג פון דער דעמאָקראַטיע, פאַרטיידיקונג פון פראַנק, ברידערלעכע צוזאַמענאַרבעט

מיט די פעלקער מעבר־לים; זיכערקייט, קריגס־אָנטשעדיקונגען, מיטאַר־בעט מיט אַלע אונדזערע געוועזענע פאַרבינדעטע.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט מיין קאַנדידאַטור אַלס פּרעמיער־מיניסטער. איך האָב באַקומען בלויז די שטימען פון אונדזערע דעפּוטאַטן און פון 80 סאָציאַליסטן אויף הונדערט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פאַרטיי האָט זיך שריפטלעך גע־וואַנדן צו דער אָנפירונג פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, און געראטן אַרויסצושטעלן אַלס קאַנדידאַט אויף פּרעמיער־מיניסטער אַ סאָציאַליסט, וואָס זאָל זיין מסוגל צו שאַפן די איינהייט פון די פּראָלעטאַרישע און דעמאָקראַטישע כוחות. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי האָט אויפן דאָזיקן בריוו נישט געענטפערט. זי האָט אַרויסגעשטעלט לעאָן בלומען, נישט אַנווייזנ־דיק אָפיער, ווו עס זיינען די גרענעצן פון דער מערהייט, אויף וועלכער ער האָט בדעה זיך צו שטיצן. פאַקטיש איז די לעאָן בלום־רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון סאָציאַליסטן, געווען אַ פעלשונג פונעם וואַל־אויסגאַנג פון 10־טן נאָוועמבער און אַן ערשטער פּרווו אונדז צו באַזייטיקן פון דער רעגירונג, אַן עטאַפּ אויפן וועג פון אַ רעאַקציאָנערער פּאָליטיק.

דעם 16־טן יאַנואַר 1947 איז ווענסען אָריאָל אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, און דאָס — גלייךביים ערשטן וואַל־גאַנג, אַדאַנק דעם, וואָס אַלע קאָמוניסטישע פּאַרלאַמענטאַריער האָבן אָפּגעגעבן פאַר אים זייערע שטימען. אונדזער פאַרטיי האָט דערקלערט: „אויס מיטן חרם אויף דער גרעסטער פאַרטיי פון פראַנקרייך! אַ ברייטע קאָמו־ניסטישע באַטייליקונג אין דער רעגירונג! איינהייט און אַקציע פון די קאָמוניסטן, פון די סאָציאַליסטן, פון די רעפּובליקאַנער, כדי צו פאַרזיכערן דעם וווילשטאַנד פון פראַנקרייך און די גרויסקייט פון דער רעפּובליק!

* * *

ראַמאַדיע האָט געשאַפן די רעגירונג. אַ קאָמוניסטישער מיניסטער — פראַנסואַ ביאו — האָט באַקומען דעם פאַרטפעל פון נאַציאָנאַלער פאַר־טיידיקונג. די רעאַקציע האָט נישט געקענט קומען צו זיך. זי האָט זיך קעגנגעשטעלט דער „שענדלעכער קאָנצעסיע״ — ווי איינע פון אירע צייט־טונגען האָט עס קוואַליפיצירט. זי איז געווען אַנטשלאָסן צו נעמען רע־וואַנש.

שוין די ערשטע טעג זיינען אין דער רעגירונג אַנטשטאַנען מיינונג־פֿאַרשידנהייטן. טרעטנדיק מיט די פֿיס די קאָנסטיטוציע, האָבן ראַמאַדיע, מאָטע און די אַנדערע נישט־קאָמוניסטישע מיניסטאָרן, געוואָלט פֿאַרזעצן די וויעטנאַם־מלחמה, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דער לעאָן בלום־רעגירונג — אַ מלחמה, אַן אומגערעכטע, וואָס איז אויסשליסלעך אין די אינטערעסן פֿון די קאָלאָניאַלע עקספּלואַטאַטאָרן; אַ מלחמה, אַ שענדלעכע, וואָס קאָסט אָפּ פֿיל מענטשלעכע לעבנס, וואָס רואינירט די נאַציע און איז פֿון פֿאַרויס פֿאַרשפּילט. אין מאַדאַגאַסקאַר איז, מיטן ציל צו דערטרינקען אין בלוט די גערעכטע פֿאָדערונגען פֿון מאַלגאַשן־פֿאָלק, צוגעגרייט געוואָרן אַ פּראָוואָקאַציע, קעגן וועלכער איך האָב שאַרף פּראָטעסטירט.

אויפֿן עקאָנאָמישן געביט האָבן מיר פֿאַרטיידיקט דעם אַרבעטער־קלאַס קעגנאיבער די „ערלעכע און לאָיאַלע פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט“, לויטן אויסדרוק פֿון לעאָן בלום. ראַמאַדיע האָט זיך פֿאַרופֿן אויף דער ליגנערישער טעאָריע פֿון „טייוולאָנישן ציקל“. אַ העכערונג פֿון די לוינען — האָט ער געזאָגט — רופֿט תיכף אַרויס אַ העכערונג פֿון די פּרייזן און ברענגט אַזוי אַרום די אַרבעטער בלויז אילוזאָרישן נוצן. די דאָזיקע תורה, וואָס איז אַזוי אַלט ווי דער קאַפּיטאַליזם אַליין, וועמען זי צילט אָבער צו באַרעכטיקן, איז שוין אויף אַ מייסטערהאַפֿטן אופֿן צעקלאַפּט געוואָרן דורך קאַרל מאַרקס אין זיין „עלנט פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע“. דער פּרייז פֿון סחורות ווערט נישט באַווירקט דורכן העכערן אָדער פֿאַרקלענערן דעם לוין, דערפֿאַר, ווייל דער דאָזיקער פּרייז ווערט באַשטימט דורכן סכום פֿון דער געזעלשאַפֿטלעך־נויטווענדיקער אַרבעט, וואָס פֿאָדערט זיך זיי צו פּראָדוצירן. אין קעגנזאַץ צו פּרודאָנס באַהויפּטונגען, ווערט באַווירקט בלויז די הייך פֿון מערווערט, דער פּראָפֿיט פֿון קאַפּיטאַליסט. אויב דער לוין פֿאַלט, שטייגט דער פּראָפֿיט; אויב דער לוין שטייגט, פֿאַלט דער פּראָפֿיט. מען קאָן, אַלזאָ, העכערן די לוינען נישט אַרויסרופֿנדיק דערמיט קיין פּרייזן־העכערונג, מיטן באַדינג אָבער, אַז די לוינען־העכערונג זאָל קאָמפּענסירט ווערן דורך אַ פֿאַרקלענערונג פֿונעם פּראָפֿיט.

בעת לעאָן בלום איז געשטאַנען בראש פֿון דער רעגירונג, האָט ער פֿאַראָרדנט אַ 5־פּראָצענטיקע פֿאַרקלענערונג פֿון די פּרייזן. דאָס איז געווען אַ פֿיקטיווע פֿאַרקלענערונג, וואָס האָט בלויז באַלאַסטעט די קליינ־

הענדלער; דאָס איז געווען אַ פאַרביילויפּנדיקע פאַרקלענערונג, ווייל שוין עטלעכע וואָכן שפּעטער איז זי אָראָפּגעשווענקט געוואָרן דורך דער כוואַליע פון נייע פּרייזן־העכערונגען.

מיר האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ באַמתדיקער פאַרקלענערונג פון די פּרייזן: ערשטנס, רעדוצירנדיק די פּראָפיטן פון די קאַפּיטאַליסטן — מיר האָבן צו דעם צוועק פאָרגעלייגט שטרענג אָנצווענדן דאָס געזעץ, וואָס דערלויבט די פאַבריק־קאָמיטעטן צו קאָנטראָלירן די בוכהאַלטעריע; צווייטנס, פאַרקלענערנדיק די פּראָדוציר־קאָסטן דורך אַ העכערער פּראָדוקטיוויטעט — דאָס וועט קענען דערגרייכט ווערן דורכן איינפירן נייע מאַשינען און דורכן פאַרבעסערן די אַרבעט־מעטאָדן, אונטער דער שטרענגער קאָנטראָל פון די פאַבריק־קאָמיטעטן און די סינדיקאַטן; לסוף, אַריינציענדיק די קאָנסומענטן, די סוחרים און די קליינע אונטערנעמער אין די קאָמיטעטן צו באַקעמפן דעם יקרות. מיר האָבן גלייכצייטיק פאַרלאַנגט, עס זאָל גאַראַנטירט ווערן אַ לעבנס־נייטיקער מינימום־לוין פאַר אַלע אַרבעטנדיקע. דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע געבראַכט דעם גרעסטןביישטייער פון ליידן און בלוט, האָט נישט געדאַרפט אויסטראָגן אַליין די קאָסטן פון דער מלחמה און פונעם ווידעראויפבוי.

אין דער צייט, ווען דער רעאַלער לוין האָט געהאַלטן אין איין פאַלן, האָבן די טרעסטן אָנגעזאַמלט קאָלאָסאַלע פּראָפיטן. לויט די ציפערן, וואָס די גרויסע אונטערנעמונגען האָבן אָנגעגעבן, האָבן די ריינע רווחים זייערע פאַרן יאָר 1946 דערגרייכט 25 ביז 30 פּראָצענט פונעם אַריינגעלייגטן קאַפּיטאַל. און דאָ האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן דעקלאַרירטע פּראָפיטן! דער פאַרגלייך צווישן די ריינע רווחים, וואָס 25 געזעלשאַפטן האָבן אָנגעגעבן פאַר די יאָרן 1945 און 1946, איז זייער באַלערנדיק: פון איין יאָר אויפן אַנדערן האָט זיך דער ריווח פאַרפינפאַכט. דער פאַרגלייך צווישן 1946 און 1948 איז נישט ווייניקער באַלערנדיק: דער ריווח פון 100 געזעלשאַפטן האָט זיך ווייטער פאַרפירפאַכט.

אין ליכט פון די דאָזיקע ציפערן אַנטפּלעקט זיך קלאָר דער שאַרפער קעגנזאַץ צווישן די צוויי קלאַסן. מיר האָבן געשטעלט די פראַגע: „ווער דאַרף צאָלן די קאָסטן פון פראַנקרייכס ווידעראויפבוי? די אַרבעטנדיקע אָדער די רייכע? די, וואָס האָבן אַלץ אָוועקגעגעבן אָדער די, וואָס האָבן מיט אַלץ געהאַנדלט?”

אוּן איך האָב דערקלערט:

> מיר קענען נישט מסכּים זיין, אַז די אַרבעטער זאָלן אַרבעטן אַלץ מער און מער, נישט דערגרייכנדיק קיין פאַרבעסערונג פון זייערע לעבנס־באַדינגונגען. מיר קענען נישט דולדן, אַז דער לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע זאָל כּסדר פאַלן, בעת די פּראָדוקציע האַלט אין איין שטייגן.

אָוועקשטעלנדיק אַזוי די פראַגע, בין איך געבליבן טריי דער ריכטליניע, ביי וועלכער מיר האָבן זיך תּמיד געהאַלטן אין דער רעגירונג. האַנדלען אַנדערש וואָלט געשטעלט אין געפאַר די צוקונפט פונעם אַרבעטער־קלאַס.

> אויב דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון ווידערשטאַנד קעגן די אָנגריפן פון קאַפּיטאַל, — האָט מאַרקס געשריבן, — וואָלט ער זיך דערנידעריקט און דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ פאַרמלאָזער, דערדריקטער מאַסע פון אויסגעהונגערטע באַשעפענישן, וועלכע מען וואָלט בכלל מער נישט געקענט קומען צו הילף... אויב דער אַרבעטער־קלאַס, וואָלט אין זיין טאָג־טעגלעכן קאָנפליקט מיטן קאַפּיטאַל אָפּגעטראָטן, וואָלט ער זיך אַליין באַרויבט פון דער מעגלעכקייט אונטערצונעמען אַזאַ אָדער אַנדערע אַקציע פון גרעסערן פאַרנעם 1).

אויפן געביט פון אויסערן־פּאָליטיק האָבן מיר פאַרלאַנגט, אַז פראַנקרייכס רעכט אויף זיכערקייט און אויף רעפּאַראַציעס זאָלן ענערגיש פאַרטיידיקט ווערן. מיר זיינען נישט מסכּים געווען מיט די רעאַקציאָנערע קאָנצעפּציעס וועגן אַ צעגלידערונג פון דייטשלאַנד, ווייל זיי זיינען געווען אין סתירה צום גאַנג פון דער געשיכטע. אַנטוואָפענען און דעמאָקראַטיזירן דייטשלאַנד — אָט וואָס עס וואָלט באמת געקענט פאַרמיידן, אַז אָט דאָס לאַנד זאָל ווידער ווערן אַ געפאַר פאַר זיינע שכנים. ס'איז געווען אַ גרויסער פעלער, וואָס מען האָט אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ פון מערץ 1947 נישט פאַרלאַנגט, צוזאַמען מיט אונדזער סאָוויעטישן פאַרבינדעטן, אַז די פּאָטסדאַמער אָפּמאַכן זאָלן ווערן אָפּגעהיט, אַז די קריגס־אַנטשעדיקונגען זאָלן געצאָלט ווערן דורך דער לויפנדיקער פּראָדוקציע פון דייטשלאַנד, אַז עס זאָל איינגעשטעלט ווערן אַן אינטעראַלירטע קאָנטראָל איבערן רור־געביט. דער קוילן־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט די אַמעריקאַנער און ענגלענדער, איז געווען אַ פאַרשפּיל צו די הנחות און קאַפּיטולאַציעס, וואָס האָבן זינט דאַן כאַראַקטעריזירט די פּאָליטיק פון די פאַרשידענע רעגירונגען פון אונדזער לאַנד לגבּי דייטשלאַנד. מיר האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער געפאַר, וואָס די טרומאַן־דאָקטרין האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די פעלקער.

1) קאַרל מאַרקס: „לוין־אַרבעט און קאַפּיטאַל" און „לוינען, פּרייזן און פּראָפיטן", ז. 141, „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1947.

טראָץ די דאָזיקע חלוקי־דעות האָבן מיר אָנטיילגענומען אין דער רעגירונג און האָבן דאָרט געקעמפט אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנ־דיקע מאַסן, אַרויסרייסנדיק געוויסע הנחות און אַנטקעגנשטעלנדיק זיך די מאַנעווורען און די מאַכינאַציעס פון דער רעאַקציע, ביז צום טאָג, ווען מיר זיינען פון דאָרט אַרויסגעשטופּט געוואָרן אויפן באַפעל פון די אַמע־ריקאַנער קאַפּיטאַליסטן.

יעדער פון אונדז האָט, אויף זיין געביט, רעאַליזירט דעם מאַקסימום. אַמברואַז קרואַזא האָט געהעכערט די עמעריטור פאַר די אַלטע לייט און די פּענסיעס פאַר די אַרבעט־אינוואַלידן. ער האָט אָפּגעשאַפט די אונטער־שידן צווישן די פרויען־ און מענער־לוינען, וואָס האָבן שווער געטראָפן די אַרבעטערינס; ער האָט פאַרלענגערט די אורלויב־צייט ביז 3 וואָכן פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער און ביז אַ חודש — פאַר יינגערע פון 18 יאָר... פראַנ־סואַ ביאו האָט דורכגעפירט אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ וועגן קריגס־אַנטשע־דיקונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמתע שאַרטע פון די קריגס־געלי־טענע... שאַרל טיאָן האָט באַנייט די פראַנצויזישע אַוויאַציע; ער האָט אין די געווער־פאַבריקן, וואָס מען האָט געוואָלט פאַרמאַכן, אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע פון לאַסט־אויטאָס, טראַקטאָרן, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, געצייג און אַרטיקלען פאַר הויז־ווירטשאַפט... מאַרסעל פּאָל האָט, מיט דער מיטהילף פון אויגוסט לעקער, געשטויסן פאָרויס אויף אַלע געביטן די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע... לאַראַן קאַזאַנאָוואַ, מיניסטער פאַר די ענינים פון געוועזענע פראָנט־קעמפער, האָט געהעכערט די פּענסיעס און צוגע־טיילט דאָס רעכט אויף אַנטשעדיקונג אויך די ציווילע קריגס־קרבנות, — די דעפּאָרטירטע צוליב ראַסן־טעמים און די פאַרשיקטע אויף אַרבעט אַריינגערעכנט... רענעי אַרטאַ, געזונטהייט־מיניסטער, וועמענס נאָכפאָלגער ס'איז געווען זשאַרזש מאַראַן, האָט געשאַפן אַן אָרגאַניזם פאַר קינדער־שוץ און גענומען אויפבויען נייע שפּיטעלער...

וואָס שייך מיר, האָב איך אויסגעאַרבעט דעם אַלגעמיינעם סטאַטוט פאַר מלוכה־באַאַמטע, וואָס זעט פאָר: אָנערקענונג פון סינדיקאַלע רעכט; דעמאָקראַטיזירונג פון סיסטעם פון אָננעמען באַאַמטע; גלייכע רעכט פאַר מענער און פרויען; גאַראַנטיעס אין היניזיכט פון אַוואַנסירן; לעבנס־ניי־טיקער מינימום־געהאַלט (באַשטימענדיק דערביי, אַז קיין שום געהאַלט קען נישט זיין נידעריקער, ווי 120 פּראָצענט פון דעם דאָזיקן מינימום).

איך האָב זיך באַמיט נאָכצופאָלגן און צו סטימולירן די אָנשטרענ־

גונגען פון אונדזערע קוילנגרעבער. אין וואַלאַנסיען, אין מאָנסאָ־לע־מין, אין אַבי, ווו איך בין אַראָפּ אין גרובן, האָב איך איבערגעחזרט דעם רוף פון וואַזיע. די קוילן־פּראָדוקציע איז פון 1.500.000 טאָן אַ חודש אין מאָמענט פון דער באַפרייאונג, דערגאַנגען ביז 2.140.000 טאָן אין מאַי 1945 און ביז 4 מיליאָן טאָן אין יאַנואַר 1946. אין אָט דעם יאָר האָט די פּראָדוקציע דערגרייכט 50 מיליאָן טאָן. נאָכדעם, ווי מען האָט אונדז באַזייטיקט פון דער רעגירונג, איז די פּראָדוקציע געפאַלן ביז 47 מיליאָן טאָן אין 1947, דערנאָך ביז 45 מיליאָן טאָן אין 1948. איך האָב נאָך געהאַט די מעגלעכקייט מיטצוטיילן אין מאָנסאָ־לע־מין, אַז דער פּאַרלאַמענט האָט אָנגענומען דעם קוילנגרעבער־סטאַטוט און באַשלאָסן וועזנטלעך צו העכערן די לוינען און די עמעריטור.

ביי גרויסע שוועריקייטן, און טראָץ דער אָפענער אָדער פאַרמאַסקירטער אָפּאָזיציע פון די שונאים פון פאָלק, איז אונדזער לאַנד געגאַנגען פאָרויס אויפן וועג פון ווידעראויפבוי. דאָס פאָלק האָט געהאַט צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערגרייכונגען. די צייט, ווען מיר זיינען געווען אין דער רעגירונג, איז אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. דאָס פאָלק גיט זיך אָפּ אַ חשבון אויף וויפל דאָס לאַנד איז צוריקגעגאַנגען זינט מיר געפינען זיך מער נישט אין דער רעגירונג. די אַרבעטער לעבן אַלץ ערגער און ערגער, אין דער צייט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטן האַלטן אין איין שטייגן. עס זיינען אויסגעבראָכן צאָלרייכע שטרייקן, וואָס די רעגירונג האָט אכזריותדיק אונטערדריקט. די שטייערן האַלטן אין איין וואַקסן. דער פראַנק האָט פאַרלוירן אַ העלפט פון זיין ווערט און די פרייזן זיינען דרייפאַכיק געשטיגן.

די רעאַקציע הייבט ווידער אויף דעם קאָפּ. עכטע ווידערשטענדלער ווערן באַשמוצט אויף אַן אַלץ מער חוצפּהדיקן אופן, זיי ווערן פאַרפאָלגט, אַרעסטירט, פאַרמשפּט. פאַרעטער, געוועזענע קאָלאַבאָראַטאָרן, ווערן דאַנקען רייניגעוואַשן, אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי; די פּראָצעסן קעגן קריגשפּעקולאַנטן ווערן אַנולירט.

מיטן באַזייטיקן אונדז פון דער רעגירונג, האָבן די פּאָליטיקאַנער געבראָכן דעם שוווּנג און אָפּגעטויט דעם צוטרוי פון די פאָלקס־מאַסן. מען קען אָבער נישט רעגירן אויף אַ דויערהאַפטן אופן אַן דעם פאָלק און קעגן דעם פאָלק — בפרט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ פאָלק ווי אונדזערס, וואָס איז אַזוי טיף־רעפּובליקאַניש און פּאַטריאָטיש, אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו זיין אומאָפּהענגיקייט און פול מיט זאָרג פאַר די נאַציאָנאַלע

אינטערעסן, און אין אַ לאַנד, ווו דער קאָמוניזם האָט געשלאָגן אַזעלכע טיפע וואָרצלען... עס וועט קומען דער טאָג, ווען דאָס פאָלק וועט ווידער, צוזאַמען מיט אונדז, באַנייען דעם פאָרויסמאַרש צו אַ „פריי, שטאַרק און גליקלעך פראַנקרייך".

* * *

זינט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט צעקלאַפּט דעם אימפּעריאַליסטישן פראָנט און אויפגעשטעלט די אַרבעטער־ און פּויערן־מאַכט אין דער אַמאָ־ליקער צאַרישער אימפּעריע, האָט דער קאַפּיטאַליזם אויפגעהערט צו זיין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון דער וועלט־ווירטשאַפט: ער האָט איצט אַנטקעגן זיך דעם סאָציאַליסטישן סיסטעם. דער צווייטער וועלט־קריג האָט אויף אַן אַנטשיידנדיקן אופן פאַרענדערט די כוחות־פאַרהעלטענישן צווישן ביידע סיסטעמען, לטובת דעם סאָציאַליזם.

אין קעגנזאַץ צו די פאָרויסזעאונגען פון די היטלעריסטן און מינכען־לייט, און טראָץ די שווערע קרבנות, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט גע־בראַכט פאַרן זיג פון דער געמיינזאַמער זאַך, איז ער אַרויס פונעם שרעקלעכן נסיון נאָך מער פאַרשטאַרקט. זיין אויטאָריטעט און פּרעס־טיזש זיינען אַדאַנק זיין ערשטראַנגיקער ראָל אינעם קריג, געוואַקסן ביי אַלע פעלקער. מערערע לענדער פון צענטראַל־איירָאָפּע האָבן זיך אויך אָפּגעריסן פונעם אימפּעריאַליסטישן סיסטעם. אין די דאָזיקע לענדער האָבן די פעלקער באַגריפן די שעדלעכע ראָל פון די רעאַקציאָנערע קליקעס, וואָס זיינען באַוויזן דורך פאַקטאָרן, וועלכע האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. די דאָזיקע פעלקער האָבן גענומען זייער גורל אין די אייגענע הענט און אויפגעשטעלט דעמאָקראַטישע רעזשימען פון אַ נייעם מין. זיי האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער ווירטשאַפטלעכער און פּאָלי־טישער הערשאַפט פון דער רעאַקציע. די נאַציאָנאַליזאַציעס און דאָס אָפּ־געבן די פּויערן די ערד, וואָס איז ביז דאַן געווען דאָס אייגנטום פון די גרויסע פּריצים, פאַרזיכערן דעם עקאָנאָמישן אויפשטייג און די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, וועלכע גייען פאָרויס צום סאָציאַליזם, מיט דער הילף פונעם ראַטנפאַרבאַנד און אונטער דער פאָן פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

די פאַשיסטישע מלוכות האָבן געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מיליטע־רישע מפּלה. די הויפּט־כוחות פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע זיי־נען צעקלאַפּט געוואָרן. די פּאָזיציעס פונעם וועלט־קאַפּיטאַליזם זיינען

געוואָרן באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט. דייטשלאַנד, איטאַליע, יאַפּאַן האָבן אויפגעהערט צו זיין גרויסמאַכטן. צווישן די זיגרייכע נאַציעס פאַרנעמט נישט מער אונדזער לאַנד קיין ערשטראַנגיקע פּאָזיציע. עס בלייבן בלויז צוויי אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן: די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד; און די לעצטע איז אויך שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

דער מעכטיקער אויפשוווּנג פון דער באַוועגונג פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין די קאָלאָניעס און אין די אָפּהענגיקע לענדער, פאַרשאַרפט דעם קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם. דאָס ריזיקע כינע מיט זיינע 450 מיליאָן איינוווינער געפינט זיך נישט מער אונטער דער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט. אומעטום, אין אַזיע און אין אַפריקע, גייען פאָרויס די פעלקער צו פרייהייט, צו אַ נאַציאָנאַל, אומאָפּהענגיק לעבן.

האָבנדיק פאַר די אויגן דאָס דאָזיקע בילד פונעם סאָציאַליזם, וואָס גייט פאָרויס, און פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס גייט אונטער — ווערט די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע באַהערשט פון אומרו און פחד. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט ווערט אַלץ מער איינגעשרומפּן, ווי די שאַגרין־פעל פון באַלזאַקס באַרימט ווערק. די אַמעריקאַנער און ענגלישע אימפּעריאַליסטן האָבן במשך פון קריג געהאַט אַנדערע צילן ווי דער ראַטנפאַרבאַנד און ווי אַלע פעלקער. דער ראַטנפאַרבאַנד און די פעלקער האָבן געוואָלט ווידער אויפשטעלן און פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטישע רעזשימען, ליקווידירן אומעטום דעם פאַשיזם, פאַרזיכערן דעם שלום, אַננעמענדיק מיטלען קעגן יעדער נייער דייטשער אַגרעסיע, און איינשטעלן אויף אַלע געביטן אַ ברידערלעכע צוזאַמענאַרבעט צווישן אַלע פעלקער. די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד האָבן געוואָלט דאַקעגן אַרויסשטופּן זייערע דייטשע און יאַפּאַנישע קאָנקורענטן און אויפשטעלן זייער אייגענע הערשאַפט.

זינט דעם סוף קריג איז די מיינונג־פאַרשידנהייט וועגן די קריג־צילן — און במילא, אויך וועגן דעם אופן וויאַזוי צו אָרגאַניזירן די וועלט נאָך דער מלחמה — געוואָרן אַלץ טיפער און טיפער. צוויי ריכטונגען האָבן זיך קעגנגעשטעלט אַלץ מער און מער: די פּאָליטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד און פון די דעמאָקראַטישע לענדער, וואָס איז געשטיצט דורך די אַרבעטנדיקע און די דעמאָקראַטן פון דער גאַנצער וועלט און וואָס שטרעבט אונטערצוגראָבן דעם אימפּעריאַליזם און צו פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטיע; און די פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, וואָס איז געשטיצט דורך די רעאַקציאָנערן און די קאָלאָניאַ־

ליסטן פון אַלע לענדער, און וואָס צילט צו פאַרשטאַרקן דעם אימפּעריאַ־ליזם און צו דערשטיקן די דעמאָקראַטיע.

צוויי לאַגערן האָבן זיך געשאַפן איבער דער גאַנצער וועלט: דער אימפּעריאַליסטישער און אַנטי־דעמאָקראַטישער לאַגער, וואָס זעט אינעם קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד אַ מיטל איינצושטעלן די אַמעריקאַנער העגע־מאָניע און צו צעשמעטערן די כּוחות פון דער דעמאָקראַטיע און פון סאָ־ציאַליזם; און דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער און דעמאָקראַטישער לאַגער, וואָס וויל צונישט מאַכן די פּלענער פון אימפּעריאַליסטישן קריג, ראַ־טעווען דעם שלום, פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטיע און ליקווידירן דעם פאַשיזם.

דער הויפּט־ציל פונעם אימפּעריאַליסטישן לאַגער, — שטרייכט אונטער זשדאַנאָוו אויף דער קאָנפערענץ פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון סעפּ־טעמבער 1947, — איז: פאַרשטאַרקן דעם אימפּעריאַליזם, צוגרייטן אַ נייע אימפּעריאַליסטישע מלחמה, קעמפן קעגן דעם סאָציאַליזם און דער דעמאָ־קראַטיע און אונטערשטיצן אומעטום די פּראָפאַשיסטישע, רעאַקציאָנערע און אַנטידעמאָקראַטישע רעזשימען און רעגירונגען.

אין דער צייט, ווען דער ראַטנפאַרבאַנד איז געוואָרן דער צענטער, אַרום וועלכן עס זאַמלען זיך אַלע באַפרייערישע כּוחות און באַוועגונגען — איז די אַמעריקאַנער פּסעוודאָ־דעמאָקראַטיע, אַט „דער פאָלקאָמסטער מוסטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור”, ווי עס איז מודה דער סאָציאַליסט אַנדרעי פיליפּ גופא 1), געוואָרן דער צוציאונג־פּאָלוס פון אַלע צוריק־געשטאַנענע כּוחות און פון די רעאַקציאָנערע קלאַסן, וואָס זיינען פאַרמשפּט דורך דער געשיכטע.

אין 19־טן יאָרהונדערט האָט דער פּרעזידענט מאָנראָע, אַרויסטרעטנ־דיק קעגן יעדן אַריינמישן זיך פון אייראָפּע אין די אַמעריקאַנער ענינים, פּראָקלאַמירט: „אַמעריקע פאַר די אַמעריקאַנער!” די נייע פאָרמול פון טרומאַנען איז: „די גאַנצע וועלט פאַר די אַמעריקאַנער”.

די טרומאַן־„דאָקטרין” דריקט אויס דעם ווילן פון די אַמעריקאַנער טרעסטן און מאָנאָפּאָלן אָנצופירן מיט דער וועלט.

איך וויל ליבערשט די „אונטערנעמונג־פרייהייט”, ווי דעם שלום — דערקלערט טרומאַן. — מיר דאַרפן אומבאַדינגט דערפילן אונדזער אָנפירנדיקע ראָל אין די אינטערנאַציאָנאַלע ענינים... דער נייער מין אָנפירונג, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן איינשטעלן אין דער וועלט, וועט זיין אַ

1) אַנדרעי פיליפּ: „דאָס אַרבעטער־פּראָבלעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן”, ז. 38.

דעצידירנדיקער פאַקטאָר. מיר זיינען די ריזן פון דער עקאָנאָמישער וועלט... פון אונדז הענגט אָפּ די סטרוקטור פון די ווירטשאַפטלעכע פאַר־העלטענישן אין דער צוקונפט.

די דאָזיקע עקאָנאָמישע עקספּאַנסיע־צילן דאַרפן זיין געשטיצט דורך אַ פּאָליטישער און מיליטערישער אַריינדרינגונג, בכדי זיך צו פאַרזיכערן אָפּזאַץ־מערק, האָט דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אומעטום גענומען אויסשפּרייטן זיין נעץ און באַזעצן אַלע וויכטיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס איבערן ערד־קיילעך. ער באַלעבאַטעוועט אין איראַן און אין נאָענטן מזרח, דיקטירט זיין ווילן די לענדער, ווו דער נאָפט איז דאָס הויפּט־רייכטום, אינטערווענירט אין גריכנלאַנד, ווו ער מאָרדעט דאָס העלדישע גריכישע פאָלק, שטיצט אונטער פראַנקאָ קעגן שפּאַנישן פאָלק, פעלשט דורך דראָאונגען און דורך שענדלעכע דרוק־מיטלען די רעזולטאַטן פון די וואַלן אין איטאַליע און דערלאָזט אין פראַנקרייך בלויז אַזעלכע רעגירונגען, וואָס זיינען אים אונטערטעניק.

דער מאַרשאַל־פּלאַן איז בלויז די פּראַקטישע אַנווענדונג פון דער טרומאַן־דאָקטרין.

די קאָמוניסטן האָבן קיינמאָל נישט געהאַט בדעה זיך אָפּצוזאָגן פון וועמענס נישט איז הילף, כדי צוצואיילן דעם ווידעראויפבוי פון אונדזער לאַנד, אָבער מיט דער אויסדריקלעכער באַוואָרעניש, אַז די נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט זאָל בלייבן אומבאַרירט. מיר האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם מאַרשאַל־פּלאַן, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַנגריף אויף דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון די לענדער, וואָס „גע־ניסן" פון אים, ווייל ער ליקווידירט די קריגס־אַנטשעדיקונגען, אויף וועלכע מיר האָבן רעכט; ווייל ער איז אַ מלחמה־פּלאַן קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

דער מאַרשאַל־פּלאַן צילט אויפצושטעלן אונטער דער אַנפירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַ בלאָק פון אַלע מלוכות, וועמען מען לייגט פאָר קרעדיטן מיטן באַדינג, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט און זאָלן אונטערשטיצן די אַגרעסיווע, אַנטי־סאָוויעטישע פּאָליטיק פון די אַמעריקאַנער באַלעבאַטים.

אָט קעגן דעם אַלעם האָבן מיר פּראָטעסטירט — קעגן אָט דעם אַנגריף אויף דער אומאָפּהענגיקייט פון פראַנקרייך און אויף דער סוווערעניטעט און דעם כבוד פון אונדזער לאַנד. כ'האָב אַ געוויסן טאָג זיך אויסגעדריקט פאַר אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט:

מיר קענען מסכים זיין, איר זאָלט אונדז העלפן אָפּקאָכן אונדזער געקעכטס,
אָבער מיר האַלטן נישט, אַז דאָס גיט אייך דאָס רעכט אַריינצוקומען צו
אונדז אין שטוב און יעדע פינף מינוט אַריינקוקן אין טעפּל.

מיר ווילן נישט, אַז פראַנקרייך זאָל ווערן אַראָפּגעגנידעריקט צו דער זעלבער מדרגה ווי פּאָרטוגאַל. מיר ווילן, אַז דאָס פראַנצויזישע פאָלק זאָל אַליין אָנפירן מיט זיינע ענינים.

פונקט, ווי אין די צייטן פון מינכען און פון ווישי, גייען די פריי־ווילעגירטע צוזאַמען מיט די פאַרטיידיקער פון דער אַלטער אָרדענונג, וואָס איז באַזירט אויף דער מאַכט און אויפן רייכטום פון אַ הייפל און אויף דער ירידה, פאַרשקלאַפונג און נויט פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט.

צוליב זייערע קלאַסן־אינטערעסן און פון גרויס שנאה צום פאָלק און צו דער דעמאָקראַטיע, זיינען די רעאַקציאָנערן, הייַנט פונקט ווי נעכטן, מקריב אונדזער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט. זיי זוכן שוץ ביי די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן. דער דאָלאַר האָט פאַרטרעטן היטלערס פאַנצער־דיוויזיעס. אָבער ווידעראַמאָל איז דער קרבן — פראַנקרייך.

עקאָנאָמישע פאַרשקלאַפונג, פּאָליטישע ירידה פון פראַנקרייך! דער מאַרשאַל־פּלאַן העלפט נישט אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין אונדזער לאַנד; ער צילט אונדז צו קאָלאָניזירן. אונדזער נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט נעמט אָן אַלע סימנים פון אַ מין קאָלאָניאַלער ווירטשאַפט, וואָס איז באַגרענעצט צו „לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע און צו דער פּראָדוקציע פון אינדוסטריעלע רווישטאָפן... בעת די פּראָדוקציע פון פאַבריצירטע אַרטיקלען ווערט אַ צווייטראַנגיקע זאַך". די דאָזיקע באַמערקונגען שטאַמען פון סענאַטאָר פּעלענק, וועלכער דריקט אויס זיין באַאומרואיקונג אין שייכות מיט אָט דער ענדערונג. „דער דאָזיקער נייער קורס — שרייבט ער — שטעלט פאַר מיט זיך אַ געוויסע אַנאַלאָגיע מיטן קורס, וועלכן מען האָט געוואָלט אויפצווינגען פראַנקרייך אין די ערשטע חדשים פון דער אָקופּאַציע" 1).

נאָך אונדזער קינאָ־אינדוסטריע, וואָס איז רואינירט געוואָרן דורך די אָפּמאַכן פון בלום־בירנס (1946), האָט מען מקריב געווען אונדזער אַוויאַציע; די מלוכה־פאַבריקן ווערן צוגעמאַכט, די אַרבעטער — אָפּגעזאָגט. די אַרבעטלאָזיקייט, וואָס טרעפט שווער אַלע מאַרשאַליזירטע לענדער, באַ־ווייזט זיך אויך ביי אונדז. פּילצאָליקע אונטערנעמונגען אין די אינדוסטריע־

1) באַריכט אין נאָמען פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע אין ראַט פון דער רעפּובליק, נומ. 254, 12־טער מערץ 1949.

צווייגן פֿון מעכאַניק, עלעקטריע, טעקסטיל, לעדער און פֿעל, פֿיין־סטאַלעריי, שליסן זייערע טויערן אָדער אַרבעטן בלויז טיילווייז.

די „בריטהאַרציקע מתנות" און די „גרויסמוטיקע ווילטאָטן", מיט וועלכע מען האָט אונדז מכלומרשט באַגליקט, האָבן נישט פֿאַרבעסערט דעם גורל פֿון די אַרבעטנדיקע. זיי האָבן, פֿאַרקערט, אים נאָך פֿיל מער פֿאַרערגערט.

דער מאַרשאַל־פּלאַן פֿאַרווערט אונדז צו האָבן אַ נאָרמאַלן סחורות־אויסטויש מיט די מזרח־לענדער, איבער וועלכע אַמעריקע האָט נישט קיין שליטה; ער פּאַראַליזירט אונדזער האַנדל מיט די אַנדערע לענדער, וואָס זייַנען, ווי מיר, אונטערגעוואָרפֿן דעם אַמעריקאַנער ווילן. אונדזערע האַנדלס־באַציאונגען מיט בעלגיע, וואָס איז געווען אונדזער ערשטער קליענט פֿאַר דער מלחמה, מיט דער שווייץ וואָס איז געשטאַנען אויפֿן דריטן אָרט און מיט ענגלאַנד — מאַכן אַדורך אַ שאַרפֿן קריזיס.

די שוועריקייטן וואַקסן ביי אונדז אויף אַלע געביטן. איך האָב געזען אין דואַרנענעי, ווי מען וואַרפֿט פֿיש צוריק אין ים אַריין. די פֿישער פֿון בולאָן, פֿון אַט דעם גרעסטן פֿישפֿאַנג־האַפֿן אין דער וועלט, האָבן געטאָן דאָס זעלבע, און דאָס — אין דער צייט, ווען מען האָט ביי זיי אָפּגעלאָדן פֿיש, וואָס קומען פֿון נאָרוועגיע. איך האָב אין די פּראָווינצן לימוזען און ברעטאַניע געזען פּויערן, וואָס האָבן נישט געקענט פֿאַרקויפֿן זייערע קאַר־טאָפֿל צו 2 פֿראַנק אַ קילאָ; אין דער זעלבער צייט אימפּאָרטירט מען קאַר־טאָפֿל־מעל פֿון האָלאַנד און פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. איך האָב אין די דעפּאַרטעמענטן אָד און העראָ גערעדט מיט אייגנטימער פֿון וויינגערטנער, וואָס האָבן אין חודש מאַי נאָך געהאַט אין זייערע שפּייכלערס 60 פּראָצענט פֿון זייער לעצטער געוועטעניש; דער פּרייז, וואָס זיי באַקומען פֿאַרן ווייַן איז געפֿאַלן ביז 35 פֿראַנק אַ ליטער, אין דער צייט ווען די רעגירונג אימפּאָר־טירט ווייַן פֿון שפּאַניע, פֿון איטאַליע און... פֿון טשילי.

וואָס שייך תּבֿואה, געמען נישט אָן אונדזערע רעגירונגס־לייט, פֿון גרויס נאָכגיביקייט צו די אַמעריקאַנער ווונטשן, קיין שום מאָסמיטלען, וואָס זאָלן דערלויבן ווידער צו דערגרייכן און איבערצושטייגן די ציפֿערן פֿון אונ־דזער פֿאַרמלחמהדיקער פּראָדוקציע: קיין שום הילף פֿאַר די קליינע פּראָ־דוצענטן, קיין שום אונטערשיד אין די פּרייזן. אונדזער גוטע געוועטעניש פֿון 1943 — 7.5 מיליאָן צענטנער — איז געווען אַ ברכה פֿאַר פֿראַנקרייך, אָבער אַן אומגליק פֿאַר די אַמעריקאַנער עקספּאָרטערן, וועלכע האָבן אָפּ־געזעצט ביי אונדז און אין דעם רואיניִרטן אייראָפּע אַלע זייערע באַ־

שעדיקטע סטאַקן. אין 1943 האָט מען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געגעבן 135 מיליאָן צענטנער ווייץ אויף פאַשע פאַר בהמות, און אין קאַנאַדע — 35 מיליאָן צענטנער. אין זעלבן יאָר האָט מען אין אַרגענטינע פאַרברענט אין די לאָקאָמאָטיוו־אויוונס 20 מיליאָן צענטנער ווייץ.

די אַמעריקאַנער מוזן, פאַר יעדן פּרייז, אָפּזעצן זייערע אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע סחורות: אַוויאָנען און פילמען, אויטאָמאָבילן און שווינג־גאָם, תבואה און קאַקאַ־קאָלאַ, און אויך קאַנאָנען און... אַטאָמישע באָמבעס. זיי האָבן צו עקספּאָרטירן קאַפּיטאַלן, וועלכע דאַרפן ווערן פאַרמערט דורכן שווייס פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע לענדער.

אַזוי אַרום ווערט אין די מאַרשאַליזירטע לענדער אָפּגעשטעלט דער אינדוסטריעלער אויפשטייג און דער ווידעראויפבוי. די דאָזיקע לענדער שטויסן זיך אָן אויף אַלץ גרעסערע עקאָנאָמישע, פינאַנציעלע און וואַלוטע־שוועריקייטן; זיי זיינען באַדראָט אַריינגעשלעפּט צו ווערן אינעם וויכער פון עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס שטייט שוין ביי דער טיר אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער זעלבער צייט זעצן פאָר דער ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס מיט דערפאָלג זייער ווערק פון ווידעראויפבוי. זייער פּראָדוקציע שטייגט ווייט אַריבער דעם פאַרמלחמהדיקן ניוואָ; די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטנדיקע האַלטן זיך דאָרט אין איין פאַרבעסערן.

דער מאַרשאַל־פּלאַן באַדייט: דאָס אָפּענע און ציניש אַריינמישן זיך אין די ענינים פון די אַנטשפּרעכנדיקע לענדער, דורך דער פאַרמיטלונג פונעם אַמעריקאַנער פאַרוואַלטער פון דאָזיקן פּלאַן. די לענדער, וואָס „געניסן" פון מאַרשאַל־פּלאַן דאַרפן יעדן חודש איבערשיקן אָט דעם אַדמיניסטראַטאָר באַריכטן וועגן דעם, וויאַזוי די קרעדיטן זיינען פאַרברויכט געוואָרן. די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זייער וואָרט צו זאָגן איבער דער וואַלוטע פון די דאָזיקע לענדער און זיי באַשטימען דעם אויסטויש־קורס.

פראַנקרייכס רעכט אויף קריגס־אַנטשעדיקונגען זיינען אַנולירט געוואָרן לטובת דייטשלאַנד, ריכטיקער געזאָגט, לטובת די אינדוסטריעלער פונעם רור־געביט, וואָס האָבן צוריקבאַקומען זייערע קוילן־ און אייזן־אונטערנעמונגען. אונדזערע שטעט און שטעטלעך מעגן בלייבן אין חורבות; די הונדערטער טויזנטער קריגס־געליטענע מעגן זיך וואַלגערן אין קעלערן און אין פּראָוויזאָרישע באַראַקן! צום אַלעם ערשטן דאַרף מערב־דייטשלאַנד, דאַרף די דייטשע אינדוסטריע ווידער אויפגעשטעלט ווערן! פאַרוואָס? ה' פאָל שעפער, וויצע־פּרעזידענט פון אַן אַמעריקאַנער פאַר־

לאַמענטאַרישער קאָמיסיע, וואָס איז געקומען קיין בערלין, האָט עס אָפּן אויפגעקלערט. דאָס איז דערפאַר, ווייל —

> אַ כּוחות־פאַרמעסט מיט די רוסן, איז פריער אָדער שפּעטער אומ־פאַרמיידלעך, און וואָס פריער — אַלץ בעסער... די מערב־דייטשע אינדוס־טריע וועט קענען אויפגעשטעלט ווערן צו דער צייט, כּדי דייטשלאַנד זאָל שפּילן זיין ראָל אינעם כּוחות־פאַרמעסט... פאַר דייטשלאַנד וועלן מיר באַ־קומען אַזויפיל געלט, וויפל מיר וועלן נאָר וועלן 1).

דער רור־באַסיין, וועלכן מיר האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ רי־זיקן וואַרשטאַט, וואָס זאָל אונטער דער קאָנטראָל פון די פאַרבינדעטע, אַרבעטן פאַרן ווידעראויפבוי פון די לענדער, וועלכע היטלער האָט חרוב געמאַכט — ווערט ווידער אַ קריגס־אַרסענאַל. די אַמעריקאַנער האָבן נישט דערלאָזט, מען זאָל פונאַנדערנעמען די פאַבריקן, וועמענס מאַשינען האָבן געדאַרפט ווערן אָפּגעגעבן די לענדער, וואָס זיינען געווען קרבנות פון דער דייטשער אַגרעסיע. זיי האָבן אָפּגעשאַפט דעם פאַרבאָט, וואָס איז חל געווען אויף געוויסע מלחמה־אינדוסטריעס און אויף כעמישע פּראָ־דוקטן. די אַלומיניום־פּראָדוקציע און דער שיף־בוי זיינען דערלויבט.

דער מאַרשאַל־פּלאַן איז אַזוי אַרום פאַקטיש אַ מלחמה־פּלאַן. ווי קען מען נאָך צווייפלען דערין? די דערקלערונגען פון די פינאַנץ־לייט און מיליטער־לייט, וואָס רעגירן מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, באַווייזן עס. די אַמעריקאַנער פּרעסע צעפלאַקערט די קריגס־היסטעריע דורך אַ טאָג־טעגלעכער העץ־קאַמפּאַניע; ליגן און פּראָוואָקאַציע זיינען אירע באַליבטע מיטלען. געאָגראַפישע קאַרטן, וואָס ווערן איבערגעדרוקט דורך די אַמעריקאַנער זשורנאַלן, ווייזן אָן די סטראַטעגישע באַזעס, וועלכע רינגלען אַרום דעם ראַטנפאַרבאַנד, און צייכענען אָן דעם מאַרשרוט פון די באָמבאַרדיר־אַוויאָנען, וואָס וועלן האָבן אַלס מיסיע צו צעשמעטערן מאָסקווע, לענינגראַד און קיעוו!

שוין אין יוני 1947 האָב איך אויף אונדזער שטראַסבורגער קאָנגרעס דייטלעך געשטעמפּלט דעם אַמעריקאַנער עקספּאַנסיאָניזם און די סכּנה, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאַר דער דעמאָקראַטיע און פאַרן וועלט־שלום 2). אין אַ באַריכט אויפן צענטראַל־קאָמיטעט, דעם 30־טן אָקטאָבער 1947, בין איך, אין נאָמען פון אונדזער פּאַרטיי אַרויסגעטראָטן

1) „דער טאָג", 21 נאָוועמבער 1948.

2) מאָריס טאָרעז: „אין דינסט פון פאָלק", ז. 53, פאַרלאַג פון דער פראַנצוי־זישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פּאַריז 1947.

קעגן קאָלאָניזירן פראַנקרייך, קעגן איינשליסן דאָס לאַנד אין דער זאָנע פון „אַמעריקאַנער זיכערקייט", אַזוי ווי טערקיי, גריכנלאַנד און שפּאַניע. איך האָב געשטעמפּלט די פּאָליטיק, וואָס וויל פאַרוואַנדלען אונדזער לאַנד אין אַ באַזע פאַר קריגס־אָפּעראַציעס קעגן ראַטנפאַרבאַנד, אין אַ בריקן־קאָפּ אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, אינעם שוי־פּלאַץ פון קומענדיקן אַטאָמישן און באַקטעריאָלאָגישן קריג. איך האָב פאַראורטיילט די שטעלונג פון לעאָן בלום און פון די סאָציאַליסטישע פירער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס די אייפעריקסטע אַגענטן פון יענקי־אימפּעריאַליזם; זיי באַמיען זיך צו „אידעאַליזירן" די רעאַקציאָנערע און קריגס־פּאָליטיק פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, ווען זיי שרייבן צו „ברייטהאַרציקע" און „אומאייגננוצלעכע" געפילן; זיי באַנוצן קעגן די קאָמוניסטישע אַרבעטער, קעגן ראַטנפאַרבאַנד, די נייע „אידעאָלאָגישע" וואָפן פון דער רעאַקציע, זיי צעטיילן דעם אַרבעטער־קלאַס און די רעפּובליקאַנער און פאַרבינדן זיך אָפן מיט די שונאים פון פאָלק, מיט די שונאים פון דער רעפּובליק און פונעם שלום. איך האָב גערופן צו איינהייט אַלע אַרבעטער, אַלע דעמאָ־קראַטן, אַלע געוויזענע ווידערשטענדלער, פאַר פרייהייט און שלום, פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט 1).

זינט דאַן האָט דער מאַרשאַל־פּלאַן אַרויסגעבראַכט זיינע לאָגישע קאָנסעקווענצן: דער בריסעלער פּאַקט, אַט די נייע „הייליקע אַליאַנס" פון די קאָלאָניאַליסטישע רעגירונגען קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן זייערע רע־וואָלטירטע שקלאַפן און אויך קעגן זייערע אייגענע פעלקער; מיליטערישע אָפּמאַכן, לויט וועלכע אַן אויסלענדישער גענעראַל־שטאַב האָט זיך באַ־זעצט אין פאָנטענבלאָ; דער לאָנדאָנער אָפּמאַך און די שפּעטערדיקע וואַ־שינגטאָנער באַשלוסן, וואָס באַדייטן דאָס ענדגילטיקע אָפּזאָגן זיך פון די מלחמה־אָנטשעדיקונגען און דאָס שטעלן דייטשלאַנד אויפן ערשטן אָרט אין פּרט פון ווידעראויפבוי; און צולעצט דער אַטלאַנטיק־פּאַקט, וואָס נאָך איידער ער איז געשלאָסן געוואָרן, זיינען 500 אַמעריקאַנער ים־ און לופט־באַזעס איינגעשטעלט געוואָרן אין גרענלאַנד, אין אייראָפּע און אין אַזיע, און אייניקע פון זיי — אַפילו ביי די סאַמע טויערן פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

דער אַטלאַנטיק־פּאַקט ברעכט די שאַרטע פון די פאַראייניקטע נאַ־ציעס. ער פאַרשטאַרקט דאָס באַוואָפענונגס־געיעג. ער שלעפּט אַריין אונ־דזער לאַנד אין אַ זינלאָזער פּאָליטיק, וועלכע איז אין סתירה צו אונדזערע

1) מאָריס טאָרעז: „פאַרטיידיקן די רעפּובליק, ראַטעווען די נאַציאָנאַלע אומ־אָפּהענגיקייט", ז. 22.

עלעמענטאַרסטע אינטערעסן. ער דערמעגלעכט אַמעריקע צו אינטערווענירן קעגן יעדער פּאָליטישער אָדער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, קוואַליפיצירנדיק זי אין געגעבענעם מאָמענט אַלס „אויפשטענדלערישע" און צושרייבנדיק זי אויף אַ רכילותדיקן אופן דעם ראַטנפאַרבאַנד, אַזוי ווי די רעגירונג האָט עס שוין געהאַט געטאָן בעתן קוילנגרעבער־שטרייק אין נאָוועמבער 1948.

דער אַטלאַנטיק־פּאַקט איז אין בפירושער סתירה צו דער פראַנצויזיש־סאָוויעטישער אַליאַנס, וואָס איז פייערלעך באַנייט געוואָרן אין מאָסקווע דורכן גענעראַל דע גאָל, וועלכער האָט אין יאַנואַר 1942 געזאָגט:

צום אַלגעמיינעם אומגליק, האָט מען זינט דורות צו אָפט — דורך איבטריגעס אָדער צוליב אומפאַרשטענדעניש — נישט דערלאָזט צו דער פראַנצויזיש־רוסישער אַליאַנס אָדער איר קעגנגעווירקט. נישט געקוקט דערויף, בלייבט די דאָזיקע אַליאַנס אַ נויטווענדיקייט, וועלכע ווייזט זיך אַרויס בולט ביי יעדן ווענד־פּונקט פון דער געשיכטע.

די, וואָס האָבן אין נאָמען פון פראַנקרייך אונטערגעשריבן דעם אַטלאַנטיק־פּאַקט, נעמען בכלל נישט אין אַכט די שווידערלעכע לעקציעס פון די דריי מלחמות, וואָס האָבן אין משך פון דריי פערטל יאָרהונדערט פאַראומגליקט אונדזער לאַנד, און בעת וועלכע פראַנקרייך איז אָקופּירט און פאַרוויסט געוואָרן דורך די דייטשן, און נישט דורך די רוסן.

דער אַטלאַנטיק־פּאַקט שטעלט ווידער אויף די דייטשע מאַכט — קודם כל די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט, און אינגיכן אויך די מיליטערישע מאַכט. אין אַ קריג קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז אונדזער פריינט און אונדזער פאַרבינדעטער, וועלן, הייסט עס, די רוצחים פון אָראַדור־סיר־גלאַן זיך געפינען זייט ביי זייט מיט אונדז.

אין אַפּריל 1948, רעדנדיק צו דער יוגנט אין ביפאַלאָ־סטאַדיאָן, האָב איך געזאָגט, אַז דער מאַרשאַל־פּלאַן וויל פאַרוואַנדלען אונדזער יוגנט אין אַן אינפאַנטעריע־אַרמיי, וואָס איז פון פאַרויס באַשטימט צו דינען אַלס האַרמאַטן־פלייש אויף די שלאַכט־פעלדער פונעם אַמעריקאַנער קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד. דעם 2־טן מערץ 1949 האָט ה' עטיען זשילסאָן, מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע און געוועזענער מ. ר. פּ.־ראַטמאַן אין רעפּובליק־ראַט, געשריבן אין דער צייטונג „לע מאָנד":

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָס וואָס מען וויל „קויפן" ביי אונדז פאַר דאָלאַרן, דאָס איז ווידעראַמאָל אונדזער בלוט.

פּערטינאַקס שרייבט דאָסגלייכן, אַז דער אַטלאַנטיק־פּאַקט שטעלט אין קאָן דאָס בלוט, דאָס לעבן און די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט פון די פראַנצויזן. מיר קענען נישט פאַרבלייבן פּאַסיוו און געבן דערויף אונדזער הסכמה 1).

צוזאַמען מיט די „קעמפער פאַר פרייהייט און שלום", צוזאַמען מיט די אַלע, וואָס בלייבן טריי דעם אָנדענק פון אונדזערע געפאַלענע, טריי זייער ביישפּיל און זייערע לעצטע ווערטער „זאָגן מיר זיך אָפּ צו באַטראַכטן דעם אַטלאַנטיק־פּאַקט אַלס אָפּמאַך, וואָס איז פאַרפליכטנדיק פאַר פראַנקרייך".

פון דער טריבונע פון דער „נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג" האָב איך איבער־געחזרט די פייערלעכע דעקלאַראַציע פון אונדזער פּאַליטישן ביוראָ, אַ דעקלאַראַציע, וואָס האָט באַקומען אַ באַגייסטערטע צושטימונג אין גאַנצן לאַנד: „דאָס פאָלק פון פראַנקרייך וועט נישט מלחמה האַלטן, וועט קיינ־מאָל נישט מלחמה האַלטן קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד".

אַלס ענטפער אויף די פּראָוואָקאַציעס און אויף די דראָאונגען פון די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן און פון זייערע אַגענטן, איז געקומען די מאָביליזאַציע פון אַלע פעלקער, וועמען ס'איז טייער די אומאָפּהענגי־קייט און דער שלום. ריזיקע כוחות האָבן זיך געלאָזט אין באַוועגונג און קיין זאַך וועט זיי מער נישט קענען אָפּהאַלטן. דער ווראָצלאַווער קאָנגרעס פון די אינטעלעקטועלע (אויגוסט 1948), די קאָנפערענץ פון די פרייהייט־און שלום־קעמפער (דעצעמבער 1948), דער קאָנגרעס פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער דעמאָקראַטישער פרויען־פעדעראַציע אין בודאַפּעשט, האָבן באַוויזן די קראַפט פון דער פאָלקס־באַוועגונג קעגן קריג. אויפן וועלט־קאָנגרעס פון די שלום־אָנהענגער, וואָס איז אין אַפּריל 1949 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַריז, אין זאַל פּלעיעל, אונטערן פאָרזיץ פון גרויסן פראַנ־צויזישן געלערנטן זשאָליאָ־קירי, האָבן זיך פאַרזאַמלט די דעלעגאַטן פון 70 נאַציעס, וועלכע האָבן גערעדט אין נאָמען פון 600 מיליאָן אָנגעשלאָסענע אין דער שלום־באַוועגונג. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָבן „שלום־קאַראַוואַנען", וואָס זיינען געקומען פון די ווידערשטאַנד־צענטערס און פון אַלע אונדזערע גרויסע שטעט, געשטראָמט צום ביפאַלאָ־סטאַדיאָן, כדי הויך צו פּראָקלאַמירן קעגנאיבער די קריגס־העצער, זייער ווילן פון שלום.

די מלחמה איז אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָדוקט פונעם קאַפּיטאַליס־טישן רעזשים. זי איז אָבער נישט פאַטאַל. דער קאַמף צווישן דעם קריג־

1) „פראַנס סואַר", 26־טער מערץ 1949.

לאַגער און דעם שלום־לאַגער אַנטוויקלט זיך כסדר. בעת די כוחות פון קאַפּיטאַליזם ווערן אָפּגעשוואַכט אָן אויפהער, זיינען די כוחות פון דעמאָ־קראַטיע און סאָציאַליזם, די כוחות פון שלום, אין כסדרדיקן אויפשטייג.

זשדאַנאָוו האָט אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער־פּאַרטייען און קאָמוניסטישע פּאַרטייען געזאָגט:

> עס איז אַ גאָר גרויסער מהלך צווישן דעם פּאַרלאַנג פון די אימפּעריאַ־ליסטן פונאַנדערצופלאַקערן אַ נייע מלחמה און די מעגלעכקייטן, וואָס זיי האָבן, די דאָזיקע מלחמה צו אָרגאַניזירן.

די פעלקער זיינען שטאַרקער. זיי וועלן נישט דערלאָזן צו קיין קריג. און אויב די פאַרברעכערישע רעגירונגען וועלן דאָך וואַגן אַריינצו־שטויסן די וועלט אין אַ תהום פון ליידן און רואינען — איז ווי דאַן צו זיי!

אויב נאָר די שלום־אָנהענגער וועלן זיין געאייניקט און וועלן קעמפן, וועלן זיי זיין זיגרייך; ווייל זיי קעמפן פאַרן לעבן און דאָס לעבן טרי־אומפירט שטענדיק איבערן טויט. די אייניקייט פון די אַרבעטנדיקע וועט ברענגען דעם שלום אויף דער וועלט.

קאפיטל 8.

# וואָס עס ווילן די קאָמוניסטן

די עוואָלוציע פון דער געזעלשאַפט. — דער מאַרקסיזם־לעניניזם, אונדזער קאָמפּאַס. — די סתירות פונעם היינטיקן רעזשים. — די פּאַרקנעכטעטע ווירטשאַפט. — דאָס געזעץ פון פּראָפיט. — לעניין און דער פראַנצויזישער פוירער. — די געזעלשאַפט פון מאָרגן. — די היסטאָרישע שליחות פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. — די סיבות פון אונדזערע דערפאָלגן. — דער קאָמוניסטישער מענטש. — דער דעמאָקראַטישער צענטראַליזם. — ריינע, ערלעכע טוער. — די גרויסע קאָמוניסטישע משפחה. — דער אָנשלוס פון די אינטעלעקטועלע. — מיר שמידן דעם המשך פון פראַנקרייך.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז נישט קיין פּאַרטיי ווי אַלע אַנדערע. זי איז די פּאַרטיי פון די אַרבעטנדיקע, די פּאַרטיי פונעם אַרבעטער־קלאַס, וועמענס אינטערעסן זיינען היינט די אינטערעסן פון דער נאַציע גופא, בעת די אַנדערע פּאַרטייען — אפילו ווען אַרבעטער פּאַרבלאַנדזשען אין זייערע רייען — פאַרטרעטן בלויז די אינטערעסן פון קלאַסן אָדער פון סאָציאַלע גרופּן, וועלכע זיינען מער אָדער ווייניקער פּריווילעגירט, מער אָדער ווייניקער פיינטלעך צום אַרבעטער־קלאַס און פרעמד צו דער נאַציע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָריענטירט איר טעטיקייט לויט אַן אויסגעפּרוּווטער ווויסנשאַפטלעכער טעאָריע, די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע טעאָריע.

דער קלאַסן־קאַמף איז דער מאָטאָר פון דער געשיכטע — דאָס איז געווען די גרויסע אַנטדעקונג פון מאַרקס און ענגעלס, די גרינדער פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

מאַרקס און ענגעלס האָבן דערוויזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעל־

שאַפט איז געקומען אויפן אָרט פון אַנדערע געזעלשאַפטן — די פרימיטיווע געמיינשאַפט, די געזעלשאַפט וואָס איז געווען געבויט אויף שקלאַפעריי, דער פעאָדאַליזם — און אַז זי פירט אומפאַרמיידלעך צו אַ העכערער געזעלשאַפט, צום קאָמוניזם. זיי האָבן אַנטדעקט, אַז דער פונדאַמענט פון די דאָזיקע פאַרשידענע געזעלשאַפטן איז: דער אופן וויאַזוי די מענטשן פראָדוצירן און וויאַזוי זיי זיינען גרופירט צווישן זיך אין דער געזעלשאַפטלעכער פראָדוקציע. די געזעלשאַפטן גייען פאַרויס אַלס רעזולטאַט פונעם צוזאַמענשטויס צווישן די פראָדוציר־פאַרהעלטענישן אָדער די אייגנטום־פאָרמען, און די פראָדוקטיווע כוחות וועלכע אַנטוויקלען זיך אינערהאַלב די דאָזיקע פראָדוציר־פאַרהעלטענישן און וועלכע צעשמעטערן זיי לסוף, בכדי זיי צו פאַרטרעטן דורך העכערע פאָרמען.

מאַרקס האָט געשריבן:

דער פראָדוציר־אופן פון די מאַטעריעלע לעבנס־ווערטן באַשטימט דעם סאָציאַלן, פאָליטישן און אינטעלעקטועלן לעבנס־פראָצעס בכלל. נישט דאָס באַוווסטזיין פון די מענטשן באַשטימט זייער זיין, נאָר פאַרקערט — זייער סאָציאַלער זיין באַשטימט זייער באַוווסטזיין. אויף אַ געוויסער שטופע פון זייער אַנטוויקלונג גייען אַריין די פראָדוקטיווע כוחות פון דער געזעלשאַפט אין אַ ווידערשפרוך מיט די עקזיסטירנדיקע פראָדוציר־פאַרהעלטענישן אָדער — וואָס עס איז בלויז זייער יורידישער אויסדרוק — מיט די אייגנטום־פאַרהעלטענישן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געהאַט באַוועגט. די דאָזיקע פאַרהעלטענישן ווערן פון אַנטוויקלונג־פאָרמען פון די פראָדוקטיווע כוחות פאַרוואַנדלט פאַר זיי אין אַ שטערונג. עס עפנט זיך דאַן אַן ערע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע 1).

די דאָזיקע אַלגעמיינע קאָנצעפּציע פון דער וועלט, וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבן באַטראַכט אין איר אַנטוויקלונג, אין אירע ווידערשפרוכן און אין אירע רעוואָלוציעס — דאָס איז דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם,

וועלכער ווערט אַזוי אָנגערופן דערפאַר, ווייל זיין אופן פון באַטראַכטן די נאַטור־דערשיינונגען, זיין פאָרשונג־ און דערקענטעניש־מעטאָד איז אַ דיאַלעקטישער, און זיין אינטערפּרעטאַציע, זיין קאָנצעפּציע פון די נאַטור־דערשיינונגען, זיין טעאָריע — אַ מאַטעריאַליסטישע 2).

די דיאַלעקטיק איז דעפינירט געוואָרן דורך לענינען ווי „די לערע וועגן די ווידערשפרוכן אין עצם תוך פון די זאַכן" און ווי „דער קאַמף

1) קאַרל מאַרקס: „צו דער קריטיק פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע" (פאָרוואָרט), אין „פילאָזאָפישע עטיודן", ז. 69, „עדיסיאָן סאָסיאַל" 1947.
2) י. סטאַלין: „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם און היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", ז. 9, „עדיסיאָן סאָסיאַל" 1947.

צווישן קעגנזאַצן". פאַרן דיאַלעקטישן מעטאָד איז וויכטיק נישט דאָס, וואָס זעט אויס אין געגעבענעם מאָמענט שטאַנדהאַפטיק, אָבער הייבט שוין אָן אונטערצוגיין; וויכטיק איז דאָס, וואָס ווערט געבוירן און וואָס אַנטוויקלט זיך — די כוחות, וואָס גייען אויף.

דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם בינדט ענג צוזאַמען דאָס זיין און דעם געדאַנק. שוין אין 1845 האָט מאַרקס, אין זיינע טעזן וועגן פויערבאַכן, געשריבן: „די פילאָזאָפן האָבן ביז איצט בלויז אינטערפּרעטירט די וועלט אויף פאַרשידענע אופנים, אָבער עס האַנדלט זיך אין טראַנספאָרמירן זי" 1).

דער דיאַלעקטישער מעטאָד באַטראַכט נישט קיין שום דערשיינונג אויף אַן אָפּגעריסענעם אופן, נאָר אין אירע פאַרהעלטענישן מיט די אַנדערע דערשיינונגען, פון וועלכע זי הענגט אָפּ און וועלכע באַשטימען זי.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם — וואָס איז דער מעטאָד פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם אין זיין אָנווענדונג צו געשיכטע — האָט דערמעגלעכט נישט בלויז צו פאַרשטיין די פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך צו באַאיינפלוסן די צוקונפט. די וויסנשאַפטלעכע דאָקטרין פון מאַרקס־ענגעלס־לענין־סטאַלין, די רעוואָלוציאָנערע טעאָריע פון מאַרקסיזם־לעניניזם, איז אַ קאָמפּאַס, וואָס דערמעגלעכט צו באַשטימען מיט זיכערקייט דעם וועג פונעם אַרבעטער־קלאַס.

די גרויסע אַנטדעקונגען פון מאַרקס און ענגעלס זיינען באַרייכערט און אַנטוויקלט געוואָרן דורך לענינען און סטאַלינען אין די נייע באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם און פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דער אַנאַליז און די לערע פון לענין און סטאַלין האָבן — ווי מיר האָבן עס געזען — געוואָרפן אַ העל ליכט אויף די דערשיינונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון אונדזער עפּאָכע, די עפּאָכע פונעם פוילנדיקן קאַפּיטאַליזם, פונעם אימפּעריאַליזם.

אין פראַנקרייך אַנטפּלעקט זיך די צעפאַלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אויף אַ בולטן אופן. אין 1930, בעת אונדזער פּראָדוקציע האָט דערגרייכט איר מאַקסימום, האָט זי איבערגעשטיגן דעם ניווא פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה בלויז מיט 40 פּראָצענט. הייַנט צו טאָג איז די פּראָדוקציע פון גוס און פון שטאָל, וועלכע איז די באַזע פון יעדן אינדוסטריעלן לאַנד, שוואַכער ווי אין 1913.

1) „טעזן וועגן פויערבאַכן", אין „פילאָזאָפישע עטיודן", ז. 59, „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1947.

די פּראָנצויזישע לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז געהאַמעוועט דורך דער באָדן־צעבריעקלונג און וואָס ליידט פון אַלטמאָדישע מעטאָדן און פון מאַנגל אין מעכאַנישע מכשירים, גייט ווייטער באַרג אַראָפּ.

דער ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע מאַסן הערט נישט אויף צו פאַלן.

דער דאָזיקער גאַנצער פּראָצעס פון פונאַנדערפאַל ווערט פאַרשנעלערט דורכן מאַרשאַל־פּלאַן. אַט צו דער דאָזיקער ירידה פון דער פּראַנצויזישער ווירטשאַפט, אַ ירידה וואָס איז אַ פּראָדוקט פון די באַדינגונגען גופא פונעם רעזשים, ווילן מיר אַ סוף מאַכן. אונדזער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט איז גלייכצייטיק אַ קאַמף פאַרן נאַציאָנאַלן וווילשטאַנד.

בלויז די קאָמוניסטן ברענגען פּאָזיטיווע לייזונגען, ווייל בלויז זיי האָבן אַנטדעקט די טיפע סיבות פונעם בייז און בלויז זיי קעמפן, כדי די דאָזיקע סיבות צו באַזייטיקן. ווען די קייטן, וואָס האַמעווען די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות וועלן זיין צעריסן, וועלן מיר בייווינען אַ שנעלן אויפשטייג פון דער פּראָדוקציע.

ביז איצטער איז דער מענטש געווען דאָס שפּילצייג פון די עקאָנאָמישע כוחות, וועלכע ער האָט געלאָזט אין באַוועגונג ווי יענער מכשפס תלמיד פון דער לעגענדע. נאָך פעריאָדן פון וווילשטאַנד בלייבט ער דער־דריקט דורך די קריזיסן, וואָס ער איז נישט געווען ביכולת צו פאַרמיידן... ער שטייט אַנמעכטיק און פאַרצווייפלט אין אַנבליק פון דער פּאַראַדאָקסאַלער דראַמע — די דראַמע פון נויט אין שפע, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אונדזער גרויסער אוטאָפּיסט פוריע.

די מאָדערנע פּראָדוציר־מיטלען זיינען נישט מער אין הסכם מיט די אייגנטום־פאָרמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אז"ב, איך טעכנישער הינזיכט באַנוצט מען דעם אַוויאַנען־מאָטאָר, האַלט מען זיך אָבער אין סאָציאַלער און עקאָנאָמישער הינזיכט נאָך אַלץ ביי די אַלטע דיליזשאַנסן...

דער פאָרשריט פון דער וויסנשאַפט און פון דער טעכניק, די פּערספּעקטיוון, וואָס עס עפנט אונדז די אַטאָמישע תקופה, פאַרשטאַרקן נאָך מער די נויטווענדיקייט און דרינגלעכקייט, אַז דער מענטש זאָל אָנפירן מיט די עקאָנאָמישע כוחות. די טרוימען פון די אַלטע חכמים און פילאָזאָפן זיינען פון געביט פון פאַנטאַזיע אַריבער צום געביט פון מעגלעכע און רעאַליזירבאַרע זאַכן. די געשיכטע האָט אַרויפגעלייגט אויף די קאָמוניסטן די

אויפגאַבע אַדורכצופירן אין לעבן דאָס, וואָס איז געווען בלויז פאַרגעפיל ביי אַריסטאָטעלעס און דעקאַרט.

עס איז צייט, אַז ס'זאָל אַ סוף נעמען צו די אומזיניקייטן פון אַ רעזשים, וועלכער זוכט אין מלחמות און אין מאַסן־פאַרניכטונג פון מענטשן און רייכטימער, אַ רפואה צו דער „איבערפּראָדוקציע"; אַ רעזשים, וועלכער פאַרניכטעט אָדער לאָזט פאַרלוירן גיין אַן אַ שיעור פּראָדוקטן, אין דער צייט ווען הונדערטער מיליאָנען מענטשן האָבן נישט מיט וואָס זיך צו דערנערן און באַקליידן; אַ רעזשים, וואָס נוצט זיך אין אַרבעטלאָזע בכדי צו קענען דריקן די לוינען, און אין וועלכן דאָס רייכטום פון יחידים קומט פון דער נויט פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פונעם כלל.

די קאָמוניסטן ווילן פאַרגעזעלשאַפטלעכן די גרויסע פּראָדוציר־מיטלען; זיי האָבן לגמרי נישט בדעה אָפּצושאַפן דאָס קליינע לאַנדווירטשאַפטלעכע, קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע אייגנטום. זיי האַלטן, אַז דאָס עקאָנאָמישע לעבן, וועמענס יסודות עס וועלן געלייגט ווערן דורכן פאַרגעזעלשאַפטלעכן די גרויסע פּראָדוציר־מיטלען, וועט קענען אָרגאַניזירט ווערן בלויז דורך אַ פרייוויליקער מיטאַרבעט צווישן די קליינע און מיטעלע פויערן, די קליינהענדלער און קליינע אינדוסטריעלער מיטן אַרבעטערקלאַס.

די קאָמוניסטן האָבן בדעה איבערצולאָזן פאַר די אַנטשפּרעכנדיקע צדדים גופא, דעם אויסוואַל פון די קאָנקרעטע פאָרמען פון דער דאָזיקער מיטאַרבעט. עס האַנדלט זיך אויף קיין פאַל נישט וועגן אויפצווינגען זיי. ענגעלס האָט געזאָגט, אַז דער קליינער פויער, וואָס קלאַמערט זיך אין זיין פּיצל ערד, דאַרף אַליין זיך איבערצייגן אין דער העכערקייט פון דער גרויסער לאַנדווירטשאַפט, וואָס דער סאָציאַליזם דערמעגלעכט; מען וועט אים, אָבער, דאַרפן לאָזן אויף זיין שטיקל ערד כל זמן ער וועט דאָרט וועלן בלייבן.

די קאָמוניסטן, וואָס קעמפן פאַר אַ געזעלשאַפט פון וועלכער די סאָציאַלע אומגלייכהייט וועט זיין פאַרטריבן, זיינען נישט קיין „פונאַנדערטיילער" און נישט קיין „גלייכמאַכער". דאָס צעפּיצלען די גרויסע פּראָדוקציע איז אַן עקאָנאָמישע אוממעגלעכקייט: צעטיילן זיך מיט מאַשינען הייסט — פאַרניכטן זיי. וואָס שייך דער „גלייכמאַכעריי", וואָס וואָלט באַשטאַנען אין אַריינקוועטשן אַלע מענטשן אינעם זעלבן סדום־בעטל, איז דאָס אַ סאָציאַלע אוממעגלעכקייט: עס זיינען פאַראַן נאַטירלעכע אומגלייכקייטן צווישן די מענטשן, וואָס שטאַמען פון זייערע ביאָלאָגישע און

פסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן. די אומגלייכהייט, וואָס די קאָמוניסטן ווילן אָפּ־שאַפן, דאָס איז די אומגלייכהייט, וועלכע איז אַ פועל יוצא פון דער עקזיס־טענץ פון קלאַסן. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געניסן נישט די מענטשן פון די זעלבע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייערע פעאיקייטן. דער מיליאָנער און דער אַרבעטלאָזער ווערן אָפיציעל אָנערקענט אַלס יורידיש־גלייכע און אַלס פרייע, איינער ווי דער אַנדערער; אָבער די דאָזיקע פרייהייט פירט דעם ערשטן אין די פּאַלאַצן פון דער ריוויערע און דעם אַנדערן אונטער דער בריק. דער מענטש פון מאָרגן וועט נישט זיין קיין סטאַנדאַריזירטער און מעכאַניזירטער „ראָבאָט”; ער וועט זיין אַ פרייע און שטאַרקע פערזענלעכקייט, וועמענס פעאיקייטן און טאַלענט וועלן זיך ברייט פונאַנדערבליען.

דער קאַפּיטאַליזם ווייזט זיך אַרויס אַלס אומפעאיק, נישט בלויז פאַר־צוזעצן דאָס ווערק פון ציוויליזאַציע, נאָר אַפילו אויפצוהאַלטן איר ביז־איצט דערגרייכטן ניוואָ. די טרעסטן האָבן מורא פאַר די נייע דערפינ־דונגען, וואָס וואָלטן געקענט ברענגען שאָדן זייערע מאָנאָפּאָל־פּראָפיטן. עס איז באַקאַנט דער ביישפּיל פון די נאַפט־טרעסטן, וואָס האָבן פריער געפּרוווט שטערן די דערפינדונג — און דערנאָך די אינדוסטריעלע אויסנוצונג — פון די נייע פּראָדוציר־אופנים פון סינטעטישן נאַפט. די אַטאָמישע ענערגיע ווערט געהאַלטן אין געהיים אין די פאַראייניקטע שטאַטן און איז באַשטימט בלויז צו פאַבריצירן מכשירים פון טויט, אַנ־שטאָט צו דינען פאַרן וווּל פון לעבן. אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז אונטער־געוואָרפן דעם געזעץ פון פּראָפיט, איז וויכטיק נישט דער אַלגעמיינער וווילשטאַנד, נאָר די באַרייכערונג פון אַ פּאַראַזיטישער מינדערהייט.

די אויפשטייגנדיקע בורזשואַזיע האָט געהאַט געגלויבט אין פּראָגרעס און זיך געשטיצט אויף דער וויסנשאַפט. די אונטערגייענדיקע בורזשואַזיע שרעקט זיך פאַרן פאָרשריט פון דער טעכניק; זי שטעלט זיך אַנטקעגן די נייע דערפינדונגען און צעשרייט זיך דורכן מויל פון אירע אידעאָלאָגן: „שמידט אין קייטן דעם פּראָמעטעאוס פון דער וויסנשאַפט!”

אָט דעם פּראָמעטעאוס פון דער וויסנשאַפט וועלן באַפרייען די קאָ־מוניסטן.

דער אָפּגעשטאַנענער קאַפּיטאַליזם חלומט וועגן גיין אויף צוריק, וועגן אומקערן זיך צו די צייטן פונעם פּאַטריאַרכאַלן מיטלאַלטער, צו די צעכן, צום האַנטווערק. דאָס האָט געפּריידיקט פּעטען. מען קען אָבער נישט דרייען אויף צוריק דאָס ראָד פון דער געשיכטע.

דער קאַפּיטאַליזם איז פּעאיק געווען אַנצוווענדן די וויסנשאַפט ביים אָרגאַניזירן די אַרבעט, בלויז כדי צו פאַרגרעסערן זיינע רווחים. ער האָט פאַרגרעסערט די אַרבעט־לייסטונג אויפן חשבון פון פיזישן און מאָראַלישן געזונט פונעם אַרבעטער. די ראַציאָנאַליזאַציע האָט גורם געווען צו וואָס אַמאָל צאָלרייכערע פאַרפאַלן.

אין דער צייט, ווען די פּריווילעגירטע באַווייזן זיך אַלס די פאָנעןטרעגער פון עגאָאיזם, פון מאַלטוזיאַניזם, פון אָבסקוראַנטיזם, ווילן די קאָמוניסטן, עס זאָל זיך אָנהייבן פאַר אַלעמען די עפּאָכע פון סאָלידאַריטעט, פון שפע, פון וויסן. ביי היינטיקן טאָג איז די וויסנשאַפט ווייט פאַרויסגעגאַנגען לגבי דער סאָציאַלער גערעכטיקייט. מיר דאַרפן — מחמת דאָס איז שוין היינט מעגלעך צו רעאַליזירן — ברענגען אין איינקלאַנג די גערעכטיקייט און די וויסנשאַפט.

פראַנקרייך — האָט געשריבן פּראָפעסאָר לאַנזשווען — באַזיצט אַן עלעקטריע־אינדוסטריע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר זייער אַ קליינעם טייל פון אירע ענערגיע־קוואַלן; אָבער די דאָזיקע אינדוסטריע דערמעגלעכט דאָך יעדן פון אונדז צו האָבן צו זיין דיספּאָזיציע אַ געהאָרכזאַמען, גוט־דערצויגענעם, גוט־דרעסירטן און שטענדיק־געזונטן שקלאַף. די פראַנצויזן פאַרמאָגן, בלויז אַדאַנק זייערע דינאַמאָ־מאַשינעס, פערציק מיליאָן שקלאַפן, וואָס זיינע באַשאָנקען מיט אַ פּרעכטיק געזונט, מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער בויגזאַמקייט, מיט אַן אַ שיעור מעלות און מעגלעכקייטן. זיי קענען אונדז וואַרעמען, אונדז אָפּקילן, באַלייכטן, פאַרווילן, אונדז פלעגן, רוימען און קאָכן, זינגען, פילן אָדער זען פאַר אונדז... מיר קענען מיט זייער הילף באַנייען דעם אַלטערטימלעכן וווּנדער פונעם מענטשגאָט, וואָס איז באַפרייט פון פאַרשקלאַפערישער אַרבעט...

די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון זשאָליאָ־קירי און פון זיינע קאָלעגן זיינען בכוח אונדז צו באַשענקען איניגיכן מיט אַ צווייטער אַטאָמישער באַטעריע, וואָס וועט קענען צושטעלן דעם לאַנד אַזעלכע ענערגיע־קוואַלן, ווי די, וואָס עס שאַפט דער גאַנצער קוילנגרובן־באַסיין פון פּאַ־דע־קאַלע.

שוין לענין האָט אין 1921, באַהאַנדלענדיק דעם אַגראַר־פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי, אָנגעוויזן אויף אַ באַזונדערס־קלאָרן אופן אין זיינע באַמערקונגען, ווי עס וועט אויסזען אונדזער לאַנד, ווען עס וועט פּטור ווערן פון דער הערשאַפט פונעם קאַפּיטאַל.

מיר שיינט..., אַז מען דאַרף נישט בלייבן אין די ראַמען פון דעם, וואָס איז נאָרמאַל פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער טעכניק, און אַז מען וואָלט באַדאַרפט מאַכן אַ טריט פאָרויס. מען וואָלט באַדאַרפט זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער נויטווענדיקייט פון דער פולשטענדיקער, פּלאַנירטער עלעקטריפיקאַציע פון גאַנץ פראַנקרייך. וועגן דער אַבסאָלוטער אומ־

> מעגלעכקייט זי צו רעאַליזירן אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פויערן כל זמן מען האָט נישט אַראָפּגעוואָרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, כל זמן דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט דעראָבערט די מאַכט... פראַנקרייך פאַרמאָגט ווונדערבאַרע מעגלעכקייטן פון עלעקטריפיקאַציע. אויב דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט געזיגט אין פראַנקרייך, דאַן וואָלט די עלעקטריפיקאַציע — איינגעשטעלט לויט אַ פּלאַן, וואָס וואָלט זיך נישט געדאַרפט רעכענען מיטן פּריוואַט־אייגנטום פון די גרויסע ערד־באַזיצער און פון די קאַפּיטאַליסטן — געבראַכט געוואַלטיקן נוצן, און אין דער ערשטער ריי דעם קליין־פויערטום. אויב אָבער די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן האַלט ווייטער אָן, איז אויסגעשלאָסן, אַז די עלעקטריפיקאַציע זאָל זיין אַ שנעלע און פּלאַנירטע; אויף וויפל זי וועט רעאַליזירט ווערן, וועט זי בלויז פאַרשטאַרקן די פאַריאָכונג, די שקלאַפעריי פון די פויערן, וואָס ווערן באַרויבט דורך דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע 1).

אין אַ ווירטשאַפט, וואָס איז פריי פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, וועט דער פּראָדוקט פון דער אַרבעט אינגאַנצן געהערן צום כלל. קיין גראָשן וועט מער נישט גיין פאַר צוועקן פון פאַרניכטונג, פון באַוואָפענונגען, פון מלחמות; אַלץ וועט זיין פאַרוואַנדן פאַר בויען דאָס לעבן, פאַר הייזער, אוניווערסיטעטן, שפּיטאָלן, לאַבאָראַטאָריעס... די וויסנשאַפט וועט מאַכן גיגאַנטישע פאָרשריטן. מיטן געלט, וואָס עס קאָסט אָפּ אויפצובויען איין קריגס־שיף, וועט מען קענען, אין עטלעכע יאָר, ענדגילטיק באַזיגן דעם טובערקולאָז און דעם ראַק.

דער קאַפּיטאַליזם בויט נישט צוריק אויף אונדזערע שטעט, וואָס די מלחמה האָט חרוב געמאַכט, און ער לאָזט שטיין די אומגעזונטע הייזער. אין פאַריז — די שטאָט פון ליכט — זיינען צענדליקער טויזנטער מענטשן צונויפגעדרענגט אין דירות, אויף וועלכע דער היגיענע־אַמט האָט אָנגעקלעפּט אַן אויפשריפט : „טויט־געפאַר". זעקס הונדערט טויזנט פאַריזער זיינען אויסגעשטעלט אויף טובערקולאָז. די אומגעזונטע ווױנונגען האָבן אַלס רעזולטאַט אַ הויכע קינדער־שטערבלעכקייט. אויב מען בויט נישט ווידער אויף די געביידעס, וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן דורך די באָמבאַרדירונגען, אויב מען נעמט נישט אַראָפּ די אומגעזונטע הייזער־גרופּן, בכדי אויפצובויען אויף זייער אָרט מאָדערנע ווױן־הייזער, מיט היגיענישע באַדינגונגען און מיט קאָנפאָרט; אויב מען פירט נישט דורך די אַרבעטן, וואָס וואָלטן פאַרזיכערט דאָס געזונט און די צוקונפט פון די קומענדיקע דורות — איז עס דערפאַר,

---

1) „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די פויערן־פראַגע", ז"ז 53—54, „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1949.

ווייל די דאָזיקע אַרבעטן גיבן נישט קיין גענוגנדיקע רווחים די גרויסע קאַפּיטאַליסטן פון די געזעלשאַפטן פאַר אומבאַוועגלעכע גיטער.

ווען דער קאָמוניזם וועט ווערן פאַרווירקלעכט אין פראַנקרייך, וועט מער נישט זיין קיין פאַרשווענדערישקייט, קיין קריזיסן, קיין אַרבעטלאָזיקייט, קיין שום געלט־אויסגאַבן אויף אויסצוהאַלטן אַן אַנגעשוואָלענע ביוראָקראַטיע אָדער אויף צו באַרייכערן די קאַנאַנען־הענדלער. אַלע וועלן זיין זיכער מיטן מאָרגן. די קינדער וועלן באַקומען די געהעריקע שוץ און דערציאונג; די זקנים וועלן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און זיין גליקלעך; דער וועג וועט זיין אָפן פאַר אַלע פעאיקע מענטשן און נישט בלויז פאַר די, וואָס זיינען פּריווילעגירט צוליב יחוס און פאַרמעגן. דאָס אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן וועט דערלויבן צו פאַרקירצן באַדייטנדיק די אַרבעט־שעהן און פונאַנדערצוטיילן אומזיסט די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, פונקט ווי לופט און וואַסער.

מאַרקס האָט אין זיין „קריטיק פון גאָטאַ־פּראָגראַם” געזאָגט, אַז דער קאָמוניזם וועט אַנווענדן די פאָרמול: „יעדער לויט זיינע פעאיקייטן, יעדן לויט זיינע באַדערפעניש!”

די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט איז דער אידעאַל פון די אַלע, וואָס ליידן פון דער היינטצייטיקער סאָציאַלער אָרדענונג, אין דער ערשטער ריי — פונעם פּראָלעטאַריאַט, „וואָס קען בלויז פאַרלירן זיינע קייטן”. די דאָזיקע געזעלשאַפט וועט ווערן אויפגעשטעלט דורך די פּראָלעטאַריער אין ענגען בונד מיט אַלע קרבנות פון די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַטאָרן, און אין דער ערשטער ריי — מיט די אָרעמסטע פויערן.

איידער זי וועט דערגיין צו דער דאָזיקער לעצטער סטאַדיע, וועט די געזעלשאַפט דורכגיין אַ פאַזע, ווו יעדער וועט באַקומען לויט זיין אַרבעט; דאָס איז אַ ריזיקער פאָרשריט לגבי דער היינטיקער געזעלשאַפט, וועלכע איז באַזירט אויף דער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, אויף עקספּראָפּריאַציע, גנבה און געוואַלט.

צווישן דער קלאַסנלאָזער און דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט גייט־דורך אַן איבערגאַנג־פּעריאָד, בעת וועלכן דער אַרבעטער־קלאַס וועט דירעקט אויסאיבן זיין מאַכט; דאָס קען בלויז זיין די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. די מאַכט פון די אַרבעטנדיקע וועט צעשמעטערן דעם ווידערשטאַנד פון די געוועזענע הערשנדיקע קלאַסן. זי וועט פאַרזיכערן, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, די באַדינגונגען פון דער סאַמע ממשות־

דיקער, סאַמע ברייטסטער דעמאָקראַטיע פאַר דער ריזיקער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, וועלכע איז ביז דעמאָלט געווען אונטערגעיאָכט דער דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל. ווען עס וועט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פאַרשווינדן יעדע מלוכה־פאָרם און יעדע מלוכה־מאַכט וועט דאַן — ווי דאָס האָט אויף אַ געניאַלן אופן פאָרויסגעזען סען־סימאָן — „אַנשטאָט דאָס רעגירן איבער מענטשן קומען דאָס פאַרוואַלטן מיט זאַכן".

די היסטאָרישע ראָל פון די קאָמוניסטן איז צו העלפן דער קומענדיקער געזעלשאַפט זיך אויסצושיילן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט אַזוי ווי דער שמעטערלינג שיילט זיך אויס פון דער קוקליע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פון די באַנייאונג־כוחות, וועלכע זיינען געקומען צום פולן באַוווסטזיין פון זייער היסטאָרישער שליחות. דעריבער מאַכט זי אַן אונטערשייד צווישן די אויפגאַבן פון היינט און די אויפגאַבן פון מאָרגן, צווישן די באַלדיקע צילן און די צילן פון דער צוקונפט: זי פאַרגעסט קיינמאָל נישט, אַז „יעדע עפּאָכע שטעלט פאַר זיך בלויז די אויפגאַבן, וועלכע זי קען לייזן" (מאַרקס).

* * *

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פירט צו דער ברידערלעכער געזעלשאַפט פון מאָרגן. זי פאַרלאָזט אָבער נישט דעם קאַמף פאַר די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן. מיר קעמפן, כדי צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די אַרבעטנדיקע אין די ראַמען פון דער איצטיקער געזעלשאַפט.

> פּראַקטיש גענומען זיינען די קאָמוניסטן דער אַנטשלאָסנסטער טייל פון די אַרבעטער־פּאַרטייען פון אַלע לענדער, אַט דער טייל וואָס רייסט־מיט אַלע אַנדערע; טעאָרעטיש גענומען האָבן זיי אין פאַרגלייך מיטן איבעריקן טייל פון פּראָלעטאַריאַט די מעלה, וואָס זיי באַנעמען אויף אַ קלאָרן אופן די אַנטוויקלונג־באַדינגונגען און די אַלגעמיינע צילן פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג 1).

דאָס פאָלק, וועמען מיר האָבן תמיד געזאָגט דעם אמת, האָט אונדז געזען ביי דער אַרבעט. עס האָט אונדז געאורטיילט לויט אונדזערע מעשים און עס שענקט אונדז זיין צוטרוי. ביז היינט צו טאָג ציילט אונדזער פּאַרטיי 900.000 מיטגלידער און באַקומט לערך 6 מיליאָן שטימען ביי די וואַלן.

1) ק. מאַרקס און פ. ענגעלס: „דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", ז. 2, „עדיסיאָן סאָסיאַל", 1947.

די דערפאָלגן פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן מערערע סיבות:

1) אַ קלאָרער און געניטער פּראָגראַם, וואָס אַנטשפּרעכט גלייכצייטיק די באַדערפעניש פון דער צייט און די גרויסמוטיקע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פונעם פראַנצויזישן פאָלק;

2) די אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי, די אַטמאָספער, וואָס הערשט אין איר, איר ווונדערבאַרער אָפּטימיזם און איר צוטרוי, די קרעפטיקע ברידערלעכקייט, וואָס פאַראייניקט אַלע אירע מיטגלידער, זייער איבערגעגעבנקייט, די ערנסטקייט און די ווירדע פון זייער לעבן; דער הויכער ווערט פון אירע אָנפירער, אַלטע און יונגע, מאַרסעל קאַשען, זשאַק דיקלאָ, אַנדרעי מאַרטי און אַזויפיל אַנדערע;

3) די קאָנקרעטע אויפטוען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַרמעטום, ווו זי האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען איר שאַפערישע אַקטיוויטעט און צו שטיין ביים רודער, נעמלעך אין דער פאַרוואַלטונג פון די קאָמוניסטישע מוניציפּאַליטעטן;

4) די קלאָרזעעוודיקייט פון דער פּאַרטיי אין די פאַרמלחמהדיקע יאָרן, איר אומאויפהערלעכער קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון דער אַזויגערופענער „נישט־אינטערווענץ”, קעגן דעם מינכענער פּאַראַט, קעגן די מעשים פון דער 5־טער קאָלאָנע, וואָס האָבן געעפנט דעם וועג דער מלחמה און דעם היטלעריזם;

5) די מוסטערהאַפטע האַלטונג פון דער פּאַרטיי אין דער מלחמה קעגן דעם דייטשן אָקופּאַנט און קעגן די פאַרעטער פון ווישי; דער מוט, די מסירת־נפש פון אירע קעמפער, וואָס זיינען זיך מקריב געווען אין די צענדליקער טויזנטער פאַר דער רעטונג פונעם פאָטערלאַנד און פאַרן טריאומף פון זייער קאָמוניסטישן אידעאַל.

אומזיסט די מי פון די אַלע, וועלכע וואָלטן וועלן אָפּמעקן די בלעטלעך פון רום און הערויזם, וואָס אַזוי פיל פראַנצויזישע קאָמוניסטן האָבן אָנגעשריבן מיט זייער בלוט! אומזיסט די טרחה פון די דינער פון קעניג־דאָלאַר, וואָס וואָלטן וועלן מיט דער הילף פון דער תורה פון די געבעלסעס און פיליפּ אָנריאָס, אונדז פאַרשטעלן ווי „פרעמדע” אין דער נאַציע! דער קרבן פון אונדזערע געפאַלענע, די מעשים פון די לעבעדיקע זאָגן עדות פאַר אונדזער פּאַרטיי, וועלכע איז בלוט פונעם בלוט

און פלייש פונעם פלייש פון אַרבעטער־קלאַס און די פאַנעך־טרעגעריין פון די האָפענונגען פון פראַנצויזישן פאָלק.

דער קאָמוניסט, דאָס איז נישט אַ דער סעקטאַנט, אַ דער באַגרע־נעצטער פאַנאַטיקער, וועגן וועלכן עס רעדן די שונאים פון פאָלק; ער איז דער אַוואַנגאַרד־קעמפער, דער פיאָנער פון דער צוקונפט, דער נייער מענטש, וואָס באַמיט זיך איבערצוצייגן אַלע אַרבעטנדיקע און געווינט זיי, דורכן ביישפּיל פון זיין גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט פאַר זייער זאַך.

איידער עס ווערן באַשטימט די ריכט־ליניעס פון דער פאַרטיי, דיסקוטירט וועגן זיי יעדער קאָמוניסט אין זיין גרופּע אויף דער באַזע, אין זיין קעמערל. יעדער זאָגט אַרויס פריי זיין מיינונג אין די ראַמען פון די פאַרטיי־פּרינציפּן. אויב דער פאַרטיי־מיטגליד איז גערעכט, דאַן זיגט זיין שטעלונג, און זיינע חברים באַשטימען אים אויפן פּאָסטן, וואָס אַנטשפּרעכט זיינע פעאיקייטן און זיין פּערזענלעכן ווערט. ווי באַר די דיסקוסיע איז פאַרענדיקט און מען דאַרף איבערגיין צו מעשים, וואַרפט זיך יעדער אונטער און ווענדעט אָן דעם באַשלוס פון דער מער־הייט. די גאַנצע פאַרטיי האַנדלט ווי איין מענטש. די אויסגעוויילטע אָנפירונג וואַכט דערויף, אַז די באַשלוסן זאָלן ווערן דורכגעפירט אין לעבן. די אויסגעוויילטע צום פּאַרלאַמענט, צום סענאַט, צו די גענע־ראַל־ראַטן אָדער שטאָט־ראַטן, ווענדן אָן די פּאָליטיק פון דער פאַרטיי אונטער דער קאָנטראָל פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. אָט דאָס איז דער דעמאָ־קראַטישער צענטראַליזם.

אין אַ לאַנד, וואָס איז אונטערגעוואָרפן די גרויסע פינאַנץ־געזעל־שאַפטן, ווו די פּאָליטישע סקאַנדאַלן זיינען אָפטע דערשיינונג, ווו אַזויפיל געוויילטע פאָרשטייער זינקען אין דער בלאָטע פון קאָרופּציע, ווו דער גרויס־קאַפּיטאַל קויפט און פאַרקנעכטעט אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך פאַרקויפן — מענטשן פונקט ווי קעגנשטאַנדן — איז נייטיק אַנצונעמען די געהעריקע גאַראַנטיעס, איידער מען שטעלט אַרויס פאַר די אַרבעטנדיקע וויילער די קאַנדידאַטן פון דער פאַרטיי.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט קיינמאָל נישט געהאַט צו פאַרציי־כענען, אַז דער מינדסטער פלעק זאָל פאַלן אויף וועלכן נישט איז פון אירע געוויילטע פאָרשטייער. זיי זיינען אַריין אין דער פאַרטיי אָרעם און זיינען פאַרבליבן אָרעם. זיי האַלטן זיך שטענדיק ביי אונדזער כלל, בלייבנ־דיק טריי דעם ביישפּיל פון די העלדישע פירער פון דער קאָמונע פון 1871, וועגן וועלכע מאַרקס רעדט — אָט די,

> װעלכע האָבן אויסגעפירט זייער אַרבעט באַשיידן, געוויסנהאַפט און ווירקזאַם, און האָבן עס אויסגעפירט פאַר לוינען, וואָס די גרעסטע פון זיי־דערגייען — לויט דער מיינונג פון אַ הויכער וויסנשאַפטלעכער אויטאָריטעט — קוים צו אַ פינפטל פון דעם, וואָס איז דער נייטיקער מינימום פאַר אַ סעקרעטאַר פון אַ געוויסן פאַרוואַלטונג־ראַט פון די לאָנדאָנער שולן 1).

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אינטערעסירט זיך, נישט בלויז מיט אירע מיטגלידער, נאָר פאַרנעמט זיך אויך מיט זייערע משפחות, מיט זייערע פרויען, מיט זייערע קינדער. זי רייסט נישט אָפּ דעם פאָלקס־קעמפער פון זיין משפחה; זי שליסט איין אַט די משפחה אין דער ברידערלעכער אַרמיי פון די פאָלקס־קעמפער. ווי פריידיקער און לייכטער עס איז פאַרן קאָמוניסט צו דערפילן זיין אויפגאַבע, ווען ער ווייסט, אַז די פּאַרטיי פאַרגעסט נישט אין די אַלע, וואָס זיינען איר טייער!

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז נישט קיין פּאַרטיי פון בעלי־חלומות, וויזיאָנערן, פּלאַפּלערס אָדער דאָקטרינערן. זי איז אַ פּאַרטיי פון רעאַליזאַטאָרן. דאָס, וואָס אירע מיניסטאָרן האָבן דורכגעפירט, זייענדיק אין דער רעגירונג, דאָס וואָס זי האָט פאַרווירקלעכט אויפן מוניציפּאַלן געביט, איז אַ גענוגנדיקער באַווייז דערפון. אירע אויפטוען אין די מוניציפּאַליטעטן האָבן איר פאַרשאַפט אָנערקענונג פון די מאַסן און אַכטונג פון די קעגנער.

נישט בלויז די פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען אַזוי פילבאַר, אַזוי גרויסמוטיק, שענקען זייער צוטרוי אונדזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אויך די אינטעלעקטועלע זיינען צאָלרייך צו איר צוגעשטאַנען. דער מאַרקסיזם־לעניניזם איז אַריינגעדרונגען אין די אוניווערסיטעטן. אַ ריי אָנגעזעענע פּראָפעסאָרן האָבן אָנגענומען זיין לערע, נישט געקוקט אויפן קאָנפאָרמיזם פון די אָפיציעלע אוניווערסיטעט־קרייזן. די באַרימטסטע וויסנשאַפטלער, שרייבער, קינסטלער שטייען־צו צום קאָמוניזם. די אַרבעטנדיקע האָבן אויפגענומען מיט פרייד די דאָזיקע מענטשן פון גייסט, פאַר וועמען די דירעקטע באַרירונג מיטן פאָלק פון פראַנקרייך האָט באַדייט אַן אמתער גייסטיקער און מאָראַלישער ווידערגעבורט, און וועלכע קענען זאָגן, צוזאַמען מיט אַראַגאָנען:

> מיין פּאַרטיי האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס עכטע פראַנקרייך.

אויסמישנדיק זיך מיט די אַרבעטנדיקע, האָבן די אינטעלעקטועלע

---

1) קאַרל מאַרקס: „דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך, 1871״, ז. 64.

צוריקגעפונען דעם אורקוואַל פון די גרויסע קינסטלערישע און ליטעראַרישע שאַפונגען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז די, וועלכע שמידט דעם המשך פון פראַנקרייך, אַז זי איז דער באַרעכטיקטער יורש פון זיינע בעסטע טראַדיציעס, דער עכטער פאַרשטייער פון זיין קולטור; אַ פּאַרטיי, וואָס זעצט פאָר די יחוס־קייט פון די ריזן פון מענטשלעכן גייסט, וועלכע האָבן — פון ראַבלע ביז דידראָ און ביז ראָמען ראָלאַן — געקעמפט פאָר דער באַפרייאונג פונעם מענטשן.

אַזוי אַרום, פאַרזעצנדיק דעם עבר, וועמענס גייסטיקע דעראָבערונגען זי האָט איבערגענומען, רייסט־מיט די קאָמוניסטישע פאַרטיי דאָס לאַנד צו שענערע מאָרגנס.

און דער קאָמוניסטישער טוער, וואָס ווידמעט די דאָזיקע בלעטלעך זיינע אַרבעט־ברידער, זיינע קאַמף־חברים, אָט די אַלע, וואָס אַרבעטן, ליידן און האָפן, איז איבערגעצייגט, — אינעם מאָמענט, ווען נייע שטורעמס הייבן זיך אויף איבער דער וועלט — אַז אונדזער שיף פון פראַנקרייך גייט נישט צום אָפּגרונט, אַז זי וועט זיך נישט איינברעכן ביי די שטרויכל־פעלזן פון קנעכטשאַפט און מלחמה, נאָר וועט, אונטערן אימפּולס פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון זיין נאָבעלן אידעאַל, וואָס די קאָמוניסטן פאַרקערפּערן מיט זיך, גיין — ווי דאָס האָט געזאָגט דער דיכטער — פאָרויס צו אַ צוקונפט פון ליכט, פון פרייהייט און פון ברידערלעכקייט,

אַהין ווו ס׳וויסן באַשטראַלט די הויך און די טיף,
ווו ס׳בייז איז געטויט און פאַרגעסן אויף שטענדיק,
די פרייד פון גליקלעכן מענטש לייכט העל און בלענדיק —
זי טראָגט זיך אַהין אונדזער רומפולע שיף...

**שואַזי לע רואַ, יוני 1949.**

# אינהאַלט:

זייט

קאַפּיטל 1. — דערוואַכונג . . . . . . . . . . . . . . 7

קאַפּיטל 2. — אויף דער לער . . . . . . . . . . . . . . 37

קאַפּיטל 3. — דער קאַמף פאַר איינהייט . . . . . . . . . . 65

קאַפּיטל 4. — דער פאָלקס־פראָנט . . . . . . . . . . . . . 85

קאַפּיטל 5. — פראַנקרייך אין אַנבליק פון דער היטלערישער געפאַר 105

קאַפּיטל 6. — די מלחמה . . . . . . . . . . . . . . . 135

קאַפּיטל 7. — אונדזער שלאַכט פאַרן ווידערגעבורט פון פראַנקרייך,
פאַר אומאָפּהענגיקייט, פאַר שלום . . . . . . . . . . 165

קאַפּיטל 8. — וואָס עס ווילן די קאָמוניסטן . . . . . . . . . 197

Achevé d'imprimer en
Avril 1950, à l'occasion
du 50e anniversaire de
MAURICE T H O R E Z,
sur les Presses de la
S. I. P. N., 14, Rue de
Paradis - PARIS (Xe)

אַרויס פון דרוק
אין אַפּריל 1950, צום
50־טן געבוירנטאָג פון
מאָריס טאָרעז,
אין דער דרוקעריי
ס. י. פּ. נ., 14 רי
דע פּאַראַדי, פּאַריז־10.